STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05024

KRITISHE OPRUFN VEGN DER SHAFUNG FUN EFRAYIM SHRAYER.

Permanent preservation of this book was made possible
by Philip & Ruth Spergel
in honor of
their grandchildren

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קריטישע אָפּרופן וועגן

דער שאַפונג פון

אפרים שרייַער

דעם ט. רויטער פריינד שפילבערג [illegible]

[illegible]

[illegible]

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
ליטעראַטור-פֿאָנד בײַם י.ל. פּרץ-פֿאַרלאַג

קריטישע אָפרופן
וועגן דער שאַפונג
פון
אפרים שרײַער

פארלאג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב תשנ״א — 1991

KRITISHE OPRUFN VEGN DER SHAFUNG FUN EFRAIM SCHREIER

י. ל. פרץ־פאַרלאַג, ברנר 14, תל־אביב
I. L. Peretz Publishing House
14 Brenner Str., TEL-AVIV

©
Printed in Israel 1991
נדפס בישראל תשנ״א

נסדר ונדפס בדפוס ״יחיעם״ ת״א, טל : 375 943



דערשינענע ביכער פון אפרים שרײַער

אירענאַ אײַכלער
(קריטישע סטודיע), וואַרשע 1939

פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן
פאַרלאַג „נײַוועלט", מינכען 1948

אמנות ותיאטרון
הוצאת י. ל. פרץ תל־אביב 1958

דיוקן ומסכה
הוצאת מחברות לספרות ת"א 1965

בײַ היימישע שוועלן
פאַרלאַג י. ל. פרץ תל־אביב 1976

בלעטער פון מײַן אַלבאָם
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1978

עלי אביב
הוצאת י. ל. פרץ, תל־אביב 1979

פרילינגס־בלעטער
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1981

עסטעטישע ווערטן
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1985

י. ראַפּאָפּאָרט

דאָס לעצטע יידישע בוך אין וואַרשע פון פאַרן חורבן

איך האָב סוף 1938 אָדער אָנהויב 1939 באַקומען אַ בריוו פון אַן אומבאַקאַנטן מענטשן — אפרים קריגעל־שרייער: צי וואָלט איך נישט גענומען אויף זיך די טרחה איבערצוקוקן זײַנעם אַ מאַנוסקריפּט? אויב יאָ, וועט ער מיר דעם מאַנוסקריפּט אַרײַנשיקן.

דער בריוו איז געווען פון אַ קליין גאַליציאַנער שטעטל טלומאַטש. דער בריוו איז געווען אָריגינעל מיט דעם, וואָס געוויינלעך פלעגן שרײַבער צוערשט אַרײַנשיקן די מאַנוסקריפּטן און דערנאָך ערשט צושיקן אַ בריוו וועגן דורכקוקן און אַרויסזאָגן אַ מיינונג. אַט די מורא פאַר אָנוואַרפן זיך, אַ מורא וואָס איז מיר אַזוי באַקאַנט און סימפּאַטיש, האָט מיר אַ סך געזאָגט, און כ'האָב געענטפערט דעם אומבאַקאַנטן, ער זאָל אַרײַנשיקן דעם מאַנוסקריפּט. איך האָב אין קורצן באַקומען דעם מאַנוסקריפּט, מיט אַ קאַרטל אַלס צוגאָב, אַז אויב איך וועל האַלטן דעם מאַנוסקריפּט פאַר ראוי געדרוקט צו ווערן, זאָל איך אים אויסרעדאַגירן, ווײַל דער יידיש זיינער, וויס ער, איז נישט קיין געהויבענער.

איך האָב זיך געריכט אויף אַ ראָמאַן, אויף דערציילונגען, אויף אַ דראַמע אָדער אויף לידער, — ווי געוויינלעך די אַרײַנגעשיקטע מאַנוסקריפּטן; אָבער דאָס מאָל איז נישט נאָר דער בריוו געווען אָריגינעל, נאָר אויך דער מאַנוסקריפּט: אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער

באַרימטער פּוילישער אַקטריסע אירענאַ אײַכלער.

אַ גרינטלעכע קריטישע אָפּהאַנדלונג אין ייִדיש וועגן אַן אַקטיאָר אָדער אַן אַקטריסע איז בכלל געווען אַ זעלטנקייט, — בפרט וועגן אַ פּוילישער אַקטריסע. און אַ גאַנץ ביכל!

איך האָב געלייענט דעם מאַנוסקריפּט און געזען, אַז דער מחבר איז נישט נאָר אַ גרויסער ענטוזיאַסט פון דער זייער באַגאַבטער אַקטריסע, נאָר אַז ער ווייס פאַר וואָס און פון וואָס ער איז באַגײַסטערט; איך האָב געזען, אַז דער מחבר קען גוט דעם טעאַטער און פילט אים גוט. די פאָרם איז געווען צו אָפט רוי, אומבאַהאָלפן, די שפּראַך האָט נאָך מער געהונקען, אָבער דער קערן איז געווען אַ געזונטער, אַפילו אַ צוזאָגנדיקער.

איך האָב דעם מחבר געענטפערט, אַז זײַן ביכל האָט רעכט צו באַווײַזן זיך אין דער ליטעראַטור, אָבער די שפּראַך דאַרף באַאַרבעט ווערן. איך קאָן דאָס — צוליב מאַנגל אין צײַט — נישט אָננעמען, ווײַל דער מאַנוסקריפּט קאָן נישט צוגעפּוצט ווערן, — מען דאַרף אים איבערשרײַבן און בײַם איבערשרײַבן שפּראַכלעך איבערפורעמען, שטעלן די זאַצן מיטן קאָפּ אין דער הויך, און דערבײַ אויך אויסבעסערן ווערטער.

כ׳האָב אים אויך אָנגעפרעגט וואָס צו טאָן מיטן מאַנוסקריפּט (אינעם קאַרטל האָט ער מיר געהאָט געבעטן אים נישט צוריקשיקן צו אים אין שטעטל).

* * *

איין מאָל, אין אַ פאַרנאַכט, קלינגט מען צו מיר און ס׳קומט אַריין אַ בלאָנדער יונגערמאַן, אַ שלאַנקער, און שטעלט זיך פאָר אַלס אפרים קריגעל־שרײַער.

ער איז שוין אַ מאָל געהאַט געווען אין וואַרשע. אַפילו געשריבן — אין פּויליש און אין ייִדיש — אין די לינק־פּועלי־ציוניסטישע אויסגאַבעס; ער איז פון פאַך אַ קונסט־מאָלער, אָבער מיט אַ שטאַרקער ליבע צום טעאַטער און צו טעאַטער־קריטיק, אויך צו קינאָ.

ער האָט פאַרמאָגט וויסן, אָבער זיינע מיינונגען האָט ער אַרויס־געזאָגט נישט מיט גלאַנץ, אָפט ווי פון ביכל אַרויס. אָבער אײַנעסן זיך אין אַ טעמע האָט ער געקאָנט, ווי זעלטן ווער! אַ וויזיט פלעגט בײַ אים דויערן נישט ווייניקער ווי אַ שעה דרײַ, פיר, אַפילו ווען ער פלעגט זען, אַז זײַן קומען רייסט מיך אָפּ פון אַן אַרבעט, און די גאַנצע דרײַ, פיר שעה פלעגט ער נישט אָפּלאָזן פון זײַן טעמע, באַזונדערס אויב זי פלעגט האָבן אַ שײַכות צו מאַרקסיסטישער קונסט־קריטיק.

און נאָך אַ טעמע פלעגט ער נישט אָפּלאָזן: די רעדאַקציע פון זײַן מאַנוסקריפּט!

היות איך בין געווען אײַנגעשפּאַרט און פאַר קיין פאַל און פאַר קיין געלט נישט געוואָלט רעדאַגירן זײַן ביכל (איך האָב גע־האַלטן, אַז בײַ אַן אָנשטרענגונג קאָן ער דאָס טאָן אַליין, אויב אַפילו נישט אויף הונדערט פּראָצענט), פלעגט ער יעדן טאָג קומען מיט איינצלנע ווערטער, מיט איינצלנע זאַצן, מיט איינצלנע פּאַראַג־ראַפן, און איינצלנע זײַטלער.

איך פלעג זיך צאַפּלען, קאָכן, איך פלעג שלײַדערן בליצן, אַפילו אים באַליידיקן, אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן: ער פלעגט שטיין אַ פאַרשעמטער און נישט ענטפערן, נישט אַוועקגיין און נישט צוריק־נעמען די געבראַכטע זײַטלער, ביז איך פלעג באַקומען דרך־ארץ פאַר זײַן ערנסטער באַציִונג צום וואָרט, פאַר זײַן גרייטקייט צו לײַדן פאַר אים און כ'פלעג חרטה האָבן אויף מײַן היציקייט און צונעמען „צום לעצטן מאָל" דאָס זײַטל, — און אַזוי כסדר.

דערנאָך האָט ער פאַרפירט מיט מיר אַ קאַמף וועגן דער קאָרעקטור. און ער האָט אויסגעפירט מיטן זעלבן מעטאָד: אַ וואָרט, אַ זאַץ, אַ זײַטל...

איך האָב זיך פאַרשאָלטן דאָס לעבן, איך האָב זיך געגעבן אַ וואָרט מער נישט אָנצונעמען קיין פאַרשלאַג צו זאָגן מבינות אויף אַ ווערק פון אַן איידעלן מחבר.

אָבער ווען אַלץ איז געווען פאַרענדיקט און דאָס בוך האָט

געזאָלט דערשײַנען, האָב איך דערפילט אין דער דאָזיקער עקשנות, אין דאָזיקן „אָנלייגן זיך" נישט דאָס עגאָיִסטישע, נאָר די זאָרג און די ליבע פאַרן וואָרט. און נישט נאָר איך האָב פאַרגעבן דעם מחבר, נאָר איך האָב געהאַט טענות צו זיך, וואָס איך האָב טאַקע נישט גענומען אויף זיך בשלימות די רעדאַקציע — ביזן איבערגיסן־איבערשרײַבן אין אַן אַנדערן שפּראַכלעכן פורעם — און די קאָ־רעקטור פון דאָזיקן ביכל. אמת, דאָס וואָלט מיר געווען שווער... אָבער סײַ־ווי איז דאָך מיר געווען שווער צו „רעדאַגירן" און „קאָ־רעקטירן" אַ טייל פון בוך, מער נישט אויף אַן אומבאַפרידיקנדיקן אופן... און סײַ דאָס בוך, סײַ דער מחבר האָבן פאַרדינט אַן אָנ־שטרענגונג.

דאָס בוך איז דערשינען קורץ פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה. דער מחבר האָט קוים באַוויזן אויסצולייזן דאָס בוך בײַם דרוקער און עס איבערגעבן צום אײַנבינדער. אָבער אויסלייזן עס פונעם אײַנבינדער האָט ער שוין נישט געקאָנט, — ס'האָט נישט געסטײַעט נישט נאָר קיין געלט, נאָר קיין ענערגיע אויך נישט; די טרײַב־קראַפט פון זײַן ענערגיע, דער פאַרלאַנג אויסצוגעבן דאָס בוך, האָט אויסגעטריקנט: דאָס בוך איז דאָך שוין געווען פאַרטיק.

מיט געציילטע טעג פאַרן קריג איז ער אַרײַנגעלאָפן צו מיר און מיר געלאָזן אַ ביכל: ער האָט אויסגעוויינט בײַם אײַנבינדער — אויף באָרג — עטלעכע רעצענזיע־עקזעמפּלאַרן, — גיט ער מיר אויך אַ בוך.

אין „הײַנט" האָט זיך נאָך באַוויזן אַ פּאָזיטיווע רעצענזיע פון י. מ. ניימאַן וועגן דאָזיקן ביכל, און דער קריג האָט זיך איבער אים אַראָפּגעלאָזן, ווי איבערן גאַנצן יידישן לעבן אין פּוילן.

איך ספק, צי איין עקזעמפּלאַר איז אַפילו אַרויס פון די גרענעצן פון פּוילן.

דאָס איז געווען — אויף וויפל איך ווייס — דאָס לעצטע יידישע בוך, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע, אָבער עס האָט שוין נישט באַוויזן אַרײַנצוגיין אין דער יידישער ליטעראַטור.

סײַדן דער מחבר האָט אָפּגעשפּאַרט פון אַ פרישטיק אויף מאַרקעס, אַרויסצושיקן זײַן אויסגעוויינטן ערשטלינג מעבר לים.

* * *

איך האָב אפרים קריגעל־שרײַערן געזען אין קאָוועל, וווּהין מיר זענען ביידע אַנטלאָפן פאַר היטלערס מאַרש אויף וואַרשע. מײַן זײַן אין קאָוועל איז פאַרבונדן מיט דערינערונגען וועגן דאָזיקן יונגן שרײַבער, אָבער די דאָזיקע דערינערונגען ווערן פאַרצייכנט אין מײַן בוך „אָט אַזוי איז דער מענטש" (פון וואַרשע ביז ווילנע).

נאָך דער מלחמה פלעג איך אָפט טראַכטן וועגן מחבר פון לעצטן דערשינענעם בוך אין וואַרשע. איך האָב נישט געוווּסט ווּ ער איז אַהינגעקומען, וואָס זײַן גורל איז געווען.

ערשט אין 1949 האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער האָט איבער־געלעבט די מלחמה אין ראַטן־פאַרבאַנד, און געפינט זיך איצט אין מינכען, ווּ ער איז איינער פון די רעדאַקטאָרן פון אַ לינק־פּועלי־ציוניסטישער צײַטונג.

און אָט איצט, נאָכן צונויפשרײַבן זיך מיט אים, ליגט פאַר מיר ווידער זײַנס אַ בוך: „פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן".

איך גיב אַ מיש דאָס בוך, — אויך דאָ רעדט ער, אַלס אילוס־טראַציע צו זײַן געדאַנק, — וועגן אירענאַ איײַכלער.

און מען דערפילט אַ וואַרעמלעכן הויך אין דער קאַלטער, גליווערנדיקער אַטמאָספער פון אונדזער לעבן: נישט נאָר אפרים שרײַער איז געבליבן לעבן, נאָר אויך זײַן גײַסט איז עקשנותדיק טעטיק, אומגעבראָכן.

יאָ, עס איז אונדז שווער גובר צו זײַן: גיי קעמף מיט גײַסט, מיט עקששנותדיקן גײַסט.

און ווען איך זע (אָפּט) זײַן בוך, אַ נאָך נישט געלייענטס, אויף מײַן טיש, דאַכט זיך מיר, אַז ער קוקט פון אים אַרויס אויף מיר עקשנותדיק דער מחבר זײַנער און מאָנט שטום, שעמעוודיק מען זאָל זײַן בוך לייענען.

דער שעמעוודיקער איידעלער אפרים שרייער ווערט צודרינגלער ווען עס קומט צו פּראָבלעמען פון גײַסט בכלל און צו זײַן גײַסטיקן שאַפן בפרט.

און עס וועט מיר סוף־כל־סוף, גאָרנישט העלפן: צי איך האָב יאָ צײַט צי נישט; צי איך האָב יאָ כּוח צי נישט — ער וועט מיך בײַקומען, כ׳וועל אים מוזן לייענען.

און ווען ער וועט מיך גובר זײַן, וועט נישט נאָר ער זײַן צופרידן.

— אויך איך, ווי דאָן מיט זײַן בוך „אירענאַ אײַכלער״.

„אויסטראַלער יידישע צייטונג״, מעלבורן

ב. גראָובאַרד

„פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן״

(וועגן ניי־דערשינענעם בוך פון אפרים שרײַער)

דער נאָמען פון בוך איז ווייניק פּרעציזירט. ווען מען טרעט צו צום לייענען ווייסט מען ניט, וואָס דער מחבר וויל באַהאַנדלען אין דעם בוך: צי די פּסיכישע שאַפונגס־פּראָצעסן, אָדער פראַגן פון עסטעטיק, צי איינצלנע קונסט־פאָרמען, צי דאָס געשיכטלעכע אין קונסט אָדער אפשר סאָציאַלע.

די ניט־פּרעציזירטקייט פון דעם נאָמען לאָסטעט אויף דעם בוך. עס איז אין דעם בוך דאָ אַבסאָלוט צו פיל ניט סיסטעמאַטיזירטע געדאַנקען, צו פיל באַרירטע און ניט־געלעזטע פּראָבלעמען, צו פיל

ניט־דערגרונטעוועטע טיפענישן — אַז דאָס בוך זאָל קענען טרעפן צו אַ דורכשניטלעכן לייענער.

עס איז ניט אַזוי לייכט אָנצונעמען, אַז דער מחבר האָט געשריבן פאַר יחידי־סגולה, קודם־כּל, ווײַל דער מחבר איז אַ סאָציאַל דענקענדיקער מענטש.

דער ווערט פונעם בוך ליגט אין דעם אַוועקשטעלן פּראָבלעמען, אין דעם וואָס ער קען וועקן אינטערעס פאַר פראַגן פון קונסט אין אונדזער געזעלשאַפט.

קונסט איז איינער פון די גרעסטע סודות פון דעם מענטשלעכן גײַסט. ווען אַ דיכטער שאַפט אין געוויינלעכע ווערטער, וועלכע מיר געפינען אין יעדן ווערטער־בוך, אַ ליד, וואָס רופט אַרויס עמאָציעס, געפילן, אַ נײַע וועלט־איינשטעלונג בײַם לייענער — שאַפט ער עפּעס אומשטערבלעכעס פון זיך אַליין, פון זײַן גײַסט.

ווען אַ מאָלער גיט אַזאַ מין קאָמפּאָזיציע פון פאַרבן, ליכט און שאָטן, וואָס וועקט אַ וועלט פון עסטעטישע איבערלעבענישן און הערט אויף צו זײַן נאָר אַן אילוסטראַציע פון דעם אַקטועלן — דאַן שאַפט ער אומשטערבלעכעס.

אַזאַ מין שאַפן איז פאַר אונדז אַ מיסטעריום, ווי די שאַפונג פון ששת ימי בראשית. דאָס שאַפן רײַסט זיך ערגעץ אַרײַן אין אַזעלכע ספערן, וועלכן מיר רופן אַן געטלעכע.

מיר קענען ניט מיט אַ קאָנקרעטער מאָס צוטרעטן צום קינסטלערישן שאַפן, ווײַל מיר זעען ניט זײַן אַרכיטעקטאָנישן פּלאַן און קענען אים ניט מיט מאַטעמאַטישער זיכערקייט רעפּראָדוצירן.

עס וואָלט געווען זייער גוט, ווען דער קינסטלער אַליין וואָלט אונדז אַרײַנגעפירט אין פּראָצעס פון שאַפן און געקענט אויפדעקן דעם פּסיכישן מעכאַניזם, לויט וועלכן עס אַנטשטייט אַ קונסטווערק. ליידער האָבן די קינסטלער דאָס ניט געטאָן. זייערע ווערק קומען צו אונדז אַן פּרושים.

שריפטשטעלער, וואָס מאַכן אַנטדעקונגס־רייזעס אין דער אינערלעכער פּסיכיק פון דעם מענטש, זײַנען ניט אימשטאַנד זייער אייגע־

נעם שאַפונגס־פּראָצעס צו אַנאַליזירן.

פאַר דער גזעלשאַפט איז וויכטיק צו פאַרשטיין דעם פּראָצעס פון שאַפן, אויפצודעקן די כוחות, וועלכע די געזעלשאַפט פאַרמאָגט אינעם קינסטלער און פעסטצושטעלן די קעגנזײַטיקע ווירקונג פון קונסט און לעבנססטיל.

די קונסט אַלס אַזעלכע איז אַ פונקציע פון דעם סאָציאַלן לעבן און האָט סאָציאַלע אויפגאַבן.

פאַר אונדז ייִדן איז די קונסט, די ליטעראַטור, די דיכטערישע פאַנטאַזיע געווען אין משך פון לאַנגע עפּאָכן כּמעט דער איינציקער סטימול פון לעבן, די אינערלעכע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. מיר האָבן אין בעסטן זין פון דעם וואָרט, טעאַטראַליזירט אונדזער לעבן, טייל מאָל דאָס קאָנקרעטע פאַרטראָטן דורך עמאָציע, דאָס גשמיות־דיקע מיט דעם גײַסטיק־קינסטלערישן.

פאַר אונדז איז ליטעראַטור געווען כּמעט די קאָנצענטראַציע פון אַלע פאָרמען פון נאַציאָנאַלן לעבן; און דעריבער איז פאַר אונדז די פראַגע, וועלכע אפרים שרײַער באַהאַנדלט, ניט נאָר טעאָריע. די אַרבעט איז אין דער הינזיכט די איינציקע אין דער שארית־הפליטה.

עס מוז געזאָגט ווערן, אַז דאָס בוך איז ניט אָנגעשריבן פּאָפּולער. דער מחבר האָט באַשווערט דאָס פאַרשטיין מיט אַ נײַ־געשאַפענער נאָמענקלאַטור, וועלכע איז ניט פּרעציזירט געוואָרן.

דער באַגריף „פּסיכאָריטמיק”, למשל, איז אַ חידוש גאָר אין אויסדרוק. ס'איז אמת, וואָס דער מחבר ציטירט, אַז: „די גאַנצע וועלט פון מענטשלעכע צווישנבאַציִונגען שטעלט מיט זיך פאָר אַ געשלאָסענע ריטמישע קייט”. נאָך מער, עס איז אמת, אַז דעם געזעץ פון ריטמיק וואַרפט זיך אַפילו אונטער יעדער בוימײַסטער און אינזשינער בײַ זייער טעכנישער אַרבעט און זיי מוזן אין זייער פּלאַן אַרײַנקאַלקולירן די שוואַנקונגען פון מאַטעריאַל און פון קאָנסטרוקציע. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער מענטש אונטערליגט דעם געזעץ פון ריטמיק; אָבער די ריטמיק, די „פּסיכאָריטמיק”, ווי

שרײַער רופֿט דאָס אַן, אַנטשטייט ניט „אין פּראָצעס פֿון גײַסטיק־קינסטלערישן שאַפֿן". די ריטמיק איז פֿאַראַן און מען קען זי ניט קלאַסיפֿיצירן אויף „נאַטירלעכע א. א.".

אין דער שפּראַך גופֿא זײַנען פֿאַראַן צוויי קאָמפּאָנענטן: דאָס לאָגישע, ראַציאָנעלע און דאָס מוזיקאַלישע עלעמענטאַרע. שפּראַכלעבע שאַפֿונג, ליטעראַריש שאַפֿן — באַדײַט אַרויספֿילן און פֿיקסירן די איינהייט, דיווירקלעכקייט פֿון דער שפּראַך אין איר לאָגישן און מוזיקאַלישן אויסדרוק גלײַכצײַטיק. די איינהייט, ווירקלעכקייט פֿון דער שפּראַך — איז דאָס אורוויקסיקע, לעבנספּעזיקע, לעבנס־שאַפֿנדיקע און אומשטערבלעכע — דאָס איז ליטעראַטור, דאָס איז דער סוד פֿון דער פּאָעזיע. טויט־געבאָרענע פּאָעזיע, אויסגעקינצלטע מאַך־אַרבעט ווערט געבאָרן, ווען איין טייל פֿון דיביידע שפּראַך־קאָמפּענענטן וואַקסט איבער דעם צווייטן, ווען איין עלעמענט פֿאַרדרענגט דעם צווייטן. דעמאָלט ווערט די שאַפֿונג שטייף, אומבאַהאָלפֿן, דעקאָראַטיוו־הויל, מאַניר־אַרטיק, אָדער, מעכאַניש — מיט איין וואָרט: טויט.

די ספֿערע פֿון דער שפּראַך, אין וועלכער דאָס לאָגישע און דאָס ריטמישע ווערט אַן אָרגאַנישע איינהייט, רופֿט אַן הערמאַן גלאָקנער, „די עסטעטישע ספֿערע". אין דער ספֿערע לעבט דאָס, וואָס מיר רופֿן אַן קונסט.

עס דוכט זיך מיר, אַז דאָ האָבן מיר די לאָגישע און מוזיקאַלישע ריטמיק פֿון קונסט, וועלכע אפֿרים שרײַער באַשרײַבט אונטער דעם וואָרט „פּסיכאָריטמיק"; און איך מיין, אַז אין דער אַטמאָספֿער איז שוין די אויעראַל־ספֿערישע" באַדינגלעכקייט גיט נויטיק; איבערהויפּט, אַז זי בלײַבט אומפֿאַרשטענדלעך ווײַל אין איר ווערט אַ סימבאָל אויפֿגעהויבן צו אַ מדרגה פֿון אַן אַרטיסטישער באַדינגלעכקייט.

גאַנ ריכטיק באַציט זיך דער מחבר צו דעם „מעכאַנישן רעאַליזם" אין דער קונסט, די פּראָגע פֿון געפֿיל און זײַן אויסדרוק וועקט תמיד הייסע דיסקוסיעס אין דער אַרטיסטישער וועלט.

מיר, ווייסן היינט, אַז דאָס געפיל, דאָס איבערלעבן אים קאָנ־קרעט איז גאָר אַן אימפּולס, וועלכער מאַכט דורך אַ ריי טראַנס־פאָרמאַציעס איידער עס קען זיך אַנטפּלעקן אין קונסטפאָרם. דאָס, וואָס מיר רופן אַן אוממיטלבאַרע קונסט, אויפריכטיקער אַרטיסטישער אויסדרוק, נאַטירלעכקייט — איז אַ פּועל־יוצא פון אַ שטאַרק קאָמ־פּליצירטן גייסטיקן פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר אין דער נשמה פון דעם קינסטלער.

טאָמאָס מאַן זאָגט:

„דאָס געפיל, דאָס וואַרעם־האַרציקע געפיל, איז תמיד באַנאַל און גיט צום נוצן. קינסטלעריש זיינען נאָר קאַלטע עקסטאַזן פון אונדזער פאַרדאַרבענעם, אַרטיסטישן נערוון־סיסטעם. מען מוז צו דעם מענטשלעכן ווייט און אומבאַטייליקט שטיין.

ס'איז אַ סוף מיט דעם קינסטלער, ווען ער ווערט אַ מענטש און הויבט אָן צו פילן מענטשלעך".

איז עס דעקאַדענטיש? ניין, כּמעט אמת!

עס זעט אויס פּאַראַדאָקסאַל, איראָניש לגבי דעם קינסטלער און גרינגשעצנדיק לגבי דעם מענטש און זיינע געפילן און דאָך מוזן מיר דאָס אָננעמען פאַר אַ טיפן סוד מצד דעם קינסטלערישן גייסט.

שטימט דאָס תּמיד?

מיר בלאָנדזשען דאָ אין דער פינצטער. עס טרעפט זיך, אַז מיר פילן זיך איינגעהילט אין אַ קינסטלערישער אַטמאָספער אין וועלכער עס הערשט עפּעס אַ לאַנגזאַמקייט אַ פלעגמאַטישע רויִקייט און מיר זעען פאַר די אויגן ממש דעם דיסטאַנס צווישן דעם ערשטן געפיל־אימפּולס און צווישן דעם קונסטווערק. עס איז גענוג, אַז מיר דערמאָנען זיך אָן מענדעלע־מוכר־ספרים, אין זיין עפּישער פּעדאַנטעריע, אין זיין איראָנישן אַקצענט, וואָס נאַטירט אַלץ, אַן יעדער ליידנשאַפט. ניט אומזיסט זיצט ער, דער זיידע

מענדעלע, אויף דער קאָזלע און דרייט מיט דער בײַטש אין דער האַנט.

אָבער פון דער צווייטער זײַט שטימט עפּעס ניט די פעסט־שטעלונג פון טאָמאַס מאַן, ווען מיר גייען אַרײַן אין דער קינסטלע־רישער אַטמאָספער פון פּרץ, למשל. עס ווערט דאָ וואַרעם. מען האָט ניט דעם אײַנדרוק פון קיין סווועריניטעט פון קונסט, פון סטיל איבער דעם לעבן. דאָ טרעפן מיר ניט דעם אַרכיטעקטאָנישן פּלאַן, מיר זעען ניט קיין שווייס פון שאַפן. מיר זעען ניט אַרויס ניט די מיטלען און ניט די מאָס, אין וועלכע דער שעפערישער גײַסט האָט זיך געדאַרפט אײַנהילן, בכדי צו געפינען אַ דיסטאַנס צו דעם ברויזנדיקן געפיל.

מיר זעען, אַז שוין בײַ דעם ערשטן פּראָבלעם פון קונסט, בײַ דער פראַגע, וואָס איז קונסט, הויבן מיר תּיכף אָן צו בלאָנדזשען.

גליקלעך איז געווען דער קלאַסיציזם, וואָס האָט אַזוי ראַציאָ־נאַליסטיש אַלץ פאַרשטאַנען: „קונסט איז נאָכמאַכן די נאַטור״.

אפרים שרײַער נעמט זיך טאַקע דערקלערן דעם „אַלץ״. אין פיר קאַפּיטלעך גיט דער מחבר איבער דעם פּראָצעס פון קינסטלע־רישן שאַפן, דעם צוזאַמענהאַנג פון אינטעלעקט און אַרטיזם, די פראַגן פון ריטמיק און אויסדרוק פון געפילן און איבערלעבונגען, דעם אונטערשיד צווישן דעם רעאַלן און קינסטלערישן אמת, קינס־טלערישע מיטלען און עפעקט.

דער יסוד־געדאַנק וועגן דער באַציִונג צווישן דעם אָביעקט און דעם קינסטלערישן איבערלעבן איז אויסגעדירקט ריכטיק און אײַ־בערצײַגנדיק.

עס איז מעגלעך, אַז אפרים שרײַער איז אין דעם בוך אַוועק צו ווײַט פון דעם געביט, וואָס איז אים נאָענט און גוט באַקאַנט, אַז ער איז אַוועק פון דעם טעאַטער, אַלס קינסטלערישן אַויסדרוק און איז צו טיף אַרײַן אין אַלגעמײַנע קונסט־טעאָריעס, וועלכע ער טראַקטירט מיט די אויגן פון אַ טעאַטער־קריטיקער און דעריבער זײַנען אַנטשטאַנען די שוואַכע זײַטן פון דעם בוך, וואָס זײַנען גורם,

אַז דאָס בוך איז ווייניק פּאָפּולער.

ווי עס זעט אויס, איז טעאַטער דאָס אמתע פאַרשונגס־געביט פאַר דעם מחבר, און מיר האַלטן אַז אויף דעם געביט דאַרף ער ווײַטער ווירקן.

עס פעלן אין דעם בוך ביבליאָגראַפישע נאָטיצן. דעם מחבר וואָלט לײַכטער געווען אויפילן די אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, ווען ער וואָלט אָנגעוויזן זײַנע מקורות און אויפגעדעקט זייער קולטור־סאָציאַלן כּיוון בײַ דער פּראָבלעם־שטעלונג.

אין אַלגעמיין מוזן מיר זאָגן, אַז א. שרײַערס בוך, אַלס דער איינציקער אויף דעם געביט אין דער שארית־הפליטה, פאַרדינט אַ גאַנץ ערנסטע אָפּשאַצונג.

„באַפרייונג", מינכען, 25.6.1948

יצחק גאָלדקאָרן

אויף די שפּורן פון שעפער און ווערק

(„פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן" פון א. שרײַער, פאַרלאַג „נייוועלט", מינכען 1948)

יעדער פון אונדז באַגעגנט זיך כּמעט טאָג־טעגלעך מיט פאַר־שידענע אויסדרוקן פון קונסט אין אַלע אירע פאָרמען און זשאַנערס: ליטעראַטור, פּלאַסטיק, מוזיק, טעאַטער א.אַ.וו. דאָס רוימישע שפּריכוואָרט „די קונסט איז לאַנגדויערנדיק — דאָס לעבן איז קורץ"

*) דער מאַנוסקריפּט פון בוך איז געשריבן אין די מלחמה־יאָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד (סווערדלאָווסק) — 1945־46. (א. ש.)

— איז נישט קיין פוסטע מליצה, דאָס איינציקע, וואָס בלײַבט פון אַ סך פאַרשוווּנדענע קולטורן, פעלקער און גענעראַציעס, זײַנען אָפּט, בלויז געוויסע קונסט־שאַפונגען אין וועלכן נישט איז זשאַנער, פאָרם און קוואַליטעט. מיר אַנטציקן, באַגײַסטערן זיך מיט פאַרשי־דענע אַנטפּלעקונגען פון קונסט; מיר שטייען פאַר איר, ווי פאַר אַן אורים ותומים, זוכנדיק אַ באַשייד אויף אונדזער רעטעניש פון זײַן. אַלץ, וואָס איז ווולגאַר און באַגרענעצט האָט נישט קיין אָרט אין דער לײַטערנדיקער קונסט, וואָס גיט אונדז דעם קווינטעסענץ פון עפּאָכעס און געזעלשאַפטן, זײַנע ליידן און האָפענונגען, ירידות און עליות.

קאָמפּליצירט און שווער איז אָבער דאָס נאָכגיין די דעמערונגס־טריט פון דער־אַ התגלות פון מענטשלעכן גײַסט, וואָס איז סײַ ראַציאָ, סײַ מיסטעריע.

אין יעדער פון די אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן זײַנען דאָ, אויסער די קאַפּיטאַלע ווערק פון גדולים, אויך אָפּהאַנדלונגען פון פּאָפּו־לאַריזאַציעס איבער דעם דורות־לאַנג־געפאָרשטן און נישט־דער־פאָרשטן ים פון קונסט.

בײַ אונדז, הגם מיר פאַרמאָגן אין אונדזער ליטעראַטור אַ באַ־דייטנדיקן אין כמות און איכות עסייען־זשאַנער, פילט זיך דאָך אַ מאַנגל אין אַלגעמיינע אָפּהאַנדלונגען, אין פּאָפּולאַריזאַציעס פון ווערק איבער קונסט.

אפרים שרײַער, וואָס זײַן שרײַבערישער אינטערעסן־קרײַז איז קונסט בכלל און טעאַטער בפרט, גיט אונדז מיט זײַן איצט דער־שינענער אַרבעט, אַ פּרוּוו פון אַ שטודיע איבער אַ רייִ קונסט־פּראָבלעמען. דאָס ביכל, וואָס אַנטהאַלט 90 זײַטן, איז געטיילט אויף פיר קאַפּיטלעך, וואָס פּרוּוון אונדז אַרײַנפירן הינטער דעם פּרגוד פון דער קונסט, אין דעם עדן, ווו די מענטשלעכע נשמה איז אויסגעטאָן פון די קאָנווענץ־מלבושים און זעלבסט־נאַרנדיקע שלייערס פון כּלומרשטער „רעאַליטעט״.

די ערשטע צוויי קאַפּיטלעך, ווו שרײַער איז מער אַלגעמיין

סכעמאַטיש, זײַנען על־פּי־רוב אַ סינטעטישע קאָמפּילאַציע (נאַטיר־לער אויך מיט אַ געוויסער צאָל אייגענע באַטראַכטונגען) פון די ווערק פון גדולים און פּוסקים אין הלכות קונסט: העגעל, דידראָ, סענט־בעוו, טען, יערוזאַלעם, קריסטיאַנסען, לונאַטשאַרסקי א.אַ.; פון טעאַטראַלאָגן און בינע־מײַסטערס ווי: סטאַניסלאַווסקי, מייערהאָלד, מיכאָעלס; פון פיזיאָ־ביאָלאָגן, ווי: פּאַוולאָוו, בערכטעריעוו א.אַ. אויף וועמענס אַלגעמיין־וויסנשאַפטלעכע השערות דער מחבר שטיצט זיך.

ווי געזאָגט, זײַנען די ערשטע צוויי קאַפּיטלער מער סכעמאַטיש: אַ מין קיצור שולחן־ערוך פון קונסט, ווו דער מחבר ווייזט אונדז די מדרגות, דורך וועלכע עס שטייגט דער עמפּינדונג־עמבריאָן ביז צו זיין שלימותדיקער פאָרמירונג אַלס קונסט־אויסדרוק. דער מחבר קלערט אויף די שײַכות און די בהדרגהדיקייט פון אַזעלכע פאַקטאָרן, אין וועלכע די ערשטע טונקל־קנווילנדיקע אימפּרעסיע: אַסאָציאַציעס, עמאָציעס, קינסטלערישער באַוווסטזיין, אינטויִציע א.א.וו. לויטערן זיך און באַקומען לעבן, קראַפט אויסדריקלעכקייט.

שרײַער זאָגט דאָ אַרויס אַ ריי אַלגעמיין־באַקאַנטע אָנשויונגען פון קונסט־טעאָרעטיקער, ווי אויך אייגענע שטאַנדפּונקטן און מעדי־טאַציעס:

...דעם פּראָצעס פון קינסטלערישן שאַפן דאַרפן מיר באַ־טראַכטן אין ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דער שעפערישער פּער־זענלעכקייט, — דאָס שאַפן, ווי אַ רעזולטאַט פון אַ געוויסער **פּסיכישער סטרוקטור־אייגנאַרט...**

...די פאָרעם איז דער אינהאַלט פון ווערק. דער אַקטיאָר, דער קינסטלער לעבט איבער נישט דעם סיוזשעט, דעם פּאַבו־לאַרן טייל פון אויטאָר, נאָר די פאָרעם פון זײַן שאַפן...

...דאָס קינסטלערישע איבערלעבן סוביעקטיוו און גלײַכ־צײַטיק אָביעקטיוו...

בײַ קינסטלער קומט דער אַנאַליז איינצײַטיק מיטן סינטעז...

...די סובלימאַציעס גיבן אָן די איבערלעבונגען — כאַראַק־

טער, העלפן פאַראַרבעטן דעם „מאָמענט״ — דאָס צײַטווײַליקע פון עמאָציאָנעלן איבערלעבן, אין דויערהאַפטן — אין סטאַבילן...

דער אָביעקט דינט בלויז ווי אַ מוסטער פאַרן פּאָבולארן טייל, דער פירנדער אידעע, לויטן כאַראַקטער פון די סאָציאַל־פסיכאָלאָגישן קאָנפליקטן, ווי אויך פאַר דער פאָרמעלער געשטאַלטונג פון ווערק״...

נאַטירלעך קומט נישט אין באַטראַכט אָנצופרעגן די אָדער יענע טיפּזיניקע מיינונג און געדאַנק, הגם מיר קענען זײַן געניײגט זײַ צו וואַריאירן; עס גייט אין דעם, וואָס נישט אָפּט געפינט דער מחבר דאָס ריכטיקע, סינטעטישע און פּאָפּולאַריזירנדיקע „ליים״, וואָס זאָל פון אַלע ווערטפולע געדאַנק־ציגל מאַכן אַן איינהייטלעכן בנין.

ווען דער מחבר געפינט דאָס פּאַסיקע וואָרט אויף צו קענען פאַרבינדן זײַנע אָריגינעלע און פּאָפּולאַריזירנדיקע מיינונגען — איז עס אַ בפירושער געווינס פאַרן לייענער. נעמען מיר די „הלכה״: „דאָס קינסטלערישע איבערלעבן איז סוביעקטיוו און גלײַכצײַטיק אָביעקטיוו״ — גיט באַלד דערויף דער מחבר אַ זאַכלעכן קורץ־געפרעסטן פּירוש:

די שעפערישע אייגנאַרט איז נישט קיין אומאָפּהענגיק עקזיסטירנדיקע דערשיינונג, נאָר אַ רעזולטאַט פון דער גאַנצער אָרגאַנישער נאַטור־איינהייט.

יאָ, די געלונגענע לאָגיש באַגרינדעטע אינטערפּרעטאַציע מאַכט דעם אַרויסגעזאָגטן, אין פלוג פּאַראַדאָקסאַלן געדאַנק פאַרשטענדלעך און אָננעמבאַר.

אין שײַכות מיט דעם ווילט זיך זאָגן, אַז דער שרײַבער פון די שורות איז נישט מסכּים צו די לעצטנס בײַ אונדז אַרויסגעזאָגטע מיינונגען וועגן „פּשוטקייט״, „פאַרשטענדלעכקייט״ און ענלעכע „קייטן״. די פּשוטקייט זאָל כּלומרשט קומען צום וואָרט דורך באַזײַטיקן די „שווערע״ ווערטער און טערמינען. דאָס איז, פאַרשטייט

זיך, אַ נײַע פֿאָרם פֿון „מאָכן פֿון דער נויט — אַ טוגנט״, צוליב דעם מאַנגל אין עלעמענטאַרסטן וויסן. נישט דער אָדער יענער שווערער טערמין דעצידירט וועגן פּשוטקייט.

דאָס, וואָס מען וואָלט געקענט פֿאַרלאַנגען פֿונעם מחבר פֿון די „פּראָבלעמען פֿון קינסטלערישן שאַפֿן״ איז — אַ ספּעציעלן „גלאָסאַר״ — אַן אָפּטיילונג מיט פֿאַרטייטשונגען פֿון מאַנכע אויסדרוקן און, וואָס נאָך וויכטיקער — הסברות פֿון קאָמפּליצירטע קונסט־כּללים און היפּאָטעזן, וואָס פֿאָדערן אַ וויסנשאַפֿטלעך־פֿילאָזאָפֿישע צוגרייטונג. דאָס קען אויך געזאָגט ווערן בנוגע דעם צווייטן קאַפּיטל, ווו דער מחבר רוקט אַרויס זײַנס אַ געאָלאָגישע השערה א. נ. פּסיכאָריטמיק:

> די פּסיכאָריטמיק איז די באַוועגלעכקייטס־האַרמאָניע אין דער צווישנעלעמענטישער גלײַכגעוויכט אין די ספֿערן פֿון אונדזער פֿילן, איבערלעבן, אונדזער דענקען און שאַפֿן.

מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז דער מחבר שטעלט אַרויס דעם באַגריף פּסיכאָריטמיק, ווי אַ באַצייכענונג פֿון גלײַכגעוויכט־האַרמאָניע אין דעם קינסטלערס פּסיכיק, ווי למשל די קאָסמישע גראַוויטאַציע, וואָס באַדינגט די גלײַכגעוויכט און האַרמאָניע אין וועלטרוים. אָפּגערעדט דערפֿון, וואָס לויט די נייסטע פֿאָרשונגען, הערשט אין דעם וועלטאַל שוין גאָרנישט אַזאַ אידיליע און ס׳קומען אויך דאָרט פֿאָר פֿיזישע רעוואָלוציעס, יווירונגען און קאַטאַקליזמען, — מוז מען אויך נישט אָננעמען די השערה ווי אַ „הלכה מסיני״. בײַ דעם גאַנצן דרך־ארץ און באַציִונג צו דעם מחבר, מוז מען זאָגן, אַז דער באַגריף פּסיכאָריטמיק בלײַבט דאָך פֿאַר אונדז אַ מין „צפֿיחית״ — אַ גוטע זאַך, אָבער דעם טעם דערפֿון ווייסן מיר נישט.

אַ ביסל אַנדערש איז עס אין די צוויי לעצטע קאַפּיטלעך. אויב אין די פֿריערדיקע איז שרײַער מער אַלגעמיין־סכעמאַטיש, הגם דאָ און דאָרט דורכגעפֿלאָכטן מיט אַן אייגענעם געדאַנק און השערות, זײַנען דאָס דריטע און נאָך מער — דאָס לעצטע קאַפּיטל מיט

בלוט און פלייש פאַרצוויגענע לעבעדיקע געדאַנקען, וואָס האָבן אַז אינטעלעקטועל־עמאָציאָנעלן דופק און דענקערישן רוח־החיים.

דאָ לאָזט זיך נישט שרײַער אויף אַ פאַרשערישער עקספּעדיציע, אויף די שפּורן פון אַ געהיימען געביט פון שאַפן, נאָר גיט אונדז אין אַ האַלב קאָנדענסירטער האַלב פּאָפּולערער פאָרם די עקרים און אַספּעקטן, ווי:

דער רעאַלער און קינסטלערישער אמת. — פּאַטאַגאָגיע אפיע און קונסט. — די אַקטיאָרישע פונקציע. — די געזעצמעסיקייט פון איבערלעבונגס־פּראָצעס. — פאָרעם און אינהאַלט. — אידעע און פאָרעם. — פּאַטאָס אינעם שאַפן. — דער כאַראַקטער פון ווערק און דעם קינסטלערס אני מאמין.

דער עסטעטישער פאַקטאָר. — קאָמפּאָזיציע. — דער עלע־מענט פון גלײַכגעוויכט. — די געפאַר פון עפעקטן. — די אינערלעכע לאָגיק אין קינסטלערישן שאַפן. — דער כוח פון קאָנדענסירן. — די אויפגאַבע פון קינסטלער און זײַן ראָלע. — די ראָלע פון דער קונסט.

כאַראַקטעריסטיש פאַר שרײַערן איז דאָס, וואָס אין די אָמ־מערסטן געלונגענע קאַפּיטלעך, ברענגט ער אַנשוילעכע און איבער־צײַגנדע באַווײַזן, פאַרגלײַכן און דעדוקציעס — הויפּטזעכלעך פון טעאַטער־געביט. ס'פילט זיך, אַז דער מחבר איז דאָ אין זײַן אַטמאָס־פער און „סצענישן רוים". ס'באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז שרײַער איז „אַ בקי אין די וועלט־זאַכן" פון קונסט בכלל; דאַקעגן אָבער אין טעאַטער איז ער אויך חריף. לויט אונדזער מיינונג, וואָלט טאָקע דער מחבר גוט געטאָן, אַרויסגעבנדיק אַ באַזונדערע אָפּ־האַנדלונג וועגן טעאַטער־פּראָבלעמען, ווו ער איז וואָגיק.

אין סך־הכל קען מען פעסטשטעלן, אַז שרײַערס בוך — שוין נעמענדיק אין אַכט די קאָנסטרוקציאָנעלע און סטיליסטישע פּגימות — איז אַן ערנסטע פאַרשונגס־אַרבעט און פילט אויס אַ בפירוש בלויז אין אַט דעם זשאַנער.

שרײַערס אַרבעט איז אַ לעקטור פאַר אַן אַנטוויקלטערן לייענער, כאָטש, ווי געזאָגט, ס׳איז אַ שאָד, וואָס ס׳פעלן די געהעריקע ברייטערע קאָמענטאַרן, איז עס אָבער אין דעם אינטעלעקטועלן ראַדיוס פון אַן אַנטוויקלטן לייענער.

„נייוועלט״, מינכען, 1948

ד. ב. מלכין

אַרײַנפיר־וואָרט צום בוך „אמנות ותיאטרון״*

רײַך אין איר פאַרשיידנאַרט איז די טעאַטער־קריטיק ווי די קונסט־קריטיק בכלל. פאַרשיידן און אינדיווידועל איז דער עצם צוגאַנג צום דאָזיקן תחום.

דער מעטאָד און כאַראַקטער פון קריטיק וואָס איז ראוי לשמו, איז אָפּהענגיק פון דער פּערזענלעכער אייגנאַרט פון קריטיקער.

יעטוועדער צוגאַנג און שיטה, ווי „אָביעקטיוו״ זיי זאָלן נישט זײַן איז אין דער ערשטער ריי אָפּהענגיק פונעם סוביעקטיוון אַספּעקט פון קריטיקערס באַנעמען דעם שטאָף.

דער מחבר פון בוך „אמנות ותיאטרון״, אפרים שרײַער, איז אַ פּנים־חדשות אין אונדזער טעאַטער־קריטיק, הגם דאָס איז נישט דאָס ערשטע בוך זײַנס.

דאָס איצטיקע בוך איז אַ המשך פון זײַנע פריערדיקע אַרבעטן,

---

*) איבערגעזעצט פון יידיש אויף עברית, — א. ד. שפיר — אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג י. ל. פרץ אין 1958.

אין וועלכע דער מחבר ווידמעט זיך דער קונסט־פּראָבלעמאַטיק.

נאָך דער מלחמה (1948) איז דערשינען שרײַערס אַ בוך „פּראָב־לעמען פון קינסטלערישן שאַפן".

אַ וווּנדערלעכער פּאַראַדאָקס פון גורל!

א. שרײַער, אַ קריטיקער וואָס שטעקט טיף אין די פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן און וואָס האָט אַדורכגעמאַכט דעם שווערן וועג פון די מלחמה־יאָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט גלײַך ווען די מלחמה איז געקומען צו איר סוף, אימפּעדיק ממשיך געווען אין תּחום פון זײַנע פאָראינטערעסירונגען, וועלכע ער האָט פאַרנאַכ־לעסיקט אין די שטורעם־יאָרן. דער ערשטער שריט פון שעפערישן ווידעראויפלעבן איז גראָד געווען אין לאַנד פון פאַרטיליקונג — דײַטשלאַנד, ווו די שארית הפליטה האָט העפטיק פאַרגעזעצט איר גײַסטיק־שעפערישע טעטיקייט.

אין שטוטגאַרט איז דערשינען שרײַערס אַ בוך, „פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן", אַרויסגעגעבן פון ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישן פאַרלאַג „נייוועלט" אין מינכען.

אַ פּאַראַדאָקס, אַ היסטאָרישער פּאַראַדאָקס פון אַ תּקופה.

— — — — — — — — — — —

האַרט פאַרן מלחמה־אויסברוך אין 1939, איז דערשינען שרײַערס אַ קריטישע שטודיע וועגן דער פּוילישער שוישפּילערין אירענאַ אײַכלער. אין דעם בוך קומען צום אויסדרוק שרײַערס אויפפאַסונגען וועגן עצם מהות פון דער טעאַטער־קונסט — דער אַקטיאָר.

דער צופאַל האָט געוואָלט אַז דער איינציקער עקזעמפּלאַר פון דעם דאָזיקן בוך האָט זיך אָפּגעפונען אין דער נאַציאָנאַלער ביב־ליאָטעק אין וואַרשע.

שרײַער געהערט צו די קריטיקער, וועלכע טיילן נישט פונאַנדער די יצירה פון מחבר. ער זעט אין דער שאַפונג די אומצעטיילבאַרע איינהייט פון עסטעטישן און פּסיכאָלאָגישן, פון אינהאַלט און פאָרם. היות שרײַער איז נוטה צו פאָרשערישער קריטיק, באַנוגנט ער

זיך נישט בודק צו זײַן דעם קנקן, נאָר בליקט אַריין מה שיש בו. ער פֿאָלגט נאָך דעם שעפֿערישן פּראָצעס אין אַלע זײַנע אַנטוויקלונגס־פֿאַזעס, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט צו באַלויכטן אין פֿולן פּאַרנעם, מפרש צו זײַן און אַנאַליזירן די באַהאַנדלטע פּראָבלעמאַטיק.

דער דאָזיקער מיטאָט פֿון יסודותדיקן אַנאַליז פֿאַרלאַנגט דערווײַטערן זיך פֿון אָנגענומענע סטאַנטאַרטע קריטעריעס און נאָרמעס.

דער מחבר דרינגט צום אומגעווײַנלעכן, צום קאָמפּליצירטן קינסטלערישן פֿענאָמען מיט זײַנע וועגן און שטעגן, צום ספּעציפֿישן קערן אינעם שאַפֿונגס־פּראָצעס. שרײַער באַנוצט זיך מיט זײַנעם אַן אייגנאַרטיקן טערמין און באַגריף ווי: **פּסיכאָריטמיק**, אַ וויכטיקער דאָמינאַנט אין דער יצירה.

אַלס אילוסטראַציע ברענגט דער מחבר אייניקע בײַשפּילן פֿון אַ ריי דראַמאַטישע שאַפֿונגען ווי: „צוויי קוני־לעמעלס" פֿון גאָלדפֿאַדען, „באַבטשינסקי און דאָבטשינסקי" פֿון גאָגאָלן און אַנדערע.

ליבשאַפֿט און באַציִונג צו קונסט — די צוויי עלעמענטן האָבן צוגעאײַלט די ערשטע באַגעגעניש צווישן אונדז ביידן. די דערמאָנטע אייגנשאַפֿט, דעם מחברס לײַדנשאַפֿטלעכע איבערגעגעבנקייט צום פּראָבלעם, האָבן מיך באַוויגן זיך צו באַקענען מיט אייניקע שריפֿטן זײַנע פֿון פֿאַר דער מלחמה. זײַן בוך „אמנות ותיאטרון", פֿאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט מיט זײַן ליבשאַפֿט צו קונסט און זײַן דראַנג צו אַ פֿאָרשונג.

נעם איך זיך דעריבער דאָס רעכט אויפֿצונעמען דעם פּנים־חדשות אין אונדזער מיט בסבר פּנים.

יצחק טורקאָוו

א

אפרים שרײַערס קונסט און טעאַטער

טעאַטער איז אורשפּרונג, — אַ פֿאָלקסקונסט, סײַ צוליבן קאָלעק־טיוון כאַראַקטער פֿון שאַפֿן די טעאַטער־קונסט, סײַ צוליבן קאָלעק־טיוון כאַראַקטער פֿון געניסן.

אָבער אין משך פֿון זײַן לאַנגער עקזיסטענץ — באַזונדערס אין לעצטן יאָרהונדערט — איז טעאַטער געוואָרן אַ קונסטגעביט, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט גרויסע ווּיסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען. בכן — כּדי צו שאַפֿן טעאַטער און אויך כּדי צו שרײַבן וועגן טעאַטער, — ד. ה. זאָגן האַלבוועגס אויטאָריטעטע מבֿינות, דאַרף מען לערנען, דאַרף מען שטודירן. און דאָס איז הײַנט צו טאָג פֿאַרבונדן מיט אַ ברייט פֿאַרצווײַגטער ליטעראַטור אין כּמעט אַלע ציוויליזירטע שפּראַכן פֿון דער וועלט.

לײַדער איז די ייִדישע טעאַטער־ליטעראַטור — סײַ אין ייִדיש, סײַ אין העברעיִש — פֿאַרהעלטנישמעסיק אָרעם. פֿון אַלע אַזעלכע ווערק, דערשינענע אומעטום, קאָן מען צונויפֿשטעלן קוים אַ באַ־שיידענע ביבליאָטעק. ס׳איז שוין דאָ טעאַטער־מעמואַריסטיק, טעאַ־טער־זכרונות, די אָבער האָבן נישט דעם ווּיסנשאַפֿטלעכן ווערט, וואָס איז נויטווענדיק, כּדי צו שטודירן טעאַטער־קונסט. אַזעלכע ביכער קאָנען דינען אַלס געהילפֿס־מאַטעריאַל פֿאַר פֿאָרשערס און סתּם ליִיענשטאָף, אָבער נישט אַלס יסוד צו דערלערנען טעאַטער־קונסט.

איז דעריבער דאָס בוך פֿון אפרים שרײַער „קונסט און טעאַטער”, — אַ בוך פֿון טעאָריע און ערנסטע באַטראַכטונגען וועגן טעאַטער־קונסט — אַ זעלטענע דערשײַנונג אויף אונדזער ביכערמאַרק, סײַ

אין העברעיש, סײַ אין ייִדיש. דאָס בוך איז אַ באַאַרבעטער און אויסגעברייטערטער וואַריאַנט פון אפרים שרײַערס ייִדישן בוך „פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן", וואָס איז דערשינען מיט אַ צוועלף יאָר צוריק אין אייראָפּע.

אפרים שרײַער איז אַן ערנסטער פאָרשער פון קונסט-פּראָבלעמען, פון דער מעכאַניק פון קינסטלערישן שאַפן, באַזונדערס — פון טעאַטער. שוין ערב דער מלחמה האָט ער אַרויסגעגעבן אין ייִדיש (אין וואַרשע) אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דער פּוילישער קינסטלערין אירענאַ אײַכלער און געאַרבעט איבער אַנדערע קינסטלער־מאָנאָגראַפיעס (וועגן יאַראַטשן). ער האָט זיך דאַן, ווײַזט אויס, ספּעציאַליזירט אויף דער פּוילישער טעאַטער-קונסט. אין זײַן איצטיקן בוך באַנוצט ער זיך מיט מאַטעריאַל פון ברייטערן טעאַטער־פאַרנעם, אַרומנעמענדיק אויך ייִדיש און העברעיִש טעאַטער-שאַפן — אין געבראַכטע ביישפּילן און מיט אַ פּאָרטרעט-עסיי וועגן חנה ראָווינאַ צום סוף פון בוך. אגב — אַ שאָד, וואָס דער דאָזיקער עסיי איז נישט אַזוי אויסגעברייטערט און פאַרטיפט, ווי די אַרבעט וועגן אירענאַ אײַכלער. ביי ראָווינאַ לאָזט זיך דאָך אויספּירלעכער אַנאַליזירן אירע איינצלנע קרעאַציעס און שרײַער איז עס בכּוח.

אין 7 קאַפּיטלען פון זײַן אַרבעט באַמיט זיך דער מחבר אויפצוקלערן די פילאָזאָפיע און טעכניק פון קינסטלערישן שאַפן, בעיקר פון טעאַטער־שאַפן. לויט שרײַערן איז דער וויכטיקסטער עלעמענט פון שאַפן פּסיכאָריטמיק, וואָס דעצידירט וועגן רעזולטאַטן פון קינסטלערישן שאַפן. דער טערמין זעט אויס צו זײַן אַ סינטעז פון סטאַניסלאַווסקיס „טעמפּאָ־ריטם", אַלס שטראָם, אין וועלכן עס באַוועגט זיך דאָס שאַפן פון אַקטיאָר; און פון דעמזעלבן טעאַטער־טעאָרעטיקערס „פּסיכאָטעכניק", אַלס קאָנסערוואַטאָר פון דורכן אַקטיאָר דערגרייכטע עמאָציעס און אויסדרוק־מיטלען. בכל אופן איז אָבער דער טערמין „פּסיכאָריטמיק" אָריגינעל און אינטערעסאַנט פאַר זיך און שאַפט די אַקס פון שרײַערס טעאַטער־פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען.

וואָס עס ווילט זיך אויספירן: אַ פאַקט איז, אַז דער מחבר איז שטאַרק טעאָרעטיש אונטערגעגאַרטלט אין די פראַגן פון קינסטלע־רישן שאַפן און פון טעאַטער און דאָס קומט צום אויסדרוק אין דער רײַכער גאַמע פון ציטאַטן פון די וואָגיקסטע קונסטדענקערס און שעפערס, אין די בײַשפּילן פון דער טעאַטער־קונסט און אין די אינטערעסאַנטע אויספירן פון מחבר, וועלכער באַווײַזט צו באַ־לײַכטן די געזעלשאַפטלעכע וואָג פון קונסט און קינסטלער און דעם שאַפונגס־פּראָצעס, וואָס כאָטש ער איז אַ פענאָמען, פאַרבונדן מיט די אינדיווידועלע עמאָציעס און באַגאַבונגען פון קינסטלער, קאָן ער דאָך באַקומען אַ וויסנשאַפטלעכע אויפקלערונג און באַ־לײַכטונג.

אפרים שרײַער פירט דורך אַ גרינטלעכן אַנאַליז פון דער פאַר־בינדונג צווישן שאַפונגס־פּראָצעס און דער פּערזענלעכקייט פון קינסטלער, וועגן דעם חילוק צווישן רעאַלער ווירקלעכקייט און קינסטלערישער רעאַליטעט און וואַרפט אַ שײַן אויף שטאַרק פאַר־הוילענע און אומזעבאַרע שפּרינגפעדערן פון טעאַטער־שאַפן. ער העלפט דעריבער מיט זײַן ערנסטער אַרבעט צו דערגרונטעווען זיך צו דער מיסטעריע פון טעאַטער־ווירקונג און שאַפן.

„קונסט און טעאַטער" זאָגט עדות, אַז אין דער פּערזאָן פון אפרים שרײַער האָט די טעאַטער־ליטעראַטור אַ ווערטיקן פאָרשער און — ווי עס זאָגט ד. ב. מאַלקין אין זיין הקדמה צו שרײַערס בוך — אַ מענטש מיט ליבע צו קונסט און ערנסטקייט אין פאָרשן זי.

„היימיש", 1959, 42 — 43

ב

א. שרײַערס טעאַטער-פּאָרטרעטן

אפרים שרײַער איז אַ קונסט־קריטיקער מיט פאָרשערישע נטיות. זײַן געביט איז טעאָרעטישע פאָרשאַרבעט פון מעדיום: קונסט און קינסטלער. צוגעפּאַסט אָבער צום אַקטועלן אין דער קונסט, איז

ער געוואָרן אַ קונסט־קריטיקער. די צוויי עלעמענטן — טעאָרעטישע פּאַראַלגעמיינערונג און קריטישער אַנאַליז — ליגן טאַקע אין יסוד פון זײַן בוך „דיוקן ומסכה״ („פּאָרטרעט און מאַסקע״), וואָס איז נאָר וואָס דערשינען (אין מ. חלמישס איבערזעצונג פון יידיש) אינעם פאַרלאַג „מחברות לספרות״.

11 פּאָרטרעטן פון ישראלדיקע שוישפּילער ווערן געגעבן אויף די איבער 150 זייטן פונעם בוך (לויטן א״ב) — קינסטלער פון פאַרשידענע דורות: פון יהושע בערטאָנאָוו — ביז יוסף ידין; פון חנה ראָווינאַ — ביז מרים זוהר.

פון די אַלגעמיינע טעאָרעטישע באַטראַכטונגען אין זײַן פריער־דיק בוך „אמנות ותיאטרון״, איז א. שרײַער דאָ אַריבער צו אינדיווידואַליזירטע מיניאַטור־מאָנאָגראַפיעס — נײַע שעפערישע פּאָרטרעטן פון די קינסטלער (בלויז דער פּאָרטרעט פון חנה ראָווינאַ איז איבערגעחזרט — מיט קליינע ענדערונגען — פונעם בוך „אמנות ותיאטרון״). די טעאָרעטישע באַטראַכטונגען אין דעם בוך האָט דער שרײַבער אויף אַ קאָנצענטרירטן אופן געגעבן אין דער הקדמה (אַן עסיי „דער קינסטלער״) און אויך דאָס מאָל איז עס געשטיצט אויף שרײַערס באַליבטער טעאָריע און באַצייכנונג פון „פּסיכאָמעטריק״ (אַ ביסל ענלעך צו סטאַניסלאַווסקיס „פּסיכאָ־טעכניק״. אגב: אין דעם עסיי מאַכט שרײַער אַ טעות. ש. אַנסקיס העלד פון „הדיבוק״ איז נישט דער „נעמיראָווער צדיק״, נײַערט דער „מיראָפּאָלער״); ער האָט אָבער נישט דורכגעלאָזט די גע־לעגנהייט כּמעט ביי יעדן קינסטלערס פּאָרטרעט צו געבן עפּעס פון אַלגעמיינע באַטראַכטונגען, וואָס זענען, פאַרשטייט זיך, דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַרן געגעבענעם קינסטלער און דאָס גיט צו אַ באַזונדערע פאָרם און פאַרשידנקייט די פּאָרטרעטן. אַ שטייגער: שרײַבנדיק וועגן דעם איינציקן פון די פּאָרטרעטירטע אַקטיאָרן, אַ סאַברע, — וועגן יוסף ידין, — ברענגט ער אַלגעמיינע באַטראַכ־טונגען וועגן דער השפּעה פון דער סביבה אויף דער פאָרמירונג פונעם קינסטלער; פּאָרטרעטירנדיק בתיה לאַנצעט, שטעלט ער זיך

אַפּ אויף דער דירעקטער עמאַציאָנעלער ווירקונג פון דער קונסט, אַפילו פון קינסטלערס שטים; בײַ אורנה פורת האָט ער אַ פּאַסיקע געלעגנהייט זיך צו פאַרנעמען מיטן פּראָבלעם פון איבערפלאַנצונג פון אַ קינסטלער פון איין קולטור־קלימאַט אין אַ צווייטן (אגב: איך קאָן נישט אָננעמען דעם טערמין „מעלאָטראַגיק". טראַגעדיע איז אין איר תּוך צומאָל מעלאָדראַמאַטיש טאַקע, קומט אויס דער אויסדרוק טאָוטאָלאָגיש); בײַ שמעון פינקעל — וועגן קינסטלער־עקספּערימענטאַטאָרן, וועגן זוכנדיקע קינסטלער, אומרו־קינסטלער (אויך דאָ אַן אגב: צו וואָס „אינטעלעקטועלע אינטויִציע"?); בײַ חנה ראָווינאַ — וועגן דער פּערזענלעכקייט אין טעאַטער, וועגן דער אינדיווידועל־קינסטלערישער דערשײַנונג אויף דער בינע.

ביי אַנדערע פּאַרטרעטן ווידער, גיט א. שרײַער אַ בליץ מיט קורצע — צו מאָל לאַפּידאַרע, אָבער זייער טרעפלעכע — פאָר־מולירונגען. אַ שטייגער בײַ מרים זוהר: „פון אַמאָל ספּאָנטאַנע, נישט באַהערשטע אויפּבראַזן — צו אויסציזעלירטער שפּיל, פון אינטויִטיווער רעאַגירונג אויף שיינקייט — צו שאַפערישן באַוווסטזיין, צום פולשטענדיקן הערשן איבער די מיטלען"; בײַ זיגמונט טורקאָוון: „זײַן אַקטיאָרישן אויסדרוק געפינט ער תּמיד אינעם פּסיכאָלאָגישן רעאַליזם. אין יעדער געשטאַלט זוכט ער דאָס אינדיווידועלע און די שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם געזעלשאַפטלעכן און פאָלקס־טימלעכן יסוד פון גיבור"; בײַ אהרון מעסקין: „די ,נישט־פּלאַ־נירטע האַרמאָניע' פון עלעמענטן — זי פאַרזיכערט עס זײַנע גע־שטאַלטן, דעם באַלאַנס פון טעאַטראַלן אויסדרוק און דעם קינס־טלערישן אמת".

עס זענען אָבער פאַראַן אינעם בוך געוויסע פּאָרטרעטן, בײַ וועלכע ס'פעלט אונדז עפּעס. שרייבנדיק, למשל, וועגן בערטאָנאָוון, באַוואָרנט זיך דער מחבר, אַז ער האָט „נישט געהאַט די מעג־לעכקייט צו זען די מערהייט פון זיין טעאַטער־אוצר" — ובכן: ווערן געברענגט ווייניקער אַנאַליזן פון בערטאָנאָווס געשאַפענע געשטאַלטן. וואָלט נישט געשאַדט, ווען ס'ווערן צוליב דעם אויס־

געברייטערט די ביאָגראַפֿישע עלעמענטן אינעם פּאָרטרעט — וואָס עס פֿאַרדינט, זיך זיכער דער סעניאָר פֿון דער ייִדישער טעאַטער־משפּחה אין גאָר דער וועלט. זאָל זײַן בלויז אַפֿילו — וועגן זײַנע וואַנדערונגען אין רוסישן און אין ייִדישן טעאַטער; בײַם פּאָרטרעט פֿון מאיר מרגלית וואָלט באַדאַרפֿט אָנגעגעבן ווערן, אַז די ראָל „בידערמאַן" אין מאַקס פּרינסס פּיעסע, האָט מרגלית געשפּילט אין „הבימה", וואָס איז זייער וויכטיק פֿאַר זײַן קינסטלערישער ביאָגראַפֿיע. מרגילת איז אַזוי צונויפֿגעוואַקסן מיטן „אהל", אַז דער פּרט פֿון זײַן יאָר „גלות" אין „הבימה" איז גאָר וואָגיק. אגב איז אויך נישט אָנגעגעבן ווער ס'איז געווען דער רעזשיסער פֿון „בידערמאַן".

דאָס נישט דערמאָנען דעם רעזשיסאָר חזרט זיך איבער אויך אין אַנדערע פּאָרטרעטן. אַ שטייגער: בײַ חנה מרון, איז כמעט בײַ יעדער ראָל אָנגעגעבן דער מחבר און דער רעזשיסער. פּלוצלינג פֿעלט דער נאָמען פֿונעם רעזשיסער בײַ „מערי סטיוואַרט" פֿון פֿרידריך שילער (אמת, בײַם פּאָרטרעט פֿון אורנה פּורת ווערן מיר געוווּיר, אַז דאָס איז געווען גרשון פּלאָטקין).

איך שטעל זיך ספּעציעל אָפּ אויף דעם מאָמענט, ווײַל דאָס נײַע בוך פֿון אפֿרים שרײַער גיט מיט דער הילף פֿון די 11 איינצלנע פּאָרטרעטן אין אַ געוויסער מאָס אויך אַ שטיקל אָפּהאַנדלונג וועגן העברעיִשן טעאַטער בכלל. קיין רעזשיסערן־פּאָרטרעטן זענען נאָך אין דעם בוך נישט פֿאַראַן. זייער שאַפֿן ווערט נישט ספּעציעל אָפּגעשאַצט. טאָ זאָל עס כאָטש דערמאָנט ווערן בײַ דער געלעגנהייט פֿון באַטראַכטן איינצלנע געשטאַלטן פֿון די פּאָרטרעטירטע קינסטלער.

מיר זענען אַזוי אָרעם אין ליטעראַטור וועגן טעאַטער, סײַ אין ייִדיש, סײַ אין העברעיִש, אַז יעדעס בוך — וואָס דערשיינט אויף דעם געביט — איז אַ געשעעניש. און א. שרײַערס „דיוקן ומסכה" איז בלי שום ספק אַ געשעעניש, אַ וויכטיקע דערשײַנונג אויפֿן ביכערמאַרק. ווילט זיך טאַקע, אַז ס'זאָל האָבן נאָך מער וואָג, זײַן נאָך פּולער און פֿאַרנעמיקער.

„פֿאָלקסבלאַט", 1965

ישראל גור

קונסט און טעאַטער

דאָס בוך פון אפרים שרײַער „קונסט און טעאַטער" זאָגט עדות אויף די שרײַבערישע אַקלימאַטיזאַציע־מעגלעכקייטן פון אַ נײַעם עולה אינעם שעפערישן קולטור־פּראָצעס אין ישראל. די חשיבות פונעם בוך איז זײַן באַלערנדיקער אינהאַלט, די באַציִונג פון מחבר צו די פּראָבלעמען ווי קונסט־פילאָזאָפיע, ווײַטער די פּראָגע פון קינסטלערישן איבערלעבונגס־פּראָצעס: דער אַקטיאָר און די טעאַטער־קונסט אאז"וו.

דער עיקר ווידמעט דאָס בוך די יסודות פון „סטיליזירטן רעאַליזם", די אָביעקטיווע רעאַליטעט. דער מעדיום אייניקט זיך אָרגאַניש מיט דעם קינסטלערס סובלימאַציע־מעגלעכקייטן אין דער שאַפונג, וועלכע בילדן די איינהייט פון קינסטלערישן יש — דער תנאי פאַר דער יצירה.

אָן דער אינדיווידועלער פּריזמע, סובלימירטע פיינהייטן איז צו דערוואַרטן נישט מער ווי אַ וווּלגאַר־נאַטוראַליסטישע אויפלאַגע, אויסגעהוילט פון יעטוועדן קינסטלערישן מהות.

מיט אַ געניט אויג פאָלגט דער מחבר נאָך די אַרבעט, דעם פאַקטאָר פון שעפערישן באַוווּסטזײַן, פון קאָנדענסירטער געאָרדנטקייט. וואָס קרעפטיקער דעם קינסטלערס עמאָציע, שאַרפער זײַן אינטעלעקט, אַלץ קלאָרער, העלער, רײַפער די קינסטלערישע אָביעקטיוויזאַציע פון דער יצירה.

דער סטיליזירטער רעאַליזם איז אין אַ געווסן זין די צונויפפאָרונג פון הארץ און מוח, — אינטויִטיוון פילן און באַוווּסטזיניקן אורטייל. אין אַ באַשטימטן אָרט באַהויפּט דער מחבר: אינטויִציע און באַוווּסטזײַן פאַרלייקענען נישט איינע די צווייטע, ווירקן און

דערגאַנצן זיך, בילדן די עסטעטישע איינהייט, — די קאַטעגאָריע, — דעם גײַסט און נשמה פון קינסטלער. אַזוי אַרום אַנטשטייט דאָס וועזנטלעך אינדיווידועלע וועלכעס דריקט זיך אויס אין דער אייגנאַרט פון זשאַנער און סטיל (זייט 24).

דער מהות פון עסטעטיק — איז לויט שרײַערן — נענטער צו דער נאַטור און פסיכיק. אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט זיך דאָס צופעליקע אין אַ טיפּיש־כאַראַקטעריסטישן, — אין אַן אידעע.

אַרײַנדרינגענדיק אין די קאָמפּליצירטע טיפן פון שאַפונגס גילגול, שטויסט זיך דער מחבר אָן אין נישט ווינציק שוועריקייטן, ער באַווײַזט אָבער גובר צו זײַן די מכשולים אַ דאַנק זײַן יסודותדיקן באַנעמען דעם באַהאַנדלטן תחום.

פיל ליבשאַפט שפּירט זיך בײַ אים צו דער דאָזיקער טעמע. ער הויבט אַרויס אַלס וויכטיקן דאָמינאַנט אין דער שאַפונג דעם פּסיכאָריטמישן עלעמענט ווי דעם אור־תנאי פאַר דער יצירה. דער ממשותדיקער אויסדרוק פון דערמאָנטן פאַקטאָר איז דער סטיל.

וווּנדערלעך, אַ בוך וואָס ווידמעט זיך כּולו דער עסטעטיק — לײַדט אָפט פון שפּראַך־האַמעטנעקייט, וואָס מינימאַליזירט די עסטעטישע ווערטן פון דער עכט עסטעטישער שפּראַכפאָרם. דער גוטער לייענער וועט געוויס מוזן זײַן פאַרזיכטיק נישט אָנצושטויסן זיך אויף דערנער־שפּיצן.

דאָס בוך איז אייגנטלעך אַ פּרעכטיקע זאַמלונג פון ראשי־פּרקים צו אַ גרעסערער אַרבעט. די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען גרייכן נישט צו ווייסנשאַפט, ווי דאָס איז אפשר אויסן געווען דער מחבר.

פון דערסטוועגן איז כּדאי, אַז יעדער קונסט־ליבהאָבער און טעאַטער־מענטש זאָל מיט סבלנות אַרײַנבליקן אין דאָזיקן בוך. פאַראַן אין אים פיל מחשבה, ערנסטע פאַרטיפונג צו דער טעמע און אחרון, אחרון — פיל ליבשאַפט צו קונסט!

„הפּועל הצעיר", 1958

יעקב אלסטער

אַ בוך וועגן דער קינסטלערישער יצירה

„אמנות ותיאטרון" פון אפרים שרייער, איבערגעזעצט פון יידיש א. ד. שאַפּיר. אַריינפיר ד. ב. מלכין — פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק תל־אביב 1958.

אפרים שרייער באַרירט אין זיין בוך פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אַן ענגן שייכות צו דער פילאָזאָפיע פון קונסט. דער מחבר באַלויכט דאָ בעיקר פראַגן, וועלכע האָבן צו טאָן מיטן קינסטלערס פּער־זענלעכקייט, מיטן פּסיכישן פּראָצעס פון זיין שאַפן. — „די יצירה — זאָגט דער מחבר — דאַרפן מיר באַטראַכטן ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אייגנאַרטיקן געבוי". פון דעם שטאַנדפּונקט דערגרינטעוועט זיך דער מחבר צו די יסודות פונעם קינסטלערס אינדיווידואַליטעט.

קינסטלער און דענקער זענען מיוחסים פון דער נאַטור. זיי זענען באַגאַבט מיט אַ גרעסערער מאָס פעיִקייטן אויפצונעמען די אומגעוויינלעך גרויסע אוצרות פון שיינקייטן, וואָס ליגן פאַר־באָרגן אין דער נאַטור. — דאָס איז איין זייט פון דער מטבע, וועלכע מיר נעמען אָן פאַר ריכטיק.

אָבער אין דער האַסטיקייט פון שרייערס לאָגישן געדאַנקען־גאַנג און זיין קאָנצענטרירטקייט אויף דער אינדיווידועלער פּער־זענלעכקייט, לאָזט שרייער אויס אַ קליינעם, נאָר וויכטיקן בלויז. אויף דער אַנדערער זייט פון באַקרוינטן יחוס שטייט דער דורכ־שניטלעכער מענטש. אויך ער איז נישט גלייך מיטן גראָז. די נאַטור האָט אויך אים באַשאַנקען מיט אַ גרעסערן אָדער קלענערן חלק פון דער קינסטלערישער דענקערישער באַגאַבונג. וואָלט דאָס נישט אַזוי געווען, זענען מיר מסופק, צי מיר וואָלטן גאָר פעיִק געווען, צו געניסן פון קינסטלערס אָדער דענקערס יצירה. דער כלל איז,

אַז קונסט איז דער האַרמאָנישער אויסדרוק פון מענטשלעכן געפיל. און פונקט אַזוי איז די פילאָזאָפיע דער האַרמאָנישער אויסדרוק פון מענטשלעכן שכל. דעריבער באַטראַכטן מיר ביידע, ווי די איינציקע נחלה פון דער גאַנצער מענטשהייט. דעריבער איז אויך די באַדערפעניש און באַגער צו געניסן פון גײַסטיקע ווערטן און דער דראַנג זיי צו שאַפן אייגן פאַר יעדן מענטשן. אויך דער פּשוטער בשר־ודם שאַפט קונסט־ווערטן און פילאָזאָפישע לעבנס־חכמה, אַליין נישט וויסנדיק דערפון. פון דאַנען שטאַמט די אַנאָנימע פאָלקסקונסט, וואָס איז דער אייגנטלעכער יסוד פאַר יעדער קונסט.

די באַגאַבונג פונעם קינסטלער, זאָגט דער מחבר, באַשטייט פון איין זײַט פון זײַן אויפנאַם־פעיִקייט און פון דער אַנדערער זייט, פון זײַן שאַפונגס־מעגלעכקייט. דאָס איז אָפּהענגיק פון אַרכיטעקטאָנישן געבוי פון קינסטלערס אינערלעכער וועלט און פון איכות פון זײַן אָרגאַנישער אינסטרומענטאַציע: — זײַן שאַרפע ראיה, זײַן פּרעציז געהער, זײַן דינע עמפּפינדונג, דאָס פײַנע געפיל, דער יסודותדיקער געדאַנק. זײַנע עמאָציעס און איבערלעבונגען זענען שטאַרקער, ווי בײַם פּשוטן מענטש. זײַן פּסיכישר געוועב איז קאָמפּליצירטער און פילבאַרער. אמת, פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן אַלע תכונות אויפצונעמען דערשײַנונגען. זיי פאַרמאָגן אָבער נישט די פעיִקייטן צו פאַרוואַנדלען זייערע עמאָציעס אין שאַפערישע ווערטן. אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַנאַליזירט דער מחבר דעם פּראָצעס פון דער קינסטלערישער איבערלעבונג, דעם אופן, ווי עס ווערט בײַם קינסטלער געבוירן די קאָנצעפּציע פון זײַן שאַפונג. דער דאָזיקער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז איז זייער באַלערנדיק און ביז גאָר אינטערעסאַנט.

שרײַער שטעלט אַוועק זײַנע פראַגן אינעם ליכט פון דער טעאַטראַלישער קונסט. זיי קאָנען אָבער זײַן געבונדן מיט יעדן אַנדערן קונסט־געביט.

דעם אַקטיאָרס ראָל, ווי דעם שרײַבערס, דעם מוזיקערס א.א. איז נישט נאָכצומאַכן און קאָפּירן פאָטאָגראַפיש די פּרטים פון

לעבן און נאַטור. דער קינסטלער כאַפּט אויף דערשיינונגען לויט זייער צופעליקן צושטאַנד, אָדער זייער כראָנאָלאָגישן סדר. ער כאַפּט אויף די דערשיינונגען אין זייער אָרגאַנישער איינהייט, אין זייער דינאַמיש־דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג. די עקזיסטירנדיקע ווירקלעכקייט, האַלט דער מחבר, ווערט דורכן קינסטלער פאַרוואַנדלט אין אַ אידעע. זײַן ווערק מאַכט לכאורה אַ רושם, ווי עס וואָלט געווען קאָפּירט פונעם לעבן, פאַקטיש איז עס גאָרנישט די ווירקלעכקייט, וואָס מיר זענען געוווינט צו זען אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן. מיר אינדענטיפיצירן זיך אָבער מיטן קינסטלערס אמת, ווײַל דאָס איז דער תּמציתדיקער געזעענער אמת, וואָס שטראַלט אַדורך די אויבערפלאַך פון דער ווירקלעכקייט.

גאָר אָריגינעל איז דאָס קאַפּיטל וועגן „פּסיכאָריטמישן גורם״. שרײַבער לאָזט זיך אַראָפּ אין די טיפערע שיכטן פון דער קינסטלערישער פּסיכיק און וויל געפינען דעם שליסל צו די כּישוף־געצעלטן, וואָס ברענגען אַרויס די „שיינע מאַדאָנעס״, „מאָנאַ־ליזאַ״, „משה רבנו״, „פּראָמעטעוס״, די סימפאָניעס פון באַך און וואַגנער, „אָטעלאָ״ אָדער „פאַוסט״ א.א.

ער רופט עס אָן פּסיכאָריטמיק, וואָס איז, לויטן מחבר, די באַוועגונג־האַרמאָניע און די גלייכגעוויכט פון די יסודות אינעם גאַנג פון אונדזערע געפילן, איבערלעבונגען, טראַכטונגען און שאַפונגען .ער שטיצט זיך אויף דער ריטמאָלאָגישער געזעצמעסיקייט, וואָס הערשט אינעם חלל פון קאָסמאָס, אין דער נאַטור, אינעם סאָציאַלן לעבן און אין דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. דער פולסטער אויסדרוק פון דער פּסיכאָריטמיק אין דער קינסטלערישער געשטאַלטונג, איז דער סטיל. איין בילד — זאָגט דער מחבר — איין סטאַטוע, אָדער איין מוזיקאַלישע סימפאָניע, איז עלול צו ברענגען צום אויסדרוק דעם כאַראַקטער פון אַ גאַנצער תּקופה. ווײַל דאָס געגעבענע ווערק צייכנט אָן די שטאַנדהאַפטיקע פּסיכאָריטמישע יסודות פון דער אַנטוויקלונג פון אַט דער געגעבענער עפּאָכע.

נישט אַלע פּראַגן, וועלכע שרײַער באַהאַנדלט אין זײַן בוך, האָבן מיר דאָ אַ מעגלעכקייט צו באַרירן. דאָס בוך אַנטהאַלט אין זיך אַ שפע פון מחשבות, מיר האָבן פאַר זיך אַן אָריגינעלע אַרבעט און אַ צושטײַער צו אונדזער ליטעראַטור, וועלכע איז אויף דעם געביט ניט איבעריק רײַך.

„למרחב", 1958

„פאָלקסבלאַט", 1958

מ. גיורא

קונסט און טעאַטער

אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט, הגם אין נישט לײַכטע שפּראַכלעכע פאָרמולירונגען. פאַראַן אָבער טיילן אין בוך געשריבענע פּליסיק און קלאָר. דאָרט ווו דער מחבר גיט זיך ווינציקער אָפּ מיט פאַר־שערישע גריבלענישן, לייענט זיך דער טעקסט מיט פאַרגעניגן און באַלערנדיק. די יעניקע וועלכע האָבן נישט פיל געלייענט איבער טעאַטראַלער קונסט, פאַר זיי וועלן די באַרירטע פראַגן זײַן נישט פאַרשטענדלעך. דער באַהאַנדלטער שטאָף פאַרמאָגט אַ פיל נוצ־לעכן אינהאַלט. עס שטערן נאָר טייל מאָל דאָס זעלבסטזיכערע פּסקנות וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן מחבר, און וואָס קאָן פירן צו אַ טעות, ווי למשל אין דער פראַגע וועגן קונסטקריטיק. וויכטיקע פראַגן וועגן וועלכע עס קענען זײַן די פאַרשידנסטע מיינונ־גען, טראַקטירט דער מחבר ווי אַקסיאָמעס, „הלכה" און נישט ווי זיין באַשיידענע מיינונג.

דער מחבר איז גענויגט אָנצונעמען, אַז קריטיק דערנענטערט זיך צו אַ „וויסנשאַפט", ער זעט אין איר אַן אויטאָנאָמען זשאַנער אין דער ליטעראַרישער שאַפונג.

דאָס קאַפּיטל וועגן עסטעטיק וואָלט געוועזן פולקאָמער, מער צום האַרצן, ווען ס'וואָלט געווען באַפרײַט פון „פאַרשערישע" אַמביציעס.

שרײַער איז נוטה צום עקספּרעסיאָניזם אין דער קונסט.

בײַם באַהאַנדלען דעם קינסטלערישן שאַפונגס-פּראָצעס, דאָס איבערלעבן די יצירה, ברענגט דער מחבר צום אויסדרוק זײַן גרונט-מחשבה: אַז די „אָביעקטיווע" רעאַליטעט נעמט אָן אַ קינסטלערישע וועזנטלעכקייט ערשט ווען דאָס רעאַל-ווירקלעכע מאַכט אַדורך אַ ניואַנסרייכן, קאָמפּליצירטן גילגול אין דער גײַסטיקער סובלימאַציע פון קינסטלער — בײַם אַקטיאָר, מאָלער און שרײַבער. די שאַפונג איז נישט קיין געטרייע אָפּבילדונג פון רעאַלן, נאָר באַקומט אַ תּיקון דורך דער זעליש-געלײַטערטער פּריזמע פון קינסטלער. דאָס געזאָגטע איז אויך חל לגבי דעם קונסט-אויפנעמער, טעאַטער-באַזוכער, ווי אויך דעם לייענער. די איבערלעבונגס-פײַנהייטן בײַם קונסט-געניסער זענען אָפּהענגיק פון זעלבן עמאָציאָנעלן מהות פון איבערלעבן די שאַפונג. דער אָביעקטיווער שטאָף פאַרוואַנדלט זיך דאָ אין אַ סוביעקטיווער איבערלעבונג.

דאָס איז דער תּמצית פון שרײַערס אויפפאַסונג.

אָן ספק האָט שרײַער מיט זײַן בוך צוגעטראָגן אַ יסודותדיקע לײַסטונג, צי מיר זאָלן יאָ אָדער נישט אָננעמען זײַנע, טייל מאָל נישט עלאַסטישע פאָרמולירונגען, אויב מיר זאָלן אָננעמען אַלע, אָדער נאָר אַ טייל פון זײַנע אײַנשטעלונגען.

די איבערזעצונג פון א. ד. שפיר איז זייער אַ געלונגענע, ער איז געבליבן טרײַ צום טעקסט. קענטיק, אַז ווען דאָס זאָל געווען זײַן אַ מער פרײַע איבערזעצונג — וואָלט דאָס געווען אַ ברכה פאַרן בוך. מען וואָלט געקענט אויסמײַדן אייניקע „נישט געהיבלעוועטע" שפּראַכלעכע פאָרמולירונגען און דערמיט אַריוס-

הויבן די אין בור פֿאַראַנענע דיכטערישע אָנגעבריטקייט — דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ טעמע פֿאַר זיך.

„מאזניים"

מ. חלמיש

וועגן קונסט און טעאַטער

די געשיכטע פֿון דער טעאַטער־קונסט איז אַלט ווי די געשיכטע פֿון דער מענטשלעכער קולטור. אין לויף פֿון דורות האָט דאָס טעאַטער געבילדעט אַ סינטעז, פֿאַראייניקט אין זיך ליטעראַטור, מוזיק, מימיק, די קונסט פֿון וואָרט, מאָלעריי, ריטמיק, טאַנץ און אַרכיטעקטור — אַ צונויפֿגאָס פֿון אַלע קונסטן אין אַ נײַעם פֿאַקטאָר.

אין די פֿאַרשיידנסטע תּקופֿות האָט זיך דאָס טעאַטער אויסגעווירקט מיט זײַן השפּעה אויפֿן יחיד, ווי אויף דער געזעלשאַפֿט — ממש אויף מאַסן.

אויך בײַ אונדז יידן האָט טעאַטער עקזיסטירט נאָך פֿון פֿיל פֿריער ווי דאָס קען זיך אויסדוכטן: גאָלדפֿאַדן האָט דער ערשטער אָנגעגעבן אונדזער טעאַטער אַן אייראָפּעישן לבוש. ער און גאָרדין האָבן די ערשטע באַשײַנט דאָס טעאַטער מיט אַ וועלטלעכן פּאַרנעם.

דאָס טעאַטראַלע האָט זײַן אָנהויב נאָך פֿון פֿיל פֿריער, ווי דאָס פֿאָלקס־שפּילן, ווי: בריאת העולם, דער מבול, דער בבל־טורעם, סדום ועמורה, די געשיכטע פֿון לוט און זײַנע טעכטער, וועלכע האָבן נישט געזינדיקט מין קיין איבעריקער צניעות. אויך אין שפּעטערע צײַטן האָבן דערשײַנונגען אינספּירירט און אָנגערעגט

דראַמאַטורגן און רעזשיסאָרן, אַרײַנגעפּירט אין טעאַטער מאָטיוון ווי משה רבנו אין הויף פון פרעהן, מדבר־מאָטיוון ווי יהושע, גדעון אין עמק יזרעאל, שמשון אין עזה, אליהו הנביא אויפן כרמל א.א.וו.

דער עצם תּנ״ך איז געווען אַ קוואַל, וואָס פון זײַנע זאַפטן האָבן געצויגן יניקה דראַמאַטורגן, ווי דער אויפקום פון דער שפּעטער־דיקער דראַמע, די טראַגעדיע. וויפל טעאַטראַלישקייט האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דער צערעמאָניאַל פון די כּוהנים אין בית־המקדש, וויפל התלהבות האָבן אַרויסגערופן די פאַרשידנסטע פאָרמען פון רעליגיעזן קולט בײַ די פּרימיטיווע שבטים, אָדער ביי די אור־גריכן, וועלכע האָבן די דראַמע דערפירט צום סאַמע הויכפּונקט.

ערשט אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָר האָט זיך פאָרמירט דאָס קינסטלערישע טעאַטער. דער אַקטיאָר ווי דאָס פּובליקום האָבן זיך גענערט פון די זאַפטן פון יענעם אורקוואַל, וועלכער האָט געהאַט זײַן אויסדרוק אין די פּסיכאָלאָגיש־פילאָזאָפישע און עמאָ־ציאָנעלע ווערטן.

✶

די טעאַטער־קריטיק אין קעגנזאַץ צום טעאַטער איז אויפגעקומען פיל שפּעטער, קריטיק אין זין פון ערנסטער אחריותפולער פּאַר־טיפּטקייט, קריטיק ווי אַ שליחות, וועלכע פאַרמיטלט די דרײַ עלע־מענטן: טעאַטער — אַקטיאָר — פּובליקום.

בדרך כּלל איז אָנגענומען דער באַגריף, אַז טעאַטער איז אַ צוזאַמענשטעל פון רעפּערטואַר, רעזשי און אַקטיאָר, ווי אויך פון דעקאָראַטאָר, מוזיק און בינע־מײַסטער, ליכטעפעקטן און קאָסטיומען.

מען פאַרגעסט, אַז אָן דער קריטיק וואָלטן פאַרשטעלונגען פאַרגעסן געוואָרן, וואָלטן געבליבן אָן וועלכן עס איז אָפּקלאַנג. ביז הײַנט צו טאָג זענען פאַראַן קריטיקער פון אַ קולטור־מדרגה, וועמענס מיינונג דעצידירט אָפט דעם גורל פון אַן אויפפירונג.

מיר האָבן איז זינען די ערנסטע קריטיק און נישט דעם פאַרפלייץ פון ביליקע צײַטונגס־רעצענזיעס.

✶

עס האָט זיך באַוויזן אַ נײַער כּוח: אפרים שרײַער מיט זײַן בוך „קונסט און טעאַטער", וואָס איז די „וויזיט־קאַרטע" פון מחבר אין דער קריטיק.

דאָס ערשטע בוך שרײַערס, די מאָנאָגראַפיע וועגן דער גרויסער פּוילישער קינסטלערן אירענאַ אײַכלער האָב איך נישט געלייענט.

א. שרײַער היט אָפּ מיט ווּיסנשאַפטלעכער פּינקטלעכקייט די דורך אים באַהאַנדלטע טעמע. ער באַמיט זיך אינעם תּחום פון קונסט צו בלײַבן געטרײַ זײַן אייגנאַרטיקער פּסיכאָלאָגיש־פילאָזאָפישער אויפפאַסונג.

היות ווי עס רעדט זיך וועגן אַ מחבר וועלכער איז אַליין אַ קריטיקער, איז דערלויבט אויפמערקזאַם צו מאַכן אַז די באַהאַנדלטע טעמעס ווי: „דער פּראָצעס פון קינסטלערישן שאַפן און איבער־לעבן", „דער פּסיכאָריטמישער פאַקטאָר" (דעם מחברס אייגנ־אַרטיקער טערמין), „דער אַקטיאָר", דאָס קאַפּיטל „קינסטלערישע יצירה און איר געזעלשאַפטלעכן מהות", זענען שפּראַכלעך דעפינירט אין אַזאַ וואָרט־צימצום, אַז ס'פאַרלאַנגט זיך צוויי און אויך דריי מאָל לייענען דעם טעקסט בכדי צו באַנעמען דעם מחברס מחשבה.

ווי נאָר אָבער מען איז גובר דעם לאַקאָנישן סטיל פון בוך, באַנעמט מען ערשט די התרוממות, די גײַסטיקע אייגנאַרט פון דעם חשובן בוך.

מען קען יאָ אָדער נישט מסכּים זײַן מיט אַלע מסקנות פון מחבר, ווי למשל זײַן באַציִונג צו דער פילמקונסט. דאַרף געזאָגט ווערן: אפרים שרײַער זעט אין דער קונסט, אין דער טעאַטער־קונסט איר פולע שלימות פון פּראַכט, ער דרינגט צו די טיפסטע טיפענישן, צום סאַמע הויכפּונקט פון דער באַהאַנדלטער טעמע. שרײַער איז פאַרליבט אין דער קונסט, דעם פענאָמען פון דער־הויבנקייט אינעם מענטשלעכן גײַסט. דערצו קומט נאָך צו די פולע קאָמפּעטענץ צו באַהאַנדלען די פראַגן.

נאָר ווען דער מענטש איז מסוגל צו פילן, ליבן מיט זײַן פולער איבערצײַגונג, האָט ער דעם כּוח צו גרייכן צו די טיפן, ווי דאָס

באַוויזט שרײַער אין זײַן בוך.

שרײַער ציטירט אין דעם בוך אַ ריי וויכטיקע מחברים אויפֿן געביט פֿון קונסט. עס שפּירט זיך אין זײַן מחשבה אַ נישט קליינע השפּעה פֿון דער שאָפּנהויערישער פֿילאָזאָפֿיע, הגם דער נאָמען פֿון פֿילאָזאָף ווערט אין בוך נישט דערמאָנט.

מיר האָבן שוין דערמאָנט שרײַערס נישט צוגענגלעכע שפּראַך־אָנווענדונג. למען האמת אָבער איז אינעם ווײַטערדיקן המשך פֿון בוך די שפּראַך פֿאַרשטענדלעכער, באַזונדערס בעת ער ברענט לעבעדיקע ציטאַטן, בײַשפּילן, אילוסטרירטע שילדערונגען. דאָרט איז ער דורכויס בעלעטריסטיש, מאָלעריש, כ׳וואָלט געזאָגט אַפֿילו דיכטעריש־ליריש. די דאָזיקע שפּראַך איז פֿיל נאָענטער דעם לייענער, וואָס דאָס העלפֿט אים פֿאַרדײַען די באַהאַנדלטע פּראָבלע־מאַטיק פֿון דאָזיקן וואָגיקן בוך.

אייניקע ווערטער וועגן דער פֿילמקונסט. מיר זענען מסכּים מיטן מחבר אַז „טעאַטער פֿאַרמאָגט אַ דערציערישן כּאַראַקטער״. מיר קענען אָבער נישט אָננעמען די מיינונג אַז „פֿילם איז בלויז אַ פֿאַרוויילונגס־מיטל״, ווו מען קען „אָנגענעם פֿאַרברענגען״, אַז טעאַטער איז „כּאַראַקטעריסטיש פֿאַר קולטור פֿון אַ פֿאָלק און פֿילם קען געפֿעלן אָדער נישט, דאָס געזעענע פֿאַרווישט זיך שנעל אין זכּרון״. (זייט 85).

ס׳וווּנדערט אונדז די דאָזיקע אײַנשטעלונג פֿונעם מחבר, ווע־מענס צוגאַנג איז אין אַלגעמיין אַ דיאַלעקטישער אינעם ברייטערן זין פֿון וואָרט און ער פּסקנט דערבײַ אַ גזר־דין וועגן דער פֿילמ־קונסט. גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע פֿילמען ווי „האַמלעט״, „ריטשאַרד דער דריטער״, אָדער „אָטעלאָ״ און אייניקע נעאָ־רעאַ־ליסטישע פֿילמען, וועלכע באַשטעטיקן דורכויס נישט די באַהויפּ־טונג פֿונעם מחבר, הגם ער פֿאַררופֿט זיך אויף דער אַרויסגעזאָגטער מיינונג אין דער פֿראַגע פֿון דער גרויסער אַקטריסע ווי ס׳איז געווען עלאָנאָראַ דוזע, וועלכע איז געשטאָרבן אין יאָר 1924, ווען דער פֿילם האָט נאָך נישט באַוויזן דערגרייכן צו זײַן הויכפּונקט. די

דערמאַנטע פילמען האָבן איבערגעלאָזן אין אונדז טיפע איבער־לעבונגס־שפורן.

„על המשמר", 13.3.50

כרמלה סבחי

קונסט און טעאַטער

דאָס בוך פון אפרים שרײַער „קונסט און טעאַטער" איז אַ וויכטיקער בײַשטײַער צו די ביז איצט דערשינענע אויסגאַבעס אין תחום פון קונסט. מיר פאַרמאָגן נישט קיין גרויסע ליטעראַטור אויף דער באַהאַנדלטער טעמע.

שרײַערס בוך באַהאַנדלט אַ ריי וויכטיקע און חשובע פּראָבלע־מען ווי: וואָס מיינט ווירקלעכער און קינסטלערישער אמת? אין וועלכע פּראָפּאָרצן גלײַכן די רעאַלע געשטאַלטן צו דער טעאַטראַ־לער קרעאַציע? וואָס איז די אויפגאַבע פון דער קונסט? — קונסט לשם קונסט, אָדער צי פאַרמאָגט זי אַ העכערע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע?

דער מחבר איז בײַ דער מיינונג, אַז נישט בלויז די עסטעטישע הנאה איז צו זוכן אין דער קינסטלערישער יצירה. ער דערגייט אין זײַנע באַטראַכטונגען צום קונסט־פילאָזאָפישן מהות. אַלס קריטיקער טראַקטירט ער די יצירה הלכה למעשה, פרט נאָך פּרט, און מיט אחריות באַמיט ער זיך פאָרמולירן און דעפינירן די באַרירטע פראַגן.

לשבח איז אונטערצושטרייכן די איבערזעצונג פון א. ד. שפיר.

ד. ב. מלכין, אין זײַן פֿאָרוואָרט צום בוך, דערמאָנט אַ רײ פּובליקאַציעס, וועלכע דער מחבר האָט פֿאַרעפֿנטלעכט נאָך פֿיל פֿריער.

דער רײַכער פֿאַרנעם פֿון באַהאַנדלטן שטאָף איז דאָזיקן בוך באַווײַזט, אַז דער מחבר קען האָבן אַ השפּעה אויף אונדזער שעפֿערישער יצירה און באַזונדערס אויף דער טעאַטער־קונסט אין לאַנד.

„אומר", 1958

צ. צמריון

אַרום די פּראָבלעמען פֿון קונסט

דאָס בוך „אמנות ותיאטרון" (קונסט און טעאַטער) פֿון אפרים שרײַער, איבערזעצט פֿון ייִדיש דורך א. ד. שפּיר מיט אַן אײַנלײַטונג פֿון ד. ב. מלכין, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון דעם י. ל. פּרץ פֿאַרלאַג אין תל אביב.

שרײַער, וועלכער האָט שוין פֿאַרעפֿנטלעכט עסייען אין דער ייִדישער פּרעסע פֿון פּוילן פֿאַר דעם צווייטן וועלטקריג, איז באַקאַנט געווען נאָך דער מלחמה אין דײַטשלאַנד אַלס ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער עסקן און מיטאַרבעטער פֿון אַ ייִדישער וואָכנשריפֿט. זײַן בוך „אמנות ותיאטרון" איז ניט זײַן ערשטע פּובליקאַציע אַלס שריפֿטשטעלער און קונסט־קריטיקער. אָבער דאָס איז זײַן ערשטע פּובליקאַציע אין העברעיִש און אין ישראל. דאָס בוך אַנטהאַלט אַכט קאַפּיטלער און זײַנע אויספֿירן זענען באַזירט אויף

געדאַנקען פון שעפער און קינסטלער.

דער כּוח פון קינסטלער, לויט שרײַערן, איז אין דעם וואָס ער באַלײַכט טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען, וועלכע מיר זעען כּסדר, אָבער לייגן אויף זיי קיין אַכט ניט, ביז דער קינסטלער באַווײַזט זייער שיינקייט. מיט וועלכן כּוח? מיטן כּוח פון פאָרם וועלכע איז „דער תּוכן פון דער שאַפונג" (זײַט 46). און, אַזוי אַרום, פּאַסירט, „אַן אינהאַלט ווערט געבוירן אַלס רעזולטאַט פון אַ פאָרם" (ז. 54). דערפאַר: „דאַרפן מיר ניט זוכן דעם „וואָס" אין אַ שאַפונג". שרײַער איז קעגן נאַטוראַליזם, „ווײַל ער סימבאַליזירט די וועכנטלעכע אַפּלייקענונג פון דעם נאַטירלעכן יסוד פון דער נאַטור, אַרויפצוויגנדיק אויף דער נאַטור טויטע קאָפּיעס" (ז. 47). און ווייטער: „אַנטוישן קענסטו זיך אויך פון אַן אַבסאָלוטן שיינעם אָביעקט — אַ פרוי, למשל — אָבער קיין מאָל וועסטו זיך ניט אַנטוישן פון אַ קינסטלערישער סטאַטוע, און פון אַ בילד פון אַ צייכענער און פון אַ פּאָעמע פון אַ דיכטער. די סיבה איז אין דעם, וואָס די נאַטירלעכע שיינקייט איז ניט סטאַביל, — און דאַקעגן איז די קינסטלעכע שאַפונג דער פאַראייביקטער ,מאָמענט' פון גלײַכגעוויכט, האַרמאָניע און אידעאַל (ז. 63).

דער כּוח פון קונסט איז אַלזאָ אַ דאַנק דער פאָרם גרעסער פון דער נאַטירלעכער שיינקייט, אָבער דאָך איז פאָרם אַליין ניט גענוג, פיל מאָל באַטאָנט דער מחבר, אַז כּדי עס זאָלן געשאַפן ווערן ווירקנדע און שפּירהאַפטע אידעען „מוזן זיי טראָגן אַ גע־דאַנקלעכן כאַראַקטער. די אידעע איז, אַלזאָ, פאַר דער פאָרם אַזוי ווי די נשמה פאַרן קערפּער און ביידע זענען וויכטיק. שליסלעך „איז דער פּאַטאָס דער מאַקסימאַלער אויסדרוק פאַר דער אידעע און פאַרן אינהאַלט. דער פּאַטאָס איז די לעצטע קאָנצענטראַציע פון דעם כאַראַקטער אין דער אידדע. אַפילו ווען אַן אויסשליסלעכע פאָרם אָן אַ זאַכלעכן אינהאַלט איז פולקאָם באַרעכטיקט רע־פּרעזענטירט צו ווערן אין אַ צייכנונג" (ז. 61) — אַ רעכט, וואָס איז צווייפלהאַפט לגבי אַ ליטעראַרישער שאַפונג, למשל, אויב די

פֿאָרם קומט אויפֿן חשבון פֿון אינהאַלט — איז דער מחבר ניט באַגײַסטערט פֿון די יוגנטלעכע קינסטלערישע קריזיז, וועלכע גלויבן אין „אַבסטראַקטער צייכנונג". און אויך ניט פֿון „די מאָדערניסטן פֿון אַלע ריכטונגען, לגבי וועלכע עס גילט דער פּרינציפּ, אַז דער תּוכן פֿון אַ שאַפֿונג איז איר פֿאָרם".

דער מחבר האַלט ניט, אַז עס איז פֿאַראַן אַ וועזנטלעכע סתּירה צווישן „קונסט פֿאַר קונסט" און צווישן די וועלכע זוכן אַ ציל אין קונסט, „ווײַל אויב די קונסט קומט אין אַ קאָנפֿליקט מיט די קולטורעלע באַדערפֿענישן פֿון מענטש — הערט זי אויף צו זײַן אַן אמתע קונסט" (60־61); און ווײַל „די שאַפֿונג איז די פּסיכאָריטמישע און געדאַנקלעכע קאַטעגאָריע, וועלכע ווערט דורך דער מאַטעריע פֿאַרוואַנדלט אין אַן עסטעטישערווירקלעכקייט" — איז במילא „ניט ריכטיק די פֿראַגע: וואָס קומט פֿריער — דער אינהאַלט, אָדער די פֿאָרם". און דערפֿאַר „דאַרף מען זען דעם שאַפֿונגס־פּראָצעס פֿון אינהאַלט און פֿאָרם ווי איין פּראָצעס, ווי צוויי שטאַפּלען אין איין אַנטוויקלונג".

אַזוי לערנט אונדז א. שרײַער, אַז וויכטיק איז די פֿאָרם, אָבער אומפּרוכטבאַרער מאָדערניזם און בלויז עסטעטיק האָבן קיין פּלאַץ ניט אין קונסט: עס איז פֿאַראַן אַ חשיבות פֿאַר פֿאָרם און קונסט, ווען זיי זענען דורכגעפֿאָלכטן מיט אינהאַלט און געדאַנק.

די געבראַכט ציטאַטן זענען גענוג כּדי צו אורטיילן איבערן בוך. די אַרבעט איז אַ זויבערע, יעדער קאַפּיטל האָט אַ מין רעזומירונג, די ענינים זענען קאָנצענטרירט און זאַכלעך, ניטאָ קיין איבעריקע ווידערהאָלונגען, די שפּראַך פֿון איבערזעצער שפּיר איז אַ רײַכע און שיינע און דער סטיל איז גוט. אויב עס איז דאָך דערלויבט אַ באַמערקונג, וועלן מיר זאָגן: דאָ און דאָרט איז מעגלעך זיך אויסצודריקן אין אַ לײַכטערער און פּאָפּולערערער פֿאָרם (יאָ, פֿאָרם!), ניט באַנוצנדיק אַזוי פֿיל פֿרעמדשפּראַכיקע טערמינאָלאָגיע לגבי באַגריפֿן, וואָס האָבן פּשוטע און פֿאַרשטענדלעכע טערמינען אין העברעיִש. האָפֿנטלעך וועט די קלייניקייט גע־

פינען איר אויסבעסערונג אין די קומענדע ספרים, וועלכע א. שרײַער וועט פֿאַרעפֿנטלעכן.

„אַפֿריקאַנער אידישע צייטונג", תשכ"ג

פּרץ זעלמאַנאָווסקי / סווערדלאָווסק

מײַן באַגעגעניש מיטן שרײַבער אפרים שרײַער

אפרים שרײַערן האָלטן מיר פֿאַר אונדזערן אַ בן־עיר, הגם ער האָט זיך געפֿונען אין סווערדלאָווסק בלויז איייניקע יאָר. נאָר, ווי באַוווּסט, זענען פֿאַראַן יאָרן, וואָס יעדער טאָג פֿון זיי קען פֿאַר־רעכנט ווערן פֿאַר אַ יאָר. אַזוי איז געווען אין רוסלאַנד אין פֿאַריקן יאָרהונדערט בשעת דער באַלאַגערונג פֿון סעוואַסטאָפּאָל אין די צײַטן פֿון דעם רוסיש־טערקישן קריג, אַזוי איז פֿאַרגעקומען אין אונדזערע שווערע טעג.

אפרים שרײַער איז מגולגל געוואָרן קיין סווערדלאָווסק אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט מלחמה און איבערגעלעבט צײַטן, ווי פֿיל אַנדערע, וועגן וועלכע מען קען זאָגן מיט די ווערטער פֿון איכה „מחוץ שכלה חרב בבית כמוות". אפרים שרײַער איז געווען בײַם שרײַבער פֿון אָט־די שורות אַ בן־בית. דאָ האָט ער זיך באַקענט מיטן שרײַבער און קריטיקער פּראָפֿ' שלמה בילאָוו פֿון קיעוו (געשטאָרבן אין יאָר 1947), מיט דער דיכטערין בעלאַ דיזשור, אויטאָרין פֿון דער פּאָעמע „יאַנוש קאָרטשאַק" (אָנגעשריבן לויט די מאַטעריאַלן וואָס אפרים שרײַער האָט איר געגעבן), מיט איר מאַן ד"ר יוסף נעאיזוועסטני און מיט איר טאַלאַנטפֿולן זון,

דעם באַוווּסטן סקולפּטאָר ערנסט נעאיזוועסטני, מיט דער מיט־אַרבעטערין אין דער אַרטיקער צײַטונג „אוראַלסקי־ראַבאָטשי" אסתר קאַגאַן און אַנדערע.

צווישן זײַנע פרײַנד זענען אויך געוועזן אַ באַוווּסטער אוראַלער פּראָפעסאָר, אַ שוישפּילער באַריס מאַלטשאַנאָוו (דערמאָנט אין אפרים שרײַערס בוך „אמנות ותיאטרון"), מיטאַרבעטער פון אַרטיקע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן און אַנד. מיר האָבן גלײַך דערקענט אינעם פּליט פון פּוילן אַ מענטש מיט אַ גרויסן אינטעלעקטואַלן אינהאַלט, אַ מענטש מיט אַ נשמה־יתירה, אַ מענטש, וואָס האָט אַ גרויסן זין פאַר קונסט, פאַרשטייט און האָט ליב קונסט און האָט וועגן דעם וואָס צו זאָגן און ווייסט ווי אַזוי צו זאָגן.

זענען כּמעט 20 יאָר אַריבער זינט מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אפרים שרײַערן. ער האָט זיך אומגעקערט, ווי פיל אַנדערע, קיין פּוילן און נישט קוקנדיק אויף פיל שוועריקייטן און גלות־אָפּרעכטונגען, האָט ער נישט אַרויסגעלאָזט די פּען פון האַנט און אָנגעשריבן און אין יאָר 1948 אַרויסגעלאָזט אַ בוך אין יידיש (וועגן קינסטלערישער שאַפונג), אין 1958 אַ בוך אין עברית „אמנות ותיאטרון" און אין 1965 אַ בוך, „דיוקן ומסכה", וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס באַקומען, און דאָס איז בײַ פיל פון אונדז, דעם שרײַבערס חברים און פרײַנד, אַ צווייטע באַגעגעניש מיטן שרײַבער, וועמען מיר געדענקען און האָבן אָפט דערמאָנט במשך פון די דאָזיקע 20 יאָר.

מיר האָבן דאָס בוך געלייענט ביחידות און בציבור און ס׳האָט באַקומען אַ גוטע אָפּשאַצונג.

אפרים שרײַער איז נישט קיין פּנים חדשות אויף דעם געביט און נייטיקט זיך נישט אין קיין הסכּמות און דעריבער וועל איך זיך נישט אָפּשטעלן באַזונדער אויף די אַרויסזאָגונגען פון די, וואָס האָבן מיט פאַרגעניגן געלייענט זײַן נײַ בוך. כ׳וועל בלויז באַמערקן, אַז אַלע, אַלע — די קינסטלער, שוישפּילער און שרײַבער וואָס האָבן דאָס בוך געלייענט, האָבן אונטערגעשטראָכן זײַן ברייטע

וועלטאַנשויונג, זײַן באַקאַנט זײַן מיט דער הײַנטצײַטיקער אייראָ־פּעיִשער קונסט און אירע פֿאַרשיידענע פּילצאַליקע שאַטירונגען, זײַן סטיל און באַזונדער זײַן פֿאָרם און אינהאַלט. מיר זײַנען געווען צופֿרידן צו באַקענען זיך מיט די געשטאַלטן פֿון איינעם פֿון די גרויסע טעאַטער־אַנשטאַלטן, ווי „הבימה", וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אין דער גאָרער וועלט, א.אז.וו.

איך דאַרף צוגעבן, אַז פֿאַר מיר איז געווען אַ באַזונדערער נחת־רוח צו באַגעגענען זיך מיט די געשטאַלטן פֿון פֿיל טעאַטער־טוער פֿון „הבימה" — ווי איינער פֿון די אַלטע איבערגעגעבענע חסידים פֿון אָט־דעם טעאַטער, וועלכן איך האָב פֿיל מאָל באַזוכט, אין די שווערע יאָרן פֿון בירגערקריג, אין מאָסקווע, געווען באַקאַנט מיטן קונסט־אַנפֿירער זײַנעם — צמח. געווען איינער פֿון די, וואָס האָבן צוזאַמען מיטן באַוווּסטן געזעלשאַפֿטלעכן טוער אברהם בראַמסאָן אָרגאַניזירט די גאַסטראָלן פֿון אָט־דעם טעאַטער אין יאָר 1923 אין פּעטראָגראַד (וועגן דעם האָב איך בשעתו שוין געשריבן).

און לייענענדיק און בלעטערנדיק אָט דאָס בוך דערמאָנט זיך אָט די אַלע יאָרן, כּמעט אַ יובֿל יאָרן, מיט אַלע געשעענישן, מיט אַלע איבערלעבונגען, מיט אַלץ, וואָס די געשיכטע האָט מיט פֿלאַם און פֿײַער, מיט בלוט און טרערן אויסגעקריצט אויף אירע טאָוולען.

און, פֿאַרמאַכנדיק דאָס בוך, נאָכן איבערלייענען עס ביזן לעצטן בלאַט, זאָגן מיר צום מחבר דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן חזק ונתחזק און כּן ירבו, און מיר ווינטשן אים פֿון ווײַטן אוראַל, פֿון דער גרענעץ פֿון צוויי קאָנטינענטן — אייראָפּע און אַזיע — אריכת ימים און שעפֿערישע טעטיקייט, ער זאָל גיין מחיל אל חיל, און זאָל באַרײַכערן אונדזער קונסט־קריטישע ליטעראַטור מיט נאָך אַ סך ביכער.

„ישראל־שטימע"

אברהם ליס

אפרים שרײַערס טעאַטער־פּאָרטרעטן

טעאַטער איז איינע פון די פּאָפּולערסטע קונסטן און איז אַזוי אַלט, ווי דאָס מענטשלעכע לעבן. ווייסן מיר דאָך, אַז די געשיכטע פון טעאַטער הייבט זיך אָן העט ווייט, בײַם סאַמע באַגינען, בײַם בראשית פון דער מענטשהייט. אין דעם לעבן פון פּרימיטיוון מענטש און אין זײַן סביבה געפינען זיך שוין די יסודות, די אורקוואַלן פון טעאַטראַלישן אויסדרוק. און יעדער פון אונדז ווייס שוין, אַז אין די פּאַרצײַטיקע ריטואַלן, מנהגים און ימים־טובים קענען מיר געפינען די אורפאָרמען, וואָס פון זיי איז במשך פון יאָרטויזנטער אַרויסגעוואַקסן די טעאַטער־קונסט.

דאָס ממשותדיקע טעאַטער בײַ ייִדן איז נישט אַזוי אַלט. אויב מיר ווילן אַפילו אָננעמען די פּורים־שפּילן און די חנוכּה־פאָר־שטעלונגען פון ישיבה־בחורים ווי די אָנהייבן, ווי די קערנער פון שוישפּילקונסט. האָט דאָס טעאַטער בײַ ייִדן דורכגעמאַכט אַ ראַשיקע און קאַלירפולע אַנטוויקלונג.

פון גאָלדפאַדען־טעאַטער, פון די זבאַרזשער זינגער אין די שענקען ביז די שפּעטערדיקע אויפגייענדיקע טעאַטערס אין רומעניע, אין גאַליציע, פּוילן, רוסלאַנד און אין אַמעריקע, ביז אונדזער הײַנט, האָט דאָס טעאַטער באַגלייט דאָס ייִדישע פאָלק אויף זײַנע וועגן און וואָגלענישן, באַווירקט מיט זײַן פרייד און טרער, מיט אויפ־ציטער און דערהויבנקייט, וואָס טעאַטער־שפּיל טראָגט אין זיך — ייִדישע אַקטיאָרן, טייל פון זיי בויערס פון ייִדישן טעאַטער, טעאַטער־עסקנים האָבן בײַגעטראָגן מיט זייערע זכרונות־ביכער צו דער דערקענטעניש פון ייִדישן טעאַטער־גאַנג. זייערע געשילדערטע איבערלעבונגען אָטעמען מיט עכטקייט, מיט צעפינקלטע האָפענונגען

און, טייל מאָל, מיט דער גרויער, פֿײַנלעכער וואָר און נישט ווייניק אַנטוישונגען — — — אָבער מיר האָבן נישט זוכה געווען צו קיין גרויסער צאָל יסודותדיקע, טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען, אַנאַליטישע אַרבעטן וועגן יידישן טעאַטער, וועגן זײַנע שאַפֿערס און פֿאָרמירערס.

איז גוט, וואָס מיר קאָנען פֿאַרצייכענען אַ נײַע פּאָזיציע אויף דעם שטח: אפרים שרײַערס בוך „דיוקן ומסכה", (פֿאַרלאַג „מחברות לספרות"). אפרים שרײַער האָט עטלעכע יאָר פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרויסגעגעבן צוויי קלענערע אַרבעטן: „נעאָ־רעאַ־ליזם אין דער קונסט" (וואַרשע, 1937) און אַ מאָנאָגראַפֿיע איבער באַרימטן פּוילישן דראַמאַטישן שוישפּילער סטעפֿאַן יאַרטאַש (לעמ־בערג, 1937).* שוין אין די אָפּהאַנדלונגען קענטיקט זיך אַרויס זײַן פּאַרטיפּטער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פֿון טעאַטער און ליטעראַטור. אָבער זעט אויס, אַז אַט די אַרבעטן זענען נישט באַמערקט גע־וואָרן. דערפֿאַר איז שוין זײַן אַרבעט, די מאָנאָגראַפֿיע וועגן דער פּוילישער שוישפּילערין אירענאַ אײַכלער מסוגל געווען אויסצו־נעמען... אָבער אָט דאָס בוך איז דערשינען אין יאָר 1939, עטלעכע וואָכן פֿאַרן אויסברוך פֿון דער וועלט־שריפֿה.

איך דערמאָן זיך אַן אינטערעסאַנטן פּרט. בעת מײַנע גאַנץ אָפֿטע באַגעגענישן און שמועסן מיטן שרײַבער י. מ. נײַמאַן ע"ה, וואָס איז אין די אָנהייב מלחמה־יאָרן געקומען קיין ארץ־ישראל, פֿלעגט ער מיט ווייטיק און פֿאַרבענקנשאַפֿט דערציילן וועגן שרײַ־בערס פֿון אָקערשטיקן, אַקטיוון לעבן אין וואַרשע, אין פּוילן. מיט אויסגעוויינלעכער צאַרטקייט און וואַרעמקייט פֿלעגט ער רעדן וועגן די יונגע דיכטערס, דערציילערס, וואָס זענען כּמעט ערב דער מלחמה געקומען קיין וואַרשע פֿון פּוילישע שטעט און שטעטלעך, בכדי צו באַקומען שרײַבערישע סמיכה און בכדי צו פֿאַרזוכן דעם אַזוי לאָקנדיקן טעם פֿון אָט דער צוציִענדיקער יידישער קולטור־מעטראָפּאָליע. נישט איין מאָל האָט נײַמאַן אין די־אַ שמועסן

* די אַרבעט וועגן סטעפֿאַן יאַראַטשן איז נישט אַרויס אין בוכפֿאָרם, א. ש.

דערמאָנט דעם נאָמען אפרים שרייַער און מיט ווייטיקלעכן אומעט דערציילט, אַז שרייַער איז געקומען קיין וואַרשע מיט זייַן ערשטער טעאַטער־אַרבעט. אַ גוטע אַרבעט פון אַ צוזאַגנדיקן, ערנסטן טעאַטער־קריטיקער.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע יידישע בוך, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע. איז געווען פאַר אונדז אַ באַזונדערע פרייד זיך צו טרעפן מיט אפרים שרייַערן באַלד נאָך זייַן עולה זייַן אין לאַנד. ער איז געקומען פון ביטערע וואַגל־און־פּייַנוועגן פון ראַטן־פאַרבאַנד, פוילן און פון די פּליטים־לאַגערן אין דייַטשלאַנד, מיט דעם טרויער, וואָס די יאָרן האָבן אַרויפגעלייגט, אָבער אויך מיט אַן אייפער און ווילן צו שאַפן, זיך אַרייַנצולעבן אין דער נייַער יידישער וואָר, אין דער נייַער ישראלדיקער קולטור.

די איצטיקע זאַמלונג עסייען „דיוקן ומסכה" („פּאָרטרעט און מאַסקע") איז שוין שרייַערס דריט בוך, וואָס איז דערשינען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. פאַר דעם זענען אַרויס זייַנע אָפּהאַנדלונגען: „פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן" און דאָס בוך „אמנות ותיאטרון" (איבערגעזעצט פון א. ד. שפיר מיט אַן אַרייַנפיר פון ד. ב. מאַלקין), אָט די אַרבעטן צייכענען זיך קודם־כל אויס מיט פרישקייט פון באַטראַכטונג און מיט אייגנדיקער געדאַנקלעכקייט בייַם באַהאַנדלען שוין נישט איין מאָל באַהאַנדלטע פראַגן און פּראָבלעמען פון „קינסטלערישן שאַפן".

וויפל מאָל, אַ שטייגער, זענען שוין באַהאַנדלט געוואָרן די אייגנטלעכע שפּירונגען פון אַן אַקטיאָר און אַרויסגעזאָגט געוואָרן סברות וועגן דער עכטער געשטאַלטיקונג אויף דער בינע, ווען דער אַקטיאָר דאַרף אויסדריקן אין זייַן ראָל געפילן פון ליבע אָדער דאָס קעגנזעצלעכע — האָס. אָט וואָס שרייַער שרייַבט וועגן דעם:

„די פאַרהעלטעניש פון אַקטיאָר צו זייַן שטאָף איז אַ קאָמבינאַציע פון לאָגישע קעגנזאָצן און ווידערשפּרוכן. ווען אין דער האַנדלונג, אין דער סצענישער געשטאַלט קומען צום אויסדרוק געפילן פון ליבע אָדער האָס, הייסט דאָס נישט, אַז דער אַקטיאָר

מוז זײַן באַהערשט פון אַזעלכע געפילן. דאָס קען מעגלעך זײַן ווי אַ צופאַל אָבער קיין מאָל נישט ווי אַ כּלל. די דיאַלעקטישע עוואָלוציע פון די געפילן איז די אַנטוויקלונג פון די קעגנזאַצן, איין געפיל שאַפט דאָס צווייטע, ווי אַ קעגנזאַץ צו זיך. מען קען סצעניש ליבן מיט דער גרעסטער ליידנשאַפט און דערביי עמאָציאָנעל איבערלעבן געפילן פון האַס (האַס קאָנקרעטן אָדער אַבסטראַקטן)".

זײַנע אָפּהאַנדלונגען וועגן שוישפּילקונסט און קונסט בכלל אָטעמען מיט בליציקע אינטערפּרעטאַציעס, מיט לאָגישן אויסטײַטש, און אַפילו אין שווין באַקאַנטע אויספירן געפינען מיר אַ נײַעם מוטיקן טאָן, ווי, למשל:

„וואָס פאַרשידנאַרטיקער און פילצאָליקער עס זענען די עמאָ־צירונגס־מעגלעכקייטן בײַם שעפער, אַלץ שטאַרקער איז זײַן עמאָציע, טיפער זײַן פאַנטאַזיע, פילבאַרער זײַן עמפינדלעכקייט, שטורמישער זײַן טעמפּעראַמענט, העלער די קינסטלערישע וויזיע — לויטערער די קונסט".

אָדער אַזאַ דעפיניציע: „צום קינסטלער דערגייט דאָס העכסט־קאָנדענסירטע, די קוואַנטיטאַטיווע סובסטאַנץ. אין זײַן שאַפונג גײט ער די לייזונג פון פּראָבלעם דורך דער פּריזמע פון זײַן אייגענער פּערזענלעכקייט".

דאָס לעצטע איז זיכער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מחבר אַליין.

דאָס איצטיקע בוך „דיוקן ומסכה" צייכנט זיך באַזונדער אויס מיט צוויי מעלות. דאָס ערשטע, וואָס דאָ קומען נישט אַרײַן קיין אַבסטראַקטע, טעאָרעטישע אַרויסזאָגונגען און באַטראַכטונגען. און דאָס צווייטע: שרײַער האָט געפונען אַ פּאַסיקע פאָרעם און אַ בילדעריש, וואַרעם לשון. מעגלעך, אַז די טעמע האָט עס אים דיקטירט, פאַרמירט אין אים אַ היימישע, פשוטע, ווייכערע שפּראַך... אין „דיוקן ומסכה" ווערט אַרויסגעבראַכט אַ גאַלעריע פון די וויכ־טיקע ישראלדיקע שוישפּילערס. אַוודאי אויך אין דעם בוך קומט צום אויסדרוק דעם מחברס אידעע, זײַן באַנעם פון דער שוישפּיל־קונסט, אָבער צום אַלעם ערשט זענען עס געשטאַלטן, פּאָרטרעטן

און מאַסקעס, געבונדן מיט דער וואָרהאַפטקייט, מיט דער ישראל־דיקער בינע.

אפרים שרײַער קען די פֿאַרבאָרגנסטע סודות, וואָס אָט די קונסט טראָגט אין זיך. נישט נאָר אין איר אַלגעמיינער ראַם, אין איר קינסטלערישער נאַציאָנאַלער פֿונקציע, נאָר אויך אין אירע דינסטע קנײַטשן און וויבראַציעס, דערפֿאַר איז אים געלונגען אַזוי אייגנדיק צו דערקענען און אַרויסצופילן, זיך ממש אײַנצולעבן אין די גע־שטאַלטן און מאַסקעס, דערגיין צו זייער אַקטיאָרישן געראַנגל, דערשפּירן דעם אויפֿגיי און ווידעראַנאַנד פֿון שוישפּילערישן מהות בײַם פֿאָרמירן אַ ראָל, דעם ציטער און פֿלאַטער פֿון אויפֿטריט בײַם באַרירן די בינע־ברעטער, ווען פֿון אַנטקעגן גלעטן אָדער קוקן מיט אכזריות הונדערטער פֿאָר אויגן...

פֿאָרטרעטן פֿון עלף ישראלדיקע שוישפּילערס קומען אַרײַן אינעם בוך: יהושע בערטאָנאָוו, חנה ראָווינאַ, זיגמונט טורקאָוו, יוסף ידין, אהרון מעסקין, מאיר מרגלית שמעון פינקעל און די ייִנגערע — בתיה לאַנצעט, חנה מרון, אורנה פּורת, מרים זוהר.

אָט די עלף זענען די גרונטקרעפֿטן פֿון ישראלדיקן העברעיִשן טעאַטער. שרײַער שילדערט פֿאַר אונדז זייערע געשטאַלטן און מאַס־קעס, אין זייער פֿאַרשידנאַרטיקייט און פֿילפֿאַרביקייט. זייערע צענדליקער און צענדליקער ראָלן און קרעאַציעס, יעדער אַקטיאָר מיט זײַן באַזונדערער אויפֿפֿאַסונג און כאַראַקטער, טאַלאַנט און בילדונג, אינטעליגענץ און עקשנות און צווייפֿלעניש.

פֿון די שילדערונגען און פֿאָרטרעטן קומט אויף די אַטמאָספֿער און דער ריח פֿון טעאַטער. די געדעמפּיקייט פֿון הינטער־די־קוליסן און די כּישופֿידיקייט פֿון ליכט און שאָטן, פֿון סצענע און מיזאַנ־סצענע, און איבער אַלץ — דאָס באַזונדערע און כאַראַקטעריסטישע פּנים פֿון אַקטיאָר. זײַנע ספֿקות און זײַן גלויבן, זײַן טעאַטער־וועלט...

עס איז אָנגענומען אין אַזעלכע אָפּהאַנדלונגען־פֿאָרטרעטן אַרײַנצוברענגען אַ סך ביאָגראַפֿישן מאַטעריאַל, וואָס העלפֿט צו אין דער באַלײַכטונג פֿון דער באַהאַנדלטער געשטאַלט. שרײַערס

מעדיום זענען דער עיקר די ראָלן און די מאַסקעס, ווי ער האָט זיי געזען און באַנומען. אָט דער צוגאַנג מאַכט די אַרויסגעבראַכטע פּאָרטרעטן מקורותדיקער און ווערטיקער.

„צוקונפט" — 1969
פון בוך „אין זכות פון וואָרט"

א.ב.י.

פּאָרטרעט און מאַסקע

די ביכער־שראַנק פון אונדזער ליטעראַטור וועגן טעאַטער־קונסט איז באַרײַכערט געוואָרן מיט אַ נײַ בוך פון אפרים שרײַער „פּאָרטרעט און מאַסקע", אין דער העברעיִשער איבערזעצונג פון מ. חלמיש.

די אַרבעט איז אַ געוואָגטער פּרווו ווי דער מחבר באַמיט זיך דעפינירן די כאַראַקטעריסטישע אייגנאַרט פון אַקטיאָר. נישט נע־מענדיק אין אַכט זײַן ביאָגראַפישן פּראָפיל. דער מחבר באַהאַנדלט בלויז די קרעאַציעס און זייער חשיבות. ער איז מוותר אויפן אויסער־לעכן אַספּעקט און דרינגט אַרײַן אין די זעלישע טיפן פון אַקטיאָר אין וועלכן שרײַער זעט דעם עיקר. דער מחבר ווייזט די גאַלעריִע קרעאַציעס פון די פאַרשידנסטע אויפפירונגען און זייער פילשטיי־גערישן פאַרנעם, אַרויסברענגענדיק דעם מהות אין דער גאַנצער בולטקייט, אין אַלע מעגלעכע וואַריאַנטן — די קאָנפראָנטאַציע פון דער געשטאַלט מיטן העלד.

אפרים שריַיער האָט אָפּגעקליבן 11 פון די „פני" אין אונדזער צײַט אויף דער ישראל־בינע. ער שרײַבט וועגן דער ערשטער דאַמע פון ישראל־טעאַטער חנה ראָווינאַ, דעם זקן פון דעם אַקטיאָרישן קרייז, יהושע ברטונוב, וועגן זיגמונד טורקאָוו, וועלכער קומט צו אונדז פּונעם ייִדישן טעאַטער און האָט זיך אײַנגעגלידערט אין דער ישראל־בינע. וועגן מאיר מרגלית, ווײַטער אהרן מסקין, שמעון פינקעל. ווי אויך וועגן די זײַלן פון „קאמרי"־טעאַטער ווי חנה מרון, אורנה פורת, יוסי ידין און צוויי בולטע צוגעקומענע טאַלאַנטן ווי בתיה לנצט און מרים זוהר. אַקטריסעס וואָס דער מחבר פּאָלגט נאָך דעם גאַנג זייערן אינעם טעאַטער.

די ליבשאַפט צום אַקטיאָר שטערט נישט דעם מחבר צו זען זײַן פאַרדינטע הצלחה, ווי אויך זײַנע קינסטלערישע דורכפאַלן, דעם פּאָזיטיוון אַספּעקט ווי אויך די שעפערישע באַגרענעצטקייט פון אַקטיאָר.

שריַיער באַנעמט זייער דײַטלער ווען אין געוויסע פאַלן פאַר־וואַנדלט דער אַקטיאָר די נויט אין טוגנט, ווי למשל מ. מרגלית: „אין זײַן אויסשפּראַך איז פאַראַן אַ פונקציאָנעלער דעפעקט, צווישן דער צונג און גומען, אָדער פאָדערשטע ציין, נוצט ער דאָס אויס אויף אַ גלענצנדיקן אופן לטובת די פאַרשידנסטע אויסדרוקס־וואַריאַנטן פון וואָרט. אויך דאָס טראַגי־קאָמישע בײַ אים איז אַן סענטימענטאַלן צושמעלץ, אָן מיטלײַד־קאָמפּלעקסן. ער איז נישט קיין אויסגעשפּילטער פון די אומשטאַנדן, פאַרקערט. ער לאַכט איבער זײַנע צרות, שפּאַסט אויפן אייגענעם חשבון .ער נעמט אויף סיטואַציעס מיט זעלישער גלײַכגילטיקייט און אָפּטימיזם".

כ׳האָב דעם אײַנדרוק, אַז שרײַערן געלינגט פיל מער טיפּיזירן דאָס כאַראַקטער־וועזנטלעכע אין אַקטיאָר, ווי אין זײַנע טעאַרעטישע באַהויפּטונגען. די אַלגעמיינע באַמערקונגען זײַנע וועגן דער ישראל־דראַמע, וועלכער עס פעלט היסטאָרישע דיסטאַנץ פון וועלכער עס לײַדט דאָס דראַמאַטישער פולבלוט אין דער יצירה, זענען אַלגעמיין באַוווּסט.

שרײַערס אַרבעט וועגן טעאַטער דרינגט אַרויס פון זײַן אומ־געפעלשטער ליבע צום טעאַטער. אין אַ צײַט ווען אַנדערע קריטיקער זענען מער פאַרליבט אין אייגענעם וואָרט וועגן טעאַטער ווי אינעם עצם טעאַטער, איז די חשיבות פון בוך אין זײַן אויפריכטיקער אומאָפּהענגיקייט.

„על המשמר"

א. וואָלף יאַסני

אפרים שרײַער און זײַנע טעאַטער־געשטאַלטן

ער איז נישט קיין אַקטיאָר, אפשר האָט ער אַ מאָל געזינדיקט מיט סצענישן שפּיל, אָבער ווען מ׳לייענט זײַנע ביז איצט פאַרעפנטלעכטע ביכער, נעמלעך: „פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן" (יידיש), „אמנות ותיאטרון" און „דיוקן ומסכה" — באַקומט מען דעם אײַנ־דרוק, אַז אין זײַנע דערהויבענע שעפערישע שעהען, לעבט שרײַער ערגעץ הינטער די טעאַטראַלע קוליסן, וו* עס פאָרמט זיך די סצע־נישע קונסט... דאָס קומט באַזונדערס צום אויסדרוק אין זײַן בוך „דיוקן ומסכה" („פּאָרטרעט און מאַסקע").

אין דעם בוך זענען פאַראַן 11 געשטאַלטן, זייער חשובע אַר־טיסטן פון דער העברעיִשער בינע. אין הסכם מיט דער טעאַטראַלער אײַנשטעלונג, האָט שרײַער זיי געסדרט לויט א״ב און ערשט אין טעקסט דערקענען מיר דעם טאַלאַנט און די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון יעדן פון די 11 אַרטיסטן. דער מחבר האָט זיי געצייכנט מיט באַזונדערער דעליקאַטקייט. דער אויסדרוק „דיוקן" (פּאָרטרעט),

וואָס איז געגעבן אין טיטל פון בוך איז אַ צו באַשיידענער. פּאָרטרעט און אויך מאַסקע באַצייכנט נאָר דעם אויסערלעכן אויסזען פון דער געשטאַלט. אפרים שרייַער האָט אין זייַן אַרויסברענגען די אַרטיסטן־געשטאַלטן געגריכט פיל טיפער: אויפן סמך פון אָבסער־וואַציע מיט אַ קריטישן בליק, דורך אינטוּיטיוון אַרייַנדרינגען און די פּסיכישע באַזונדערקייטן פון יעדן פון די סצענע־קינסטלער, וועלכע ער באַהאַנדלט אין זייַן בוך — איז דעם מחבר געלונגען צו שילדערן די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון יעדן פון זיי.

יעדער סצענע־קינסטלער פונקט ווי יעדער פּשוטער בשר ודם, האָט זייַנע באַזונדערע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן און ממילא אַ יחי־דישן צוגאַנג צו דער טעאַטראַלער קונסט, אַן אינדיווידועלן אופן פון פאַרקערפערן די פּערסאָנאַזשן. טעאַטער ווערט אויך באַווירקט פון ליטעראַרישע שטרעמונגען, ווי: רעאַליזם, ראָמאַנטישקייט און אין הייַנטיקן דור פון אכזריות און אויסטערלישע מעשים, האָבן מיר דאָס „טעאַטער פון אכזריות" און „טעאַטער פון אַבסורד". פאַרשטייט זיך אַז די דאָזיקע אַלע באַגריפן זענען נישט נוגע די יידישע אָפּערעטן־טעאַטערס ווי עס איז לעבעדיק און פריילעך אויפן אַלטן שטייגער...

אפרים שרייַער האָט אין זייַן „פּאָרטרעט און מאַסקע" אויך געשילדערט דעם אופן, ווי אַזוי אַרטיסטן פאַרקערפערן אויף דער סצענע אָט די דערמאָנטע באַזונדערע שטרעמונגען. דורך דעם בוך באַקענט זיך דער לייענער מיט טעאַטראַלע און אַקטיאָרישע פּראָבלעמען, וואָס ווערן כמעט נישט באַרירט אין די געוויינלעכע טעאַטער־רעצענזיעס. שרייַערס בוך האָט דעריבער אַן אויפקלערע־רישן און דערציערישן כאַראַקטער. עס איז ווי אַ האַנטבוך פאַר טעאַטער־באַזוכער, וואָס ווילן ריכטיק באַגרייפן די דאָזיקע וווּנדער, וואָס שפּילן זיך אָפּ אויף דער בינע.

יעדעס קאַפּיטל אין דעם בוך, ד.ה. יעדע געשטאַלט — ווערט דורכן מחבר באַלויכטן דורך שילדערן: דעם אופן פון צוגרייטן זיך צום שפּילן, איינלעבן זיך אין די ראָלן און דאָס פילן זיך אויף

דער סצענע גופא, ווי אַ בײַשפּיל וועל איך ציטירן עטלעכע פּסוקים:

יהושע בערטאָנאָוו: „ליבשאַפט צום וואָרט, צום טעקסט, צו דער שפּראַך און צו דער טאָנירונג פון די קלאַנגען. יעדער, וואָס נעמט אויף דאָס וואָרט, וועלכעס גייט אַרויס פון זײַן מויל און פון אות אין דעם וואָרט — וועט באַלד דערפילן די באַגײַסטערונג און התלהבות, וואָס בערטאָנאָוו האָט פאַר דער שפּראַך, ווי אַ מכשיר אויסצודריקן מענטשלעכע עמאָציעס״.

מרים זוהר: „פּאַקטיש אַרבעט מרים זוהר זייער פיל איבער זיך. זי האָט דעראָבערט די שפּילטעכניק און דורך אַ סך אָנגעשטרענגטע פּרוּוון, פּאַרטיפט די זעלבסטקריטיק. אויסגעאײדלט דעם אַרטיסטישן געשמאַק און קלאָר געמאַכט פאַר זיך אירע צילן אין דער סצענישער קונסט״.

יוסף ידין: „ער דערשײַנט אויף דער סצענע מיט שטורעם: צעטרייסלטע טשופּרינע, לעבעדיק און ענערגיש, אימפּולסיוו־עמאָציאָנעל, ווי דער שטייגער איז פאַר אַ העלד, וואָס שטײַגט אויף די שטאַפּלען פון לייטער. דאָס קאָן מען זען אין רוב פון זײַנע סצענישע געשטאַלטן״.

בתיה לאַנצעט: „איר שטים איז טיף, ליריש און קלאָר, עלאַסטיש, וואָס דערמעגלעכט דער אַרטיסטין אַרויסצוברענגען די גײַסטיקע ניואַנסן, די נשמה־שטימונגען פון אירע סצענישע געשטאַלטן״.

אהרון מעסקין: „מער פון יעדן מענטש אין ישראל־טעאַטער, טראָגט ער אויף זיך דעם חותם פון זײַן צײַט, פון זײַן טעאַטער־וועלט. גײַסטיק איז ער נאָענט צום ראָמאַנטישן רעאַליזם. די ראָמאַנטישע העלדן האָבן געפונען זייער וועג צו אים. די וועלט פון זייערע געפילן, חושים און רעאַגירונגען — זענען מעסקינען אָמנאָענטסטן״.

מאיר מרגלית: „ער איז פון די כאַראַקטער־קאָמיקער, וועמענס שפּילן האָט אין זיך טעאַטראַל־דראַמאַטישע מאָמענטן. די הויפּט־יסודות פון זײַן קאָמיזם זענען: סאַרקאַזם, גראָטעסק און זייער דינער שאַרזש — זײַן הומאָר וואָרצלט אין זײַן נשמה און די

פרייל̈עכע אויסדרוקן פון זײַן פּנים, אין יעדן קנייטש און גרימאַסע איז אײַנגעפּאַלדעוועט דער כּישוף פון זײַן קאָמיזם״.

חנה מרון: „דאָס גרויסע קינד פון דער ישראל־בינע — די דראַמאַטישע איבערל̈עבונג, די גשפּאַנטקייט און נשמה־אומרו באַגלייט חנה מרון, אין איר שפּילן מיט אַ סקעפּטישער מינע, מיט אַ שמייכל פון אַ דינער איראָניע, אַזוי ווי זי וואָלט ציל־באַוווּסט־זיניק געשטרעבט צו צעשטערן די געשפּאַנטקייט פון דעם מאָמענט, ווי אָפּצוטעמפּען די שאַרפקייט פון אינסטינקטן־אויסברוך פון דער געשטאַלט״ (וועלכע די אַרטיסטין פאַרקערפּערט).

שמעון פינקעל: „זײַנע (סצעניש) טיפּן זענען פאַרשידנאַרטיק, פיל אין צאָל, רײַך אין אינהאַלט. זײַן דיקציע פליסט אין ריטם פון דער פּראָזע און אַן רעטאָרישער התלהבות״.

נישט אַלע פון די 11 טעאַטער־געשטאַלטן, וואָס זענען פאַראַן אין שרײַערס בוך קאָן מען כאַראַקטעריזירן דורך ציטאַטן פון עטלעכע שורות. דאָס אייגענע ראַרף אויך געזאָגט ווערן וועגן שמעון פינקעל, וואָס האָט הינטער זיך אַ רײַכע סצעניש־קינסטלעריש̈ע פאַרגאַנגענהייט. 3 פון די 11 אַרטיסטן געהערן לחלוטין צו די באַזונדערע יחידישע דערשײַנונגען אויף דער העברעיִשער בינע, נעמלעך חנה ראָווינאַ, אורנה פּורת און זיגמונט טורקאָוו.

חנה ראָווינאַ געהער צו די קלאַסיקער פון העברעיִשן טעאַטער. אָבער אין אירע ראָלן איז די אַרטיסטין, אין דער באַלײַכטונג פון אפרים שרײַער, געגאַנגען אין די וועגן פון דער ערנסטער ייִדישער טעאַטער־קונסט. אָבער ראָווינאַ האָט דעם ייִדיש־טעאַטראַלן נוסח אַרויסגעבראַכט אייגנאַרטיק יחידיש.

וועגן אורנה פּורת זאָגט שרײַער: „זי איז געקומען אין ישראל־טעאַטער פון אַ פרעמדער קולטור, וואָס האָט שטאַרק משפּיע געווען איר שפּילן — אויב מ'וויל ווי געהעריק אָפּשאַצן די אַקטיאָרישע מעלות פון אורנה פּורת, קאָן מען נישט איבערגיין די דאָזיקע דערשײַנונג — אין יעדער ראָל אירער, אין יעדן באַזונדערן מאָנאָלאָג אירן קומט צום אויסדרוק די אינטעליגענץ פון דער אַרטיסטין

און איר אַרבעט איבערן שטאָף, ממש אַ פֿאַרשערישע אַרבעט איבער דער געשטאַלט״.

און זיגמאַנט טורקאָוו —

די דאָזיקע פֿילפֿאַרביקע געשטאַלט פֿון אַ סצענע־קינסטלער, מיט אַ רײַכער אַקטיאָרישער פֿאַרגאַנגענהייט אויף דער ייִדישער בינע, דער פֿאַרקערפּערער פֿון צענדליקער ראָלן, וואָס האָט איצט זײַן מײַסטערשאַפֿט באַוויזן אויף דער העברעיִשער סצענע — האָט לײדער נישט באַקומען די געהעריקע באַלײַכטונג אין שרײַערס בוך.

דאָס קאַפּיטל „זיגמונט טורקאָוו״ איז אַן איבערזיכט וועגן זײַן טעאַטראַלער טעטיקייט און נישט קיין אָפּהאַנדלונג. דער מחבר האָט, ווי־זײַט אויס, געהאַט ווייניק ביבליאָגראַפֿישן שטאָף וועגן אַזאַ קינסטלער־פּערזענלעכקייט ווי זיגמונט טורקאָוו. עס איז אויך נישט קיין וווּנדער: די ייִדישע אַרכיוון זענען דאָך פֿאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די מיליאָנען ייִדן — — —

די אָפּהאַנדלונגען אין אפרים שרײַערס בוך, באַלויכטן מיט שילדערונגען פֿון די פֿאַרשטעלונגען, אין וועלכע אַרטיסטן האָבן פֿאַרקערפּערט זייערע ראָלן. רײַך מיט זעלטענע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון סצענע־טיפּן, פֿירן אַרײַן דעם לייענער אין דער טיפֿעניש פֿון טעאַטראַלער קונסט. דאָס בוך דאַרף דערשײַנען אין ייִדיש, וואָס עס וואָלט געהאַט אַ באַזונדערע באַרײַטונג פֿאַר דער גרויסער צאָל ייִדישע טעאַטער־באַזוכער.

„לעצטע נייעס״, 1967

שמעון קאַנץ

א

ביי היימישע שוועלן

אפרים שרייער בוך „ביי היימישע שוועלן" עפנט זיך מיט דערינערונגען פון „נעבטיקע טעג" ערב זיין עליה און ווי אַן אַריינפיר צו דער שטייגנדיקער בענקשאַפט, וואָס איז פאַראַן נישט בלויז אין די איינדרוקן און עסייען, נאָר אויך אין די פראָפילן. בעצם איז אפרים שרייער אומעטום, אין זיין גאַנץ שרייבן, אַן עסייאיסט, אַפילו ווען דאָס איז נישט זיין כוונה. אויך זיינע רייזע־איינדרוקן זענען דורכגעציטערט מיט לירישן אַנטפּלעקן דאָס פּנימיותדיקע פון זיך און פון די באַגעגנטע מענטשן אין ווייטע שטעט און לענדער. עס אַנטפּלעקט זיך טאַקע אין זיי די רחבותדיקע נאַטור פון זיין שרייבערישער געשטאַלט און דער אופן פון זיין איבערגעבן די איינדרוקן איז אַזוי אויסגעאיידלט, אַז עס ווערט שפּראַך פון נשמה, מיט חוש פאַרן קלאַנג און פאַרב פון דער שפּראַך, מיט טיף געפיל, וויסן און עספּרי.

ווי אַ קינסטלערישע נאַטור וויל אפרים שרייער זען נישט בלויז די אויסערלעכקייט פון די שטעט און לענדער, איבער וועלכע ער שפּאַצירט, נאָר קודם כּל דאָס אינעווייניקסטע און אַזוי קומט ער צום אויספיר, אַז עס איז נישט ריכטיק די באַצייכענונג אויסגע־לאַסנקייט, וואָס מען האָט געגעבן פּאַריז. „פּאַריז פאַרמאָגט לעבנס־סטיל, וועלכער גרייכט העכער דער נאָרמע, לויט אונדזערע באַ־גריפן. כ'האָב דעם איינדרוק, אַז די פראַנצויזן שטייען העכער איבער אונדזערע באַגריפן. וואָס פאַר אַ קולטורפאָלק איז נאָרמאַל באַדייט פאַר אונדז — אויסגעלאַסנקייט". עס פעלן נישט קיין מאָלערישע

בילדער. עס אַטאַקירן זײַנע זע־נערוון נישט נאָר סטילאַרטיק געבויטע שטעט אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, אין ענגלאַנד, סקאָטלאַנד און האָלאַנד. זײַנע חושים זענען וואַך צו די נאַטור־שײנקייטן, וואָס באַרײַכערן די לענדער. „יעדע ווײַלע טוישט זיך דאָס בילד, דער קאָלאָריט פון דער פּאַנאָראַמע. יעדע ווײַלע פאַרשאַפט געניס, איז משפּיע אויף די געפילן, אויף דער שטימונג". אייגנטלעך האַנדלט עס זיך נישט וועגן דער שטימונג גופא, נאָר וועגן דינע ניואַנסן אין דער עמפינדונג, וואָס שרײַבער ברענגט אַרויס מיט פּינעזיע, ווי ער וואָלט אונדז געוואָלט באַווײַזן, אַז די וועלט איז גאָרנישט אַזוי פּשוט. מען דאַרף נאָר אונטער דעם אויבאויפקן דערזען די טיפענישן פון פּנימיות. זײַנע עמפינדונגען רעדן צום געמיט, ווײַל זיי באַרירן אין אונדז אַ גאַמע פון געפילן און דאָס איז דאָך די הויפּט־קריטעריע פון גוטער עסייִסטיק.

אויבנאויף קען זיך אויסווײַזן אַ ווײַטער מהלך צווישן די רײַזע־איינדרוקן און טעאַטער־אָפּשאַצונגען, אָבער אין דער אמתן איז אויך אין די אָפּשאַצונגען פאַראַן דאָס וועלן צופירן צו דער פּנימיות, צום באַרירן פילנדיקע סטרונעס און אַז דער באַריר זאָל שטיין אויף דער הויך פון טיפער דערקענטעניש. דער דורשטיקער אינטעלעקט און עסטעט זוכט אין טעאַטער די קינסטלערישע פּער־זענלעכקייט וואָס זאָל אים העלפן געפינען דעם ענטפער אויף די טויזנטער שאלות, וועלכע דאָס לעבן שטעלט דעם טראַכטנדיקן מענטש און דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה. אין דער קרעאַציע פון דער פּוילישער שוישפּילערין אירענאַ אײַכלער באַרוישט אים דאָס אײַנהערן זיך אינעם שטורעם פון איר אייגענער נשמה. אין בולאַווס שפּיל זעט ער דאָס מאַכן רעאַל־וואַרשיינלעך דעם טרוים, פּונקט ווי אין גרעטאַ גאַרבאָ — די אידיליע פון טרוים און וואָר, פון שיינקייט און גײַסט.

דעם זעלבן צוגאַנג האָט שרײַבער אויך אין זײַנע קריטישע עסייען און פּראָפילן: מחשבה און געפיל. דערפאַר איז אים אַזוי נאָענט י. ראַפּאָפּאָרטס אופן פון קריטיקירן, זײַן געדאַנקען־קאָלאָריט,

שאַרפזין און עמאָציאָנעלער כּוח פון אויפנעמען. דאָס אַנוואַרעמען דעם מוח בײַם האַרץ דערפירט אים קלאָרער צו דערגיין די פּנימיות פונעם שרײַבער, וועמענס ווערק ער באַהאַנדלט און צום אָביעקטיוון פאַרערן עסקנים, אַפילו די, צו וועלכע ער האָט אַליין נישט געהאַט קיין מזל, ווי צום חבר מוליע, וועלכער האָט נישט פאַרטראָגן שרײַערס אַרויסגעזאָגטע מיינונגען און דאָך איז ער פול מיט ענ־טוזיאַזם פאַר דעם מענטש, וואָס האָט „אויפגעלעזט דאָס פּער־זענלעכע אינעם געמיינשאַפטלעכן" און האָט „פאַרמאָגט אַ ברייטן האָריזאָנט פון פאַראינטערעסירונג מיט אַלע פראַגן און דערשײַנונ־גען אינעם מענטשלעך־שעפערישן גײַסט".

אַזעלכע זענען כּמעט אַלע אַרבעטן אין דאָזיקן בוך. מען זעט אין זיי בולט דאָס זוכן דעם סינטעז פון געדאַנק און עמאָציאָנעלער איבערלעבונג. עס טרעפט אַז ער לאָזט זיך פאַרפירן פון געפיל, אָבער זײַן געדאַנק איז גענוג שעפעריש, אַז די קריטישע אָפּהאַנדלונג זאָל נישט פאַרלירן איר אַנאַליטישן ווערט.

פון בוך „כּח פון אות"

ב

בלעטער פון שיינקייט

וועגן באַרימטן רוסישן פאַבל־דיכטער קרילאָוו האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט זעלטן אויסגעטראַכט זײַנע מעשׂהלעך און משלים. ער האָט זיי גענומען בײַ עזאָפּן, בײַם פאַלק, בײַם רוסישן און בײַ אַלע אַנדערע. ער האָט אָבער אין זיי אַרײַנגעלייגט אַן אַנדערן זין, אַרײַנ־געפירט זיי אין אַ נײַער אַטמאָספער און דערפירט זיי צו אַן אייגענער שלימות.

דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן אפרים שרײַערס „בלעטער פון מײַן אַלבום", אין וועלכע ער פאַרצייכנט אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרן און מסתּמא ווירקלעך

מיט אים פּאַסירט. ער האָט אַפילו נישט געטראַכט צו דערציילן עפּעס נײַעס. ער איז געגנוג קינסטלער נישט צו וועלן איבערראַשן מיט אויסערגעוויינלעכקייטן. אים גייט אין אַרײַנפירן אונדז אין אַ וועלט פון עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. ער ווייסט אַז אַ סך אַנדערע קומט אויס איבערצולעבן ענלעכע שטימונגען און דערשטויננונגען. דער קינסטלער לעבט עס איבער אינטענסיווער און נעמט אויף קליגער דאָס נישט דערגרייכטע; וואָס דער מענטש האָט גאַנץ אָפט אַפילו נישט קיין נאָמען דערפאַר.

דער עסייִסט אפרים שרײַער, מחבר פון אַ רײ קריטישע שטודיעס איבער קינסטלער און קונסטווערק, איבער פּראָבלעמען פון קינסט־לערישן שאַפן וואָס האָט אַ סך געווידמעט דעם טעאַטער, קומט דאָ דווקא מיט אַ שטילקייט און אינטימיטעט, וואָס האָט לגמרי נישט צו טאָן מיט טעאַטראַלקייט, איז נישט־דעקאָראַטיוו, נאָר ביחידותדיק איבערגעלעבט. ער באַווײַזט זיך דאָ ווי אַ שטימונגס־און סטיל־מייסטער אין דערציילן, אין פאַרענדיקן די פּוענטע. ער קומט אין די בלעטער מיט אַן אייגענעם טאָן, מיט אייגן בילדלער לשון און מיטן בוח אַרײַנצופירן אין אַ מערקווירדיקער שטימונג פון אומעט און פרייד; אַן אומעט וואָס קומט פון גרויס געזאַנג און פרייד וואָס עס רופן אַרויס מילדע זונשטראַלן.

שרײַער דערציילט די אַלע פּאַסירונגען אַזוי שפּילעוודיק, אָבער מיט אַזאַ נאָגנדיקער קלוגשאַפט פון אַ מענטש, וואָס ווייסט, אַז די ווערט פון אַלע ווערטן איז נישט אין פּראַקטישער חכמה, נאָר אַין דער פּאָעזיע פונעם לעבן, צו וועלכער עס שטרעבן די איידלסטע הערצער און געשליפענע מוחות. דאָס איז די פּאָעזיע, וועלכע איז דער קולמינאַציע־פּונקט פון די בעסטע און גליקלעכסטע אין לעבן פון יעדן מענטש אין אַלע צײַטן.

עס איז נישט אמת, אַז אונדזער צײַט איז באַפרײַט פון ראָ־מאַנטיק און דערפאַר געהערט דער ראָמאַנטיקער צו אַ פאַרגאַנגע־נער צײַט. יעדע צײַט, יעדער דור נעמט זיך אַ מאָנאָפּאָל אויף אַן „איזם“. אונדזער צײַט האָט זיך צוגעאייגנט דעם ניכטערן ריאַ־

ליזם, אָבער דער אמת איז, אַז פּאַר אַלע צײַטן איז געמיינשאַפטלער אַ ברוטאַלער רעאַליזם און ער ציט זיך ווי אַ בלוטיקער פּלַעק איבער דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט, לויערט הינטער קולטור און מאָראַל, דרינגט אַרײַן אין זיי, אָפּט מאָל באַצירט מיט הויכע קונסט־אויסדרוקן. יעדע צײַט האָט אָבער אויך אַ דורשט נאָך שיינקייט, איר אומבאַדינגטן אַנטי־ברוטאַלן רעאַליזם און היט אָפּ דאָס אמת־שיינע, דאָס אמת־מענטשלעכע. נישט אַלע מאָל גיט מען זיך אָפּ אַ חשבון ווי גרויס איז די ווירקונג פון דעם אַנטי־ברוטאַלן און אַנטי־ניכטערן — פון דעם ראָמאַנטיקער. אין אַלע צײַטן — אין אונדזערער אין נאָך אַ העכערן גראַד — איז די דאָזיקע ראָמאַנטיק העכער, ווערטפולער פונעם הערשנדיקן איזם, ווײַל העכער פון אַלעם איז דאָס טיף מענטשלעכע.

מערקווירדיק איז דער אויסוואַל פון די פּרויען אין די בלעטער פון שרײַערס אַלבום. מאַלווע פון די „געטראָטענע רויזן”, טאַטיאַנאַ אַלעקסייעוונא, וואָס האָט שטודירט ליטעראַטור, מוזיק איידער זי האָט געלערנט מעדיצין און האָט אויף אויסנווייניק פּאַרגעלייענט יעסיענינען: לאַראַ די דאָקטאָרין פון סווערדלאָווסק און אַלע אַנדערע, וואָס יעדע פון זיי איז אַזוי פאַרשידן, אָבער אַלע זענען זיי באַשאַנקען מיט מוזיקאַלישע געפילן און ראָמאַנטישע אָנרעגונגען, מיט דורכנעמענדיקער פּרוילעכקייט, מענטשן פון בלוט און פלייש און דאָך אַזוי אויסגעהאַלטן אין זייער סובטעלקייט, אָפּגעהיטן פון פאַלשע טענער.

אָנהויבנדיק פון דער לערערין פּאַר מאָלערײַ אין זײַן שטעטל, ביז דער ציגײַנערין וואָס רעדט יידיש, טראָגט יעדע אין זיך פונקען פון אַ שטראַלנדיקער ראָמאַנטישער פּערזענלעכקייט און דערציילנדיק וועגן זיי פירט אונדז שרײַער איבער זײַנע אייגענע זעלישע לאַנדשאַפטן, אין וועלכע מיר הערן אינטים־מוזיקאַלישע תּפילה צו שיינקייט און ליבע, צו מילדקייט און גוטסקייט.

זײַנע פּרויען, וועלכע ער באַגעגנט, אָפּט אין צײַטן פון שווערע נסיונות, רופן זיך איבער מיט די געטינס פון שיינקייט אין דער

תּקופה פון ראָמאַנטיזם, אָבער בײַ שרײַערן זענען זײַ קאָנקרעטע און זייער דורשט נאָך שיינקייט איז פּאַר אים לופט און ברויט פון אַלע טעג, דריקט זיך אויס אין אַלץ וואָס מיינט לעבן, סײַ גײַסטיק, סײַ פיזיש.

ער קען זיך נישט פּאַרהיטן פון סענטימענטאַלע דיאַלאָגן, אָבער זיי זענען עכט און געטאָקט, דאָס לשון פון האַרץ דאַרף נישט האָבן אַ סך ווערטער. יעדער עפּיזאָד איז קלאָר און דערציילעריש כּמעט אויסגעזונגען.

אַ ראָמאַנטישער עלעמענט איז אויך זײַן ליריזם, פאַרחלומט, ווייך, אָבער מיט אַ שטאַרקן באַוווסטזײַן פון כּוח. ער מײַדט אויס ראָמאַנטישע באַרעדעוודיקייט, כאַפּט נישט איבער די מאָס פון דער פּאַסירונג, דערציילט דירעקט, אָנשטאָט רמזים — עלעגאַנטער מיין, אָן שלייערן, וואָס זאָלן פאַרהילן דאָס אינערלעכע פײַער. אַלע האָבן זיי קערנדיקן אינהאַלט, פאַרב, עראָטישע טעמפּעראַטור, נישט צום איבערדערציילן, נאָר צום לייענען און אַרײַננעמען אין זיך.

פון בוך „כּח פון אות״

ג

עסטעטישע ווערטן און סוד פון יצירה

אפרים שרײַער, עסטעטישע ווערטן, לייוויק־פאַרלאַג 1985

אפרים שרײַער ווייסט, אַז ער איז נישט דער ערשטער, וואָס זוכט צו דערקלערן דעם מהות פון עסטעטישע ווערטן. זײַן בוך „עסטעטישע ווערטן״ הייבט ער אָן מיט דער באַוואָרעניש, אַז עס איז פאַראַן אַן אומגעהויער גרויסע ליטעראַטור, וואָס באַשעפטיקט זיך מיטן פאַרשן די פּראָבלעמען, פאַרבונדענע מיטן עצם מהות פון קונסט און עסטעטיק, און דאָך בלײַבן נאָך אַלץ נישט פאַר־ענטפערט אַ ריי קאָמפּליצירטע פראַגעס אין שײַכות צום פענאָמען און מחשבות. דאָס קלינגט ווי אַ באַשיידענער אַרײַנפיר צו זײַנע

ווײַטערדיקע אָפּהאַנדלונגען. שרײַער, זעט מען, איז אויסגעצייכנט באַהאַוונט אין די פּראָבלעמען פון קונסט און עסטעטיק. ער האָט אַן אַ שיעור געלייענט און פּרוּווט אַרײַנדרינגען אין דעם עצם פון קונסט און קינסטלערישן שאַפן. ער ווייסט און פאַרשטייט די פּראָבלעמען פון קונסט. און מ׳זעט, אַז דאָס איז בײַ אים נישט בלויז אַן ענין פון פאַרשטיין. ער לעבט אין קונסט, אין דעם וואָס איז פאַרבאָרגן הינטער דעם ווערק און דער שעפערישער פּערזענ־לעכקײַט, הינטער דער צײַט, הינטער די באַגריפן פון האַרמאָניע און שיינקייט, און ער זוכט צו געבן אַ ריכטיקע, אַ באַפרידנדיקע תשובה אויף די פראַגן, וואָס אַזעלכעס מאַכט, אַז אַ זאַך זאָל קענען ווערן אָנגענומען ווי שיין און וואָס אַזעלכעס מאַכט פון אַ ווערק — קונסט. אמת, ער וויל נישט אַרײַנגיין אין דער גע־דיכטעניש פון די פאַרשידענע טעאָריעס וועגן עסטעטיק, וועלכע זענען שוין געווען אין אַלטן גריכנלאַנד, און נישט ווי אַ ווויסנשאַפט, אַזוי ווי ער איז אויפגעקומען אין 8־טן יאָרהונדערט און איז דאַן אָוועקגעשטעלט געוואָרן בײַ דער זײַט פון לאָגיק.

אַלע וואַסערן קומען פון איין קוואַל, גייען צו איין מקור, אָבער דער וועג איז אַן אַנדערער, יעדער טײַך, ווי יעדער ים, האָט זײַן קאָליר און זײַן רויש, איינער רוישט און שווימט ווי אַ וואַסערפאַל. אַן אַנדערער פליסט אידיליש און שטיל. מעגלעך, אַז אומעטום איז פאַראַן אַ פאַרבאָרגענער זין, פאַר וואָס אַזוי און נישט אַנדערש. שרײַער שווימט אין ים פון קונסט־טעאָריעס מיטן ווילן צו דערשלאָגן זיך צום גרונטמאָטיוו, און ער הייסט „מענטש". ממילא שליסט ער אויס די טעאָריע, וואָס שטעלט דעם עסטעטישן עלעמענט פריער פאַרן באַוווּסטזײַן. שרײַער, אין זײַן באַהאַנדלען עסטעטישע ווערטן, האָט פאַר די אויגן קודם כּל אמתע קונסטווערק און ווי אַ קינסטלע־רישע דיסציפּלין האָט זי די זעלבע שײַכות מיט דער עסטעטיק ווי אַ באַזונדערע וויסנשאַפט און באַנעמט זי אין אַ רעאַליסטישער אָדער אידעאַליסטישער פאָרם און דער עסטעטישער באַגער איז בײַ אים פאַררעכנט פאַר אַ וויטאַלע באַדערפעניש.

שרייַער זאָגט: „די עסטעטישע קאַטעגאָריע פֿאַרמאָגט אַן אַנ־דערן זינען ווי דער אַנגענומענער באַזיץ „שיין". מען קאָן למשל, אויסמאָלן אַ בילד פֿון אַ שיינער פֿרוי, אָדער אַ בוקעט בלומען, און עס זאָל זיך באַקומען אַ נישט־קינסטלעריש „שיין" בילד, און פֿאַרקערט, מען קען מאָלן אַ צעקרימט פּנים פֿון אַ זקן אָדער זקנה, אַ בינטל ציבעלעס אָדער גאָר אַ קופּע מיסט, און עס זאָל זיך באַקומען אַ קינסטלעריש געלונגענע שאַפֿונג, עסטעטישע שיינקייט. שיינקייט איז אַ וויטאַלער עלעמענט אין אַלעם וואָס דער מענטש שאַפֿט. אומעטום, וווּ עס קומט פֿאַר עכטע גײַסטיקע יצירה איז פֿאַראַן שיינקייט, אָבער אויפֿן ערשטן אָרט איז, לויט שרייַערן, פֿאַראַן שיינקייט אין דער קונסט. „...די קונסט — פֿאַרענדיקט שרייַער זײַן אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונג — שאַפֿט מיט זיך דעם קרוין־אָרנאַ־מענט אין קולטור־גײַסטיקן בנין אינעם דויער פֿון צײַט, נישט געקוקט אויפֿן צײַטווײַז לאַנגן בלאָנדזשען אויף זײַטיקע וועגן אינעם אכזריותדיקן גאַנג פֿון דער געשיכטע".

עס טרעפֿט, אַז רשעות און אָפּנאַרערײַ פֿאַרקליידן זיך אין עסטעטישע פֿאַרמען. נישט אומזיסט דערוועקן שיינע רייד אומצוטרוי. פֿון דאַנען נעמט זיך אונדזער ווידערווילן צו דעמאַגאָגן און מליצה־דיקע רייד, אָבער גלײַכצײַטיק גיבן מיר זיך אָפּ אַ חשבון, אַז גאַנץ אָפֿט ווירקט פֿאָרם מער פֿון אינהאַלט. שרייַער מיינט, אַז אונטערן באַגריף „אינהאַלט" פֿאַרשטייען מיר סוזשעט, האַנדלונג, אַקציע, די מאָלערישע אָדער מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע, דיכטערישע פּאָעמע א.א.וו. ד"ה. דער תּוך פֿון יעדער זאַך אָדער דערשײַנונג, דער אינערלעכער קערן. פֿאַר שרייַערן איז נישטאָ די פֿראַגע, צי טראָגט נישט דער אינהאַלט אין זיך אויך זײַן פֿאָרם, מיט וועלכער ער קומט גלײַך אויף? די קאָאָרדינאַציע — קלערט אויף שרייַער — פֿון אינהאַלט און פֿאָרם איז געוויס נישט קיין מעכאַניש־סכעמאַ־טישע. דעריבער האָט נישט קיין זין צו שטעלן די פֿראַגע, וואָס איז פֿרימער, דער אינהאַלט צי די פֿאָרם, דער „וואָס" אָדער דער „ווי אַזוי". בײַ די נעאָ־קאַנטיאַנער איז דער פּראָצעס קעגנזייטיק

אומענדלעך. ווײַל אינעם פּראָצעס איז אַלץ אין אַ באַשטימטער פאַזע — פאָרם און איינציִיטיק, פון אַ צווייטן שטאַנדפּונקט — אינהאַלט.

אפרים שרײַער האָט דערמיט איינע פון די לאָגישסטע באַגרינדונגען פאַרן געדאַנק, אַז יעדעס קערנדל, יעדעס זאַמדעלע, ווי קליין עס זאָל נישט זײַן, האָט עס אַ באַשטימטע פאָרם, וואָס איז צונויפגעבאַהאַפטן מיטן אינהאַלט. די אַלע געדאַנקען און אויפקלערונגען דרייען זיך בײַ שרײַערן אַרום קונסט, אַרום קינסטלערישן איבערלעבן און באַנעמען דאָס לעבן, די נאַטור, די מענטשלעכע פּסיכיק. אמת, ער פּרעטענדירט נישט צו שאַפן אַ פילאָזאָפישן סיסטעם און שליסט זיך אויך נישט אָן אין קיין פילאָזאָפישער שיטה איבער עסטעטיק. זײַנע איבערצײַגונגען זענען ריין קינסטלערישע. כמעט אַלץ, וואָס ער שרײַבט איבער עסטעטיק, איבער סימבאָליק אין דער קונסט, סטרוקטור פון אַ ווערק, פּראָפיל און קלימאַט פון וואָרט א.א. ווערט דורך אים באַלויכטן פון אַ קינסטלערישן קוקווינקל. דאָס זעלבע איז אויך ווען ער שרײַבט איבערן שורש פון פאָלקלאָר, איבער השפעות און פּלאַגיאַט, איבער קריטיק, איז דער קוק אויף דעם אַ קינסטלערישער. אַפילו זײַן פײַנער ליטעראַרישער סטיל, דער אופן ווי אַזוי ער בויט די זאַצן, די קלאָרקייט פון די דעפיניציעס, אָבער ווען זיי האַלטן נישט תמיד אויס דעם אַנאַליטישן קריטעריום, זענען אָבער אינעם אופן פון זײַן אַרויסברענגען זיי אָנונגען פון אַ קינסטלערישן טאַלאַנט, ווי שרײַער פאָרמולירט עס: „דער סוד פונעם שאַפונגס־פּראָצעס איז אַן און פאַר זיך אָפּט פאַרבונדן און גרענעצט זיך מיטן תחום פון איראַציאָנעלער ספערע". דאָס באַשטעטיקט, אַז ער איז נישט אויסן צו געבן קיין פילאָזאָפישע אָדער וויסנשאַפטלעכע אָפּשאַצונג. שרײַער איז דורכויס דיכטערישע נאַטור און אין זײַן שאַפן גרייכט די אינטויציע צו הייכן פון אינטעלעקטועלער רײַפקייט, וועלכע ער אַליין זעט אַפילו בײַ פּרימיטיווע קינסטלער. ער האָט פאַר אים די באַצייכענונג „אינטעלעקטועלע אינטויציע" און בלײַבט שטיין פאַר איר ווי פאַר אַ סוד. עס איז

אָבער נישט דאָס שטומע שטיינבלײַבן פאַר איר. בײַ שרײַערן איז עס וויטאַלער עלעמענט פון פרייד אין אָנבליק פון אמתער קונסט און סובלימער אויסדרוק פון מענטשלעכן גײַסט.

„יידיש־וועלט", 1985

פײַוול זיגעלבוים

א

„בײַ היימישע שוועלן"

אפרים שרײַער, בײַ היימישע שוועלן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל אביב 1976

דער שרײַבער פון אָט דעם בוך איז אַן עניוותדיקער מענטש, אַ דענקענדיקער מיט גײַסטיקער אָנגעלאָדנקייט. אַ חקרן אין הלכות קונסט, אַ שטילער מענטש און הייסט: שרײַער. פון אפרים שרײַערס געשריבן וואָרט, ווי פון זײַנע פריוואַטע שמועסן, דערקענט מען און מ׳זעט דעם „שטילן שרײַער" אין אַ סובלימירטער וועלט פון קונסט מיט אַלע אירע אײַנגעהאַלטענע און אָפּגעהיטענע ראָמאַנטיש־יוגנטלעכע פעדעם. ער דערמאָנט אין די יונגע באַגייסטערטע סטודענטן וואָס כ׳האָב געזען אין שעקספּירס שטוב אין „סטראַט־פאָרד", לויפן פון ווינקל צו ווינקל, פאַרשרײַבן אַלע דעטאַלן און חפצים. צייכענען אַפילו שעקספּירס בעט... אַזאַ באַגײַסטערטער סטודענט איז שרײַער עד היום.

הגם שרײַערס גרויסע ליבע איז געווען און איז געבליבן די טעאַטער־קונסט, קרייצן זיך בײַ אים טיף דורכגעטראַכטע מיינונגען און דעפיניציעס וועגן אַלע געביטן און „פּראָבלעמען פון קינסטלע־רישן שאַפן". אַזוי רופט ער טאַקע זײַנס אַ פּריערדיק בוך, אַרויס־

געגעבן אין פֿאַרלאַג „ניי־וועלט", מינכען 1948. דאָס ביכל „פּראָבלעמען פֿון קינסטלערישן שאַפֿן" קאָן באַצייכנט ווערן ווי אַ ווערטפֿול האַנטבוך פֿאַר יעדער קונסטשולע. דאָרט פֿאַרפֿיקסירט א. שרײַער געוויסע גרונט־פּרינציפּן אין קינסטלערישן שאַפֿן אויף אַלע שליאַכן פֿון דער קונסט. די איבערוואַנדלענדיקע שיטות אין דער קונסט הענגען אויף אים ווי אַ שווערער יאָך. ווי אַ וועכטער שטייט ער מיט זײַן וואָרט צו היטן די הייליקייט פֿון דער געטלעך עכטער קונסט, זי זאָל, חלילה, נישט פֿאַרשוועכט ווערן דורך שאַרלאַטאַניזם אין דער אַבסטראַקטער מאָלערײַ און אין דעם אַבסורד־טעאַטער. ווײַל קונסט איז דער גרעסטער אָנרעג פֿאַר סובלימירטער, גײַסטיקער דערהויבנקייט וואָס גיט פֿאַרגעניגן אַלע מענטשן.

אָן ציוויליזאַציע און קולטור, ווי מיר פֿאַרשטייען עס הײַנט, האָט דער אור־פּרימיטיווער מענטש געפֿונען זײַנע העכערע איבערלעבונגען אין דער מיסטעריע פֿון נאַטור־דערשײַנונגען אָדער אין געצנדינערײַ. לייענען מיר שרײַערן, הערן מיר דעם דופּק פֿון זײַן דענקען, ער ברענגט צו אונדזערע היימישע שוועלן דאָס נאָבעלע פֿון דעם גײַסטיקן חומר: קונסט, וואָס שטייט ברומו של עולם, מיט וואָס גאָטס קרוינבאַשאַף — דער בן־אדם — איז אַנדערש פֿון אַלע באַשעפֿענישן. דאָס קינסטלערישע שאַפֿן פֿאַרמאָגט זײַנע סובלימירטע אייגנשאַפֿטן וואָס קרייצן זיך און בינדן זיך צוזאַמען. ווי למשל, אַ בילד פֿון אַ מאָלער וואָס קען אויסזען סטאַטיש, און זאָל האָבן ריטעם און באַוועגונג; אַ ליד פֿון אַ דיכטער זאָל האָבן מאָלערישע פֿאַרבן און בילדערישקייט; אַ נאַטור־שילדערונג בײַ אַ שרײַבער זאָל ברענגען דעם ריח פֿון פֿעלד, פֿון בלום און דעם רויש פֿון וואַלד: דער קלאַנג פֿון מוזיק זאָל צעוויגן פֿײַערבליצן און שטורעמווינטן; אין שווײַגנדיקן באַלעט זאָל מען הערן דעם סיפּור־המעשה. צו אָט די אַלע אָנרעגנדיקע געדאַנקען קומט מען דורך שרײַערס באַטראַכטונגען וועגן דער ראָל פֿון דער קונסט אין אַלע שאַטירונגען.

דאָס בוך „בײַ היימישע שוועלן" איז אַ זאַמלונג פֿון אײַנדרוקן און פּראָפֿילן. דער מחבר עפֿנט דאָס בוך מיט רעמיניסצענצן, אַ

מיין סוד, וואָס באַגלייט דעם מענטש אינטים אַלע זײַנע יאָרן. נאָר אין שעהען פון גרויסע אַנטשיידונגען אַנטפּלעקט זיך דער סוד מיט נאָסטאַלגיע צום פאַרגאַנגענעם און מאָלט האָפענונגען פאַר דער צוקונפט. און דאָס איז אויך דער תּוכן פון דער ערשטער עסיי „ערב מײַן עליה", טאַקע דער „ערב", איז אַ רעזולטאַט פון אַן אַנטשיידענעם באַשלוס וואָס רופט בײַם מחבר אַרויס דעם סוד צו אַנטפּלעקן דאָס פאַרגאַנגענע: דאָס גאַליציש געבוירן־שטעטל מיט די אַרומיקע אוקראַינישע גרינע לאַנעס שוואַרצערד, שיטערע וועלדער, פאַרדאגהטע טאַטע־מאַמע, קינדער־יאָרן, חברים, חדר, מלמדים, טרויעריקער פּחד פאַר דער קריסטוסנאַכט. אַ מיליע און פּייזאַזש אין וועלכן אונדזער גאַנצער דור האָט צוערשט דערזען די ליכטיקע וועלט, און אין איר פּחד געוואַקסן. ווער נאָר דערמיט און ווער מיט עפּעס מער, ווי שולע, אויספלוגן, געזאַנגען און יוגנט־פרייד; ווער מיט דער בונדישער שבועה צי מיטן „אינטערנאַציאָנאַל" און ווער מיטן ניגון „ירדן, ירדן"... ביז, מ'פאַרקלאַפּט דער מאַמעס טיר. און ווּהין פאָרט אַ פאַרבענקט־ראָמאַנטישער בחור פון דער „ליבער פּראָווינץ"? — קיין וואַרשע, די שטאָט וואָס האָט גערייצט און געזעטיקט די הייסע באַגערן פון יוגנט־טרוים אינעם שטעטל. וואַרשע, אַ גרויסע ייִדישע וועלט, וואָס וואַרעמט אַלע יוגנט־חלומות צום לערנען און צו שעפערישקייט — ווערט שרײַבער אַ שילער אין אַ שול פאַר קונסט בײַם „דזשאָינט". קיין אַקטיאָר איז שרײַבער קיין מאָל נישט געווען, אַפילו הינטער די טעאַטער־קוליסן איז ער קיין מאָל נישט געווען. אפשר דערפאַר, זאָגן לצים, איז ער געבליבן אַזוי פאַרליבט אין טעאַטער... נאָר געוואָרן איז א. שרײַבער אַ טעאַטראָלאָג און אַ שרײַבער. די מלחמה מיט אַלע ווײַסטע פלאָגן כאַפּט אים אַרײַן אין דער נעץ פון הונגער, וואַלגער, אוראַל, אַזיע. אין יעדן מצב פון צעבראָכן זײַן, זעט ער און פילט וואַרשע, ביז ער קומט צוריק אין דער שטאָט פון ייִדישן חורבן פול מיט אומרוּיִקן צער. אויף אָט דער פאָן פון דערינערונגען און קברים, מאָלט פאַר אים דער „סוד", דאָס וווּנדערלעך־אומבאַקאַנטע, אַלט־נײַ היימלאַנד

ארץ־ישראל. ער קומט און פאַרגרעסערט זײַן סכום אידעאַליזם צו קונסט וואָס דאָס בוך דערציילט אונדז.

דאָס בוך פון 172 זײַטן איז אַ שעפערישע זאַמלונג מיט פאַר־שידענע קאַנטורן: חוץ אויטאָביאָגראַפישע שטריכן געפינען מיר רײַזע־באַשרײַבונגען פון פאַרשידענע לענדער, מאָלערישע בילדער פון ישראל: „דמיון און וואָר" — ירושלים. „צפת" א. אַ. לויטערע, מיניאַטור־אַרטיקע עסייען וועגן שרײַבער און פּאָליטיקער, וואָס האָבן געשטאַלטיקט די ייִדישע ליטעראַטור און מדינת ישראל. די אמתע וויזיט־קאַרטע פון מחבר דערזעען מיר אינעם קאַפּיטל „מײַן ליבע צום טעאַטער" (זײַט 77). ווי אַ פאַרליבטער ווערט דאָ שרײַער מער באַריידעוודיק, מען פילט דעם מאַגישן כּוח פון טעאַטער איבער אים, זײַנע וואָרטפאַרבן ווערן וואַרעמער, רונדיקער, אין יעדן שטריכעלע פון אַקטיאָרס צי אַקטריסעס פּנים. די השפּעה פון פּוילישן טעאַטער מיט דער פּוילישער בינע־קינסטלערין, אירענאַ איַבלער, איז געווען דאָס סאַמע לעצטע ייִדיש בוך אין וואַרשע פאַרן היטלער־חורבן — שרײַערס בוך.

א. שרײַער באַצייכנט די פונקציע פון טעאַטער, ווי דעם מאַטאַרישן כּוח צו באַוועגן די מאָראַל, עסטעטיק, שאַרפזין, ליריק און גײַסטיקע הנאה. די אַבסורד־דראַמאַטורגן פון אונדזער צײַט: בעקעט, פּינטער, אַדאַמאָוו, יונעסקאָ א. אַ., האַלט שרײַער, זענען רעסטאַווראַטאָרן פון געאָרדנטן כאַאָס און דיסהאַרמאָניע אין אַ צײַט פון גײַסטיקער אַנעמיע, זיי צאַפּן אויס דאָס בלוט פון ווירקנדיקסטן עלעמענט אויף דער בינע — פון אַקטיאָר, ווי עס זאָגט יונעסקאָ: „די אַנוועזנהייט פונעם מענטש פון בלוט און פלייש שטערט מיר אויף דער בינע"...

זײַנע אַנאַליטישע באַטראַכטונגען וועגן דער אַנטי־טעאַטראַליש־קייט אין אַבסורד־טעאַטער באַפעסטיקט ער מיט ברענגען אַ ריי גאַנצע שפּילסצענעס כּדי צו באַווייזן, אַז דער מין טעאַטער איז אויסן נישט צו ווירקן, נאָר צו שאָקירן און דערשיטערן, צו דע־הומאַניזירן די בינע דורך אומזין. אין דעם מין טעאַטער האָט די

שיינקייט קיין תּיקון נישט. דער ספק, צי ס׳איז בכלל פֿאַראַן אַ גאַנצער, אַבסאָלוטער אמת, לאָזט אָרט צו צווייפֿלען אין שרײַערס שטרענגן פּסק, ווײַל אויך ער אַליין זאָגט אונדז אונטער זײַנע אייגענע ספֿקות. שרײַער שרײַבט דאָך: „די געשיקטע, אינטעלעקטועל־ראַפֿינירטע הנחות פֿונעם אַבסורד־טעאַטער, דער תּהום פֿון הכּל־הבל, פֿון וואַרטן אויף עפּעס, אויף עמעצן וואָס קומט קיין מאָל נישט, איז אפֿשר די אילוזיע אַ שיס־פּאַנצער פֿאַר זעלבסט־דערהאַלטונג בײַם ראַנד פֿון ענדלאָזן לאַנגווייל, וואָס מיינט פּאָזיטיווער פּעסימיזם". מיט דעם „פּאָזיטיוו", וואָס מיינט אַז נישט אַלץ איז כּולו חייב, באַווײַזט זיך א. שרײַער פֿאַר אַן ערנסטן טעאַטראָלאָג, וואָס איז היימיש מיט אַלע טעאַטער־שטיבלעך און מיט אַלע טעאַטער־שיטות פֿאַר אַלע צײַטן. ער אָנט, אַז מיט יעדן שטראָם אין יעדער נײַער שיטה אין דער קונסט, רײַסן־זיך־מיט ברודיקע שנירעלעך, וואָס פֿאַרשווענקען קיין מאָל נישט דאָס עבטע, דאָס קערנדיקע. די וואַנזיניקע קולטור־מעטאַמאָרפֿאָזע וועט זיך מוזן אומקערן צום עבטן, צום גוטן.

„בײַ היימישע שוועלן" פֿון אפֿרים שרײַער איז דעריבער אַ ווערטפֿול בוך. ס׳איז באַלערנדיק, געשריבן מיט טאַלאַנט, און דערפֿאַר — איבערצײַגנדיק.

„ישׂראל־שטימע" 20 יולי 1977

ב

„בלעטער פֿון מײַן אַלבאָם"

ווען איך לייען אַ נײַ בוך פֿון אפֿרים שרײַער, בין איך ממש מקנא זײַן יונג־ראָמאַנטישע ליבע צו טעאַטער, וואָס איז געווען מײַן האַרץ־ און נשמה־ליבע.

מײַן דור אַקטיאָרן, וואָס איז קינסטלעריש געוואָרן אַקטיוו אין די דרײַסיקער יאָרן, האָט זיך בלב ונפֿש איבערגעגעבן דעם טעאַטער

ווי דער כהן גדול צו דער „עבודה״. מיט אַט דער אמונה וואָס שרײַער טראָגט נאָך הײַנט אין זיך, אַז טעאַטער איז דער ווירקענ־דיקסטער מאָראַלישער כּוח אויסצולייזן די וועלט פון אַלע אירע פּלאָגן, צו אַזאַ שליחות האָבן מיר, יונגע, זיך געגרייט, געלערנט אין טעאַטער־סטודיעס אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות צו דער קונסט, מיטן ציל צו קומען אויף דער בינע, נישט נאָר באַלאָדן מיט אַן אידעע נאָר אויך מיט וויסן, געשמאַק, מיט באַוווּסטזיניקער פאַר־שטענדעניש פאַר די אוצרות פון אונדזער עבר, פון פאָלקלאָר, ליטעראַטור אדג״ל. כּדי זיך צו קענען קעגנשטעלן דער שפּלדיקע מעלאָדראַמע ,זי פאַרבײַטן מיט דער סאָציאַלער דראַמע, אָדער קאָמעדיע, פון ייִדישן לעבן אין אַ ריין אויסגעשולט ייִדיש לשון. אין יענע יאָרן האָט יעדער פון אונדז געחלומט צו זען דאָס גריכישע אַמפיטעאַטער. אַ נענטערער חלום איז געווען צו זען סטראַטפאָרד אָם אָוועָן, שעקספּירס היימשמזיי. בין איך, למשל, צו די אויס־געחלומטע ערטער דערגאַנגען ערשט מיט 30 יאָר שפּעטער, און נאָר געקאָנט מקנא זײַן די יונגע סטודענטן ענטוזיאַסטן, וואָס פאַר־צייכענען ווי עס זעט אויס שעקספּירס טיש, בעט, רעקל, טינטער א.א.וו. איך האָב שוין דעם ענטוזיאַזם נישט פאַרמאָגט.

אפרים שרײַער האָט נאָך אַלץ דעם ענטוזיאַזם פון די יונגע סטודענטן. דערפאַר איז אים מקנא צו זײַן.

אין אונדזער וואָכעדיקער וועלט פון פּאָליטיק, שקר, כּפירה, אַבסורדקונסט, דרייט זיך אַרום אַ יומטובדיק־אויסגעפּוצטער בעל־מאמין אין דער ריינער קונסט און גיט אויסדרוק דער אמונה אין אַלע זײַנע שריפטן. וואָרעם לעולם, זענען דאָך אַלע ביז איצט דערשינענע 6 פּובליקאַציעס זײַנע — בלעטער פון זײַן אַלבאָם, פּונקט ווי עס איז אַזוי בײַ אַלע עבטע שרײַבערס, בײַ אַלע פעלקער. איז דאָס דען נישט דער סביבה־וואַקום אין גראַנגל פאַר עקזיסטענץ, פאַר רעכט בכבודיק צו לעבן, זיך אַרויסצורײַסן פון דער בידנער סביבה־ראָם, וואָס האַלט דעם גאַנצן אַלבאָם־פּערסאָנאַזש, און אים אַליין, אין אַ סאָציאַל־אויסזיכטלאָזער קלאָטקע? און זענען דען

נישט מענדעלעס געשטאַלטן: שלמה וועקער, פישקע, סענדערל מיט בנימינען מיט אַלץ אַרום זיי, בלעטער פון מענדעלעס אַלבאַם? און ווער און וואָס זענען שלום-עליכמס פאַרשוינען? און פרצעס גרויסער ניגלה און ניסתרדיקער אַלבאַם-פערסאַנאַזש פון „דער גאָלדענער קייט", „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", דער ביאַלער רבי מיטן בריסקער רב — זענען זיי נישט קיין אַלבאַם-בלעטער פון זיין אַרום? אַזוי דער צווייטער און שוין היינט דער דריטער דור שרייבער נאָך די קלאַסיקער. אויך דער דור ישראלדיקע יידישע שרייבער, אַ דור ראשונים, וואָס האָט דורכגעדאַרנט אַלע שטעכיקע דערנער-וועגן כּדי די בלעטער פון זייער ישראל-אַלבאַם — דער קלימאַט, די לאַנדשאַפט, טיפּאַזש, ייִד און אַראַבער, די מסירת-נפש פון חלוץ זאָל קריגן אַ תּיקון? אַפילו די אָבות אונדזערע האָט איציק מאַנגער געגעבן קליידער און לשון פון זיין אַלבאַם, פון זיין זיידן פון סטאָפּטשעט, און אַזוי איז אין אַלע ליטעראַטורן. אין צווייטן באַנד „יודיש", אַ זאַמלבוך, רעדאַגירט פון י. ל. פּרץ, פאַרלאַג „פּראָגרעס" 1910, האָט פּרץ הירשביין אַ קורצע נאָוועלע וואָס הייסט טאַקע „פון מיין אַלבאַם".

אפרים שרייער איז אַן אינטים-ראָמאַנטישער שרייבער, איז וואָס קאָן זיין מער אינטים-ראָמאַנטישער ווי „בלעטער פון מיין אַלבאַם"? פון רעאַלן קרן אַרויסגעוואַקסן, געפּאָרט מיטן שרייבערס מעטאַ-פיזישן געפיל-אַלבאַם, מיט זיין אידעע, באַנעם, גייסט — די אָנ-לאָדונג וואָס דער שרייבער גליט-אויס אין זיין האַרץ און מוח, טרייבן דערנאָך דאָס בלוט אין די אָדערן מיט אָנרעג צו דמיון, צו מחשבה-רחבותן, צו שפּראַך-עשירות. אָט דער גאַנצער אָנלאָד-אַקומולאַטאָר איז אַ פּראָצעס וואָס האַלט דעם שרייבער געשפּאַנט און מאָנט און וועקט די שריפטשטעלערישע כּוחות, און שרייט: לאָד מיך אויס!, זיי מיך נתגלה, לייז מיך אויס פון נסתרדיקן קעלער דורכן מעדיום פון אותיות, גיב מיר לעבן אין דיין פּאַפּיר-אַלבאַם. גיב מיר אייביק לעבן כּדי אַנדערע זאָלן אויך קאָנען אַריינקוקן אין דעם אַלבאַם, עפּעס לערנען פון אים, באַווירקט ווערן, אפשר דערזען

דאַרט זיך אַליין, סטימולירן מחשבות, וואָס איז בעצם די שליחות פון קונסט בכלל.

אַז דער שטילער „שרײַער" איז פון זײַנע יינגסטע יאָרן פאַרקנסט צו דער קונסט, באַווײַזן דאָס אַלע זײַנע ביכער, ער לעבט כּסדר אין אַ סובלימירטער וועלט פון קונסט און היט די קונסט־פּיוראַליטעט מיט אַלע יונג־ראָמאַנטישע פעדעם, זי זאָל, חלילה, נישט פאַרשוועכט ווערן אין אונדזער צײַט פון זלזול און אַבסורדשפּיל, פון אַבסטראַקציע אין דער מאָלעריי, וואָס גיט נישט ווייניק אָרט פאַר שאַרלאַטאַניזם. און שרײַער, וואָס האָט געלערנט מאָלערײַ, איז גאָר פאַרליבט אין טעאַטער, ווײַל אין טעאַטער זעט שרײַער דעם מאַטאַרישן כּוח צו באַוועגן די מאָראַל, די עסטעטיק, דעם שאַרפזין, די ליריק און די גײַסטיקע הנאה. דער שטענדיק יונג־פאַרליבטער אין טעאַטער, אפרים שרײַער אויף דער וואָך „בײַ היימישע שוועלן", (אַ טיטול פון זײַנס אַ פריערדיק בוך), היט דעם הייסן אָטעם פון לעבעדיקן אַקטיאָר אויף דער בינע, אַז וועמען ס'איז לחלוטין נישטאָ קיין טעאַטער אַן וועמען טעאַטער איז אַנטי־טעאַטראַליש.

א. שרײַער איז אַ האַרבער חקרן אין הלכות קונסט. מיט מאָס און וואָג גיט ער אין זײַנע גוט געבויטע עסייען אחריותדיקע דעפיניציעס וועגן קונסט בכלל. ער פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט צו אָבסערווירן, שילדערן, כאַראַקטעריזירן די מענטשן וועמען ער באַשרײַבט מיט עשירות אין לשון, מיט צילבאַוווסטקייט. באַלערנדיק און איבערצײַגנדיק. דער שרײַבער אפרים שרײַער וויל עפּעס מתקן זײַן און ער איז מתקן. איז דאָס דער שליסל פון מײַן אינטערעס, פון מײַן אַפיניטעט צו שרײַערן און צו אַלץ וואָס שרײַער שרײַבט.

דאָס איז אַן אַלבאָם מיט גוט געמאָלענע פּאָרטרעטן, דער עיקר פון שיינע, באַחנטע פרויען, קינסטלער־נאַטורן, מיטן שרײַבער בתוכם, און פאַרשידענע סיטואַציעס פון פרייד און אומגליקן, געמאָלן מיט אַ פּענדזל פון אַ יונגן ראָמאַנטיקער, וואָס ווייסט פונעם פּאַרטל ווי אָפּצווישן די שפּורן פון צײַט, די קנייטשן פון פּנים, וואָס דאָס לעבן און די צרות האָבן פאַראַקערט, און מיטנעמען

דעם לייענער צו זײַן יונגפעלד פון פרילינג, צו יוגנט־ראָמאַנסן אַפּילו אין אַ שפּיטאָל, אין אַ מתים־שטיבל, אין אַ טוכלע, קאַלט צימערל. אומעטום קלינגט באַגער און ליבע פון מין צו מין און די באַגעגענישן געשעען אָפט נאָך אַ סך קאָרידאָרן פון מכשולים און צופאַלן, „צופאַלן" וואָס שרײַער האָט אויסגעבענקט און אויס־פּלאַנירט, און זיי, מיט שריפטשטעלערישער עניוות און עלאָקווענץ, שיין באַשריבן.

לייענענדיק וועגן די אַלע באַחנטע פרויען אין זײַן „אַלבאָם", ווערט קלאָר, אַז דער שיינער יונגערמאַן, דער ראָמאַנטישער באַהע־מיקער, ווי נאָר ר'האָט דערזען אַ שיינע אינטערעסאַנטע פרוי, האָט ער זיך אין איר באַלד פאַרליבט... צי אין דער לערערין קריסטינאַ, ווי אַ שילער נאָך, צי אין דער אַפּטייקערין אָלגאַ, די מאָלערין זאָפיאַ, די בודאַפּעשטער זינגערין מאַלווינאַ, די ציגײַנערין מאַריאַנאַ, די דאָקטאָרין קלאַודיאַ מיכײַלאָוונא, צי טעססאַ, אָדער די גאָר אינטערעסאַנטע געשטאַלט פון אַ ייִדיש מיידל אין קלויסטער, הע־לענאַ, אין אַ שטאַרק עמאָציאָנעלן, מאָלערישן קאַפּיטל „אווע מאַריאַ".

דאָס זעלבע, נאָר אין אַן אַנדער שטימונגסרעם, שילדערט שרײַער די געשטאַלט פון האַנקאַ נאָרדווינד. שרײַער האָט אַ באַ־זונדערן טאַלענט צו באַשרײַבן פרויען מיט אַלע זייערע חן־פינטלעך. לויט דעם פיזישן געמעל פון דער פרוי, ווערט בולט איר גײַסטיקע געשטאַלט, אַ באַזונדערער פאָקוס־פּונקט אין פרויִשן פנים, זענען די מוילווינקלען, וועלכע שרײַער דערמאָנט אָפט. ווער ס'האָט גע־קענט דעם שרײַבער משה עובד פון קעמיאָ־קאָרנער אין לאָנדאָן, אַ קינסטלער אַ גאָלדשמידט, ווי ער האָט אויסגעגאָסן פון גאָלד און זילבער, פליגל, זענען בײַ אים די מוילווינקלען אַראָפּהענגענ־דיקע פליגל, די ברעמען, די ליפּן, אויפהייבנדיקע פליגל צום באַ־וועגן, דאָס זאָל הייסן: דעם מענטשס שטרעבן זיך אויפצוהייבן.

דורך דער וווּנדערלעכער געשטאַלט פון אירענאַ אײַכלער, די גרויסע קינסטלערין פון דער פּוילישער בינע, האָט אפרים שרײַער

אויפגעהויבן זײַנע פליגל צו דער ספערע פון טעאַטער, זי האָט אים סטימולירט צום שרײַבן וועגן איר, צו דערגיין צו זײַנע אָריגי־נעלע טעאַטער־ און קונסט־דעפיניציעס, צו ווערן דער וועכטער פון דער ריינער טעאַטער־קונסט און שטיין בדחילו ורחימו אויף דער וואַך פון דעם עד היום.

נישט קיין נאָסטאַלגיע און נישט קיין אָפּקלאַנג פון אַ מאָל זענען זײַנע בלעטער פון זײַן „אַלבאָם", נײַערט שרײַער פירט אונדז אין אַ סביבה פון לעבעדיקע אינטערעסאַנטע מענטשן מיט אידעען, גײַסט און יונגן חן. מיר זעען זיי, פילן זיי, הערן זייער האַרצקלאַפּ, מיר לײַדן מיט זיי און פרייען זיך מיט זיי.

„ישראל־שטימע", 1977

ג

„פרילינגס־בלעטער" פון אפרים שרײַער

אַ לייענער אין ענגלאַנד האָט אַ מאָל געפרעגט זײַן באַליבטן שרײַבער, סאָמערסעט מאָהאָם, צי די געשטאַלטן פון זײַנע ביכער מיט זייערע גורלות זענען אמתע, אָדער פיקטיווע? דערויף האָט דער שרײַבער געענטפערט — „זיי זענען ביידע". מיר דוכט, אַז שרײַערן וועט אַ לייענער אַזאַ פראַגע נישט שטעלן. ווײַל שרײַער שטייט „בײַ היימישע שוועלן" מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז און קוקט אַ פאַראַגאַפטער אין די „בלעטער פון מײַן אַלבאָם" אין „פרילינגס־בלעטער", זײַן אויג זאָל חלילה נישט אויסמײַדן קיין איין חן־גריבע־לע, קיין איין חן־פּעפּערל אויפן פנים פון זײַן היפשער קאָלעקציע פון שיינעם מין. זײַן אינטים־עמאָציאָנעל לירישער טאָן איז אַזאַ איבישער, יעדע איבערלעבונג איז אַן ערשטמאָליקער געשעענער פאַקט.

אָוודאי העלפט דעם מחבר די שרײַבערישע פאַנטאַזיע בײַם שילדערן סיטואַציעס, בײַם כאַראַקטעריזירן די פרויען־טיפּן. לאוו

דווקא זענען אַלע שיינהייטן, נאָר עפּעס אַ ראָזשינקע פּאַרמאָגן זיי יאָ. לויטן פּיזישן געמעל פון דער פרוי, ווערט בולט איר גײַס־טיקע געשטאַלט. שרײַער רעקאָנסטרויִרט און מאָלט די מיליע פון זײַנע אַמאָליקע עמאָציאָנעל ליכטיקע ליבעס פון זײַן יוגנט.

אַ פּאַליטרע פאַרבן האָט שרײַער געברענגט פון זײַנע שטודיע־יאָרן אין מאָלערײַ, זעט אויס, אַז דער מענטש, בעיקר די פרוי איז פאַרן מחבר מער אָנרעגנדיק, מישט ער די קאָלירן אינטענסיווער אַרויסצובאַקומען בולטע ניואַנסן בײַם מאָלן איר פּאָרטרעט. די אינטימע יוגנט־שטראָמען פליסן אַרײַן אין רשות הרבים־טייך פון דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד.

להיפּוך צום רוב יידישע שרײַבערס וועמענס שעפערישער סטי־מול איז עד־היום בעיקר דאָס שטעטל מיט זײַן ראָמאַנטיק און טיפּאַזש, מיט זײַן רעקוויזיט און אָרנאַמענטיק פון שבת און יום־טוב, האָט אפרים שרײַער פאַרזיגלט אין זײַן האַרץ און אין זײַן זכּרון אַ יונג ראָמאַנטישע וועלט אויסערן תּחום פון שטעטל. אין זײַנע דערציילונגען איז נישט צו געפינען די שטעטלשע „אַרכיטעק־טור" פון קרומע געסלעך, הויקערדיקע ווענט, נישט דעם שטעטלשן טיפּאַזש, נישט די נאָסטאַלגיע צום שבתדיקן טיש מיט די לײַכטער און קידוש־בעכער. זײַן פּײַזאַזש איז דער דרויסן, די ריחות פון בוים און בלום גרייכן צו אַלע פון זײַנע געשטאַלטן, בעיקר ווײַבלעכע, וואָס שטייען אויף דער לייטער פון לעבן באַלאָדן מיט תּשוקות נאָך יונגער ליבע מיט אַלע אירע פריידן און צאַפּלענישן און ער, דער ראָמאַנטיקער שרײַער, בתוכם.

שרײַער קאָן דערציילן, אַפילו דאָס מעטאַפיזישע איז אין גלייכ־וואָג מיטן עמאָציאָנעל־רעאַלן. ער קאָנטראָלירט פון זײַן נאַראַטיוו וואָס ווירקט אויפן לייענער פון זײַן סביבה ער זאָל אים מקנא זײַן מיט זײַן דאָברי־מזל צו עסטעטישע ליבעס, אַפילו אָנרירן אַן אייגענע סטרונע. הלוואי וואָלטן אַזעלכע ליבעס־דערציילונגען גע־קאָנט משפּיע זײַן אויף דער הײַנטיקער יוגנט וואָס שליידערט אָפּ אָט די צאַרט־הייליקע ליבע־איבערלעבונגען.

יוגנט איז שיין, דאָך זעט די יוגנט־לאַנדשאַפט אויס שענער ווי זי איז אין דער אמתן געווען. אַזאַ טבע האָט די פאַרגאַנגענהייט. דער מחבר און אַלע פון זײַן דור, האָבן אַ זכות פאַר דער ראָזער יוגנט־ראָמאַנטיק. איז ער דאָך אין סאַמע יונגבלי אַרײַן אין גע־ווירבל פון איראַציאָנעלע אויפטרייסלונגען פול מיט פּײַן און טויט־געפאַרן, האָט ער דאָך געזען זײַנע יונגע מיטצײַטלער צוזאַמען מיט אַלע זייערע חלומות ברענען אויף די שײַטערהויפנס פון יידנהאַס. אַפילו דער מלחמה־טומאַן פאַרנעפּלט נישט זײַן ראָמאַנטישן המשך מיט אַ קראַנקן־שוועסטער אין שפּיטאָל, מיט אַ דאָקטערשע אין שינעל. זײַנע „פרילינגס־בלעטער" בליען אין יעדן קלימאַט, זיי ענטוזיאַזמירן אים.

מיט פּאָעטישער שטימונג שילדערט שרײַער „אין צײַט פון שטורעם" מיט סאָוויעטישע זעלנער בײַם ברעג פון אַזאָווישן ים. דאָרט איז עס פּלוצעם געשען: „די זעלנער פון אונדזער באַטאַליאָן זענען געלעגן מידע, אויסגעצויגן אויף גלאַטע ריזל־שטיינער בײַ די ברעגעס פון ים".

„אָפּגעזונדערט בין איך געזעסן אַ פאַרטראַכטער, כאַאָטישע מחשבות האָבן זיך געפּלאָנטערט, אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט האָט געעקבערט, כ'האָב געחלומט אויף דער וואָר וועגן דער היים, מלחמה. פּלוצעם הער איך אַ שטימע, עמעצער האָט גערופן „באַיעץ"! זעלנער! איך רוף אײַך און איר הערט נישט, איר זיצט פאַרטראַכט, אײַערע מחשבות זענען קענטיק בײַ אײַער באַרישניאַ... דאָס איז געווען די מיליטער־דאָקטערין פון באַטאַליאָן, נינאַ גאַוו־ריליאָוונאַ".

וואָס וויל די דאָקטערשע פון יידישן באַיעץ? זי וויל מיט אים פאַרברענגען אין דעם שלווהדיקן געמורמל פון ים־ברעג. אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן אין דער שיינער ווײַטער וויסטעניש. אַז זייער נאָענטקייט איז נישט געווען קיין סאָלדאַטסקע, דערוויסן מיר זיך פון שרײַערס מאָלן איר פּאָרטרעט — „די שאַרפע ליניע פון איר קליינער אָדלערנאָז, די געהויבענע ברעמען איבער אירע פאַרחלומ־

טע אויגן, די פּור־ווייכע שוואַרצע האָר, איר פּעדאַנטע האַלטונג, נישט צו אָפּט פּלעגט מיר אויסקומען צו זעטיקן זיך מיטן חן פון אירע ווײַנשל־שוואַרצע אויגן און דראָבנע ציין". נינאַ גאַווריליאָוונאַ איז אַ ראָמאַנטישער אָביעקט ווי צוגעשיקט שרײַערן פון הימל. זי שפּילט פּיאַנאָ, זינגט רוסישע, אוקראַינישע לידער.

ווי נינאַ גאַווריליאָוונאַ שווימען פּלוצעם אַרויס פון ים־געשע־ענישן: די ווײַסל־נימפע וואַנדאַ, די מאַדאַנע יאַנקאַ, סטעפאַניאַ, האַננאַ, ניוטאַ, אַניעלאַ, רות, עמי און אַנדערע. יעדע פאַרמאָגט עפּעס וואָס פאַסצינירט דעם מחבר. דער מאַקסימום עולם־הזה איז די באַגעגעניש פון די ליפּן...

„פרילינגס־בלעטער" איז, קאָן מען זאָגן, אַ המשך פון פריערדיקן בוך „בלעטער פון מײַן אַלבאָם". אפשר נאָך נישט דאָס לעצטע בוך פון דעם אַראָמאַט און פון דער טעריטאָריע באַפּעלקערט מיט אַ ספּעציפישן פּערסאָנאַזש געזען און געשילדערט פון פאַרחלומטן שרײַער אין אַ מאָלערישער רעם.

„אַ פאַרנאַכטיק־האַרבסטיקער הימל האָט בלויט־רויט פאַרגאָסן די גאָלד־אָראַנזש און געלע, האַלב אָפּגעוועלקטע בלעטער אויף די ביימער", אָדער: „דער טאָג אַ זומערדיק־זוניקער, איבערן בלויען הימל האָבן געשוועבט ווײַסע וואָלקנדלעך, ווי דורכזיכטיקע, גע־האָפּטענע טיכלעך".

ווי נאָר שרײַער הויבט אָן שילדערן די נאַטור פון פּוילן, רוסלאַנד, דײַטשלאַנד, צי דעם הר־כּנען אין צפת, אַ פאַרביק, רעאַל־מאָלע־רישע פאַרצייכענונג פון בערג־קאָנטורן אין פאַנטאַסטישע פאַרבן, קען מען זײַן זיכער אַז באַלד וועט פון ערגעץ ווו זיך באַווײַזן אַ יונגפרוי מיט אַ באַזונדערן שאַרם און עלאַקווענץ. שרײַער שרײַבט עלעגאַנט ווי ס׳זענען זײַנע פרויען, ווי ער אַליין איז.

דער ליריש־שטילער שרײַער, וואָס איז מיט די אויגן און האַרץ צוגעגאַפּט צום ראָמאַנטישן אַמאָל, איז גאָר אַן אַנדערער איז רעאַלן הײַנט, ווו ער איז אַן אויסגעשפּראָכן שאַרפער רעאַגירער אויף קולטור־געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע געשעענישן אין לאַנד.

פאַר די לעצטע וואַלן לייענען מיר אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל „דער מקור פון שלעכטס". דאָרט שרײַבט שרײַער — „דער קולט פאַר האַס און שאָוויניזם האָט געבוירן די דערשײַנונג פון טעראָר בײַ ייִדן. מיר זענען עדות פון אַ געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס אין לאַנד וואָס טראָגט אַ באַדראָענדיקן כאַראַקטער. די פּאָליטישע באַשטאַנד־טײַלן אין „ליכוד" פאַרמירן אַ ריכטונג פון עקסטרעם נאַציאָנאַליסטישן שאָוויניזם, דערציִען גרופּן און יחידים פון אויס־געשפּראָכן פאַשיסטישן כאַראַקטער".

גאָר אַן אַנדערער, מיט אַ סובלימירטער שפּראַך וועגן דער הייליקער קונסט, איז שרײַער אין זײַנע ביכער וועגן דער שליחות פון דער קונסט. די גענעטיק פון פּראָצעס פון שאַפן. די השפּעה פון דער קונסט, בעיקר דאָס טעאַטער.

אין זײַנע דערציילונגען איז שרײַער אַן אויפּאַקערער פון זײַן אַלטן ווײַנשל־סאַד, גייט אַרום יעדעס ביימל און גרעזל מיט שטילע, פאַרליבטע טריט. אין זײַנע פּובליציסטישע אַרבעטן — איז ער אַ מאַנער און וואָרענער. אין די קונסטביכער, אַ פּוריטאַנער וועכטער, אַ שטראָפער און באַשטראָפער פון די אַבסורדישע „קונסט"־צושטע־לער" וואָס פאַרשוועכן די קונסט. אויף אַלע פּאָזיציעס הערט מען דאָס קול פון אַ מאמין, אַן ערלעך קול פון אַ טראַכטער און טײַטשער. דאָס קול קלינגט פון זײַן סאַמע ערשט ביכל „קריטישע סטודיע" וועגן דער קינסטלערין אירענאַ אײַכלער, ביז זײַן לעצט בוך. אגב, איז שרײַערס „קריטישע סטודיע" געווען דאָס לעצטע ייִדיש בוך אין וואַרשע פאַר היטלערס אַרײַנמאַרש.

„פאָלק, וועלט און מדינה" נר. 17־16

יעקב־צבי שאַרגעל

חשיבות פון שעפערישן וואָרט

בשעת מיר שרײַבן אָדער רעדן וועגן אַ שרײַבער, באַצייכענען מיר קודם כל, בדרך הטבע, זײַן חשיבות.

אויב מיר ווילן זײַן פּינקטלעך, אַזוי ווײַט ווי מעגלעך, באַמיען מיר זיך דער דאָזיקער חשיבות צו געבן מאָס און וואָג. וואָרעם דאָס וואָרט אָדער דער באַגריף חשיבות, אַליין און פאַר זיך, זענען דאָך תמיד רעלאַטיוו. קיינער קאָן נישט פּסקענען, אַז דער עצם זאָג חשיבות מיינט שוין אַלץ. מיר מעגן אָבער זיך באַניצן מיט אים אין און בײַ יעדן אויסמעסט, און אין אים אַרײַנלייגן וואָס אונדזער האַרץ גלוסט.

די אַלגעמיינע וויכטיקייט פון אַ ווערק און זײַן מחבר דעקט שײַכותדיק אַלע די טײַלן און טײַלעכלעך פון דעם אַ באַגריף און לאָזט איבער פאַר דעם קריטיקער, ווי פאַר דעם געניטן לייענער, אַרײַנצופּאַסן דעם זאָג אָדער באַגריף חשיבות אין זײַנע געהעריקע רעמען — לויט מאָסן און וואָגן.

מיר זאָגן דאָס מכּוח אַ שרײַבער פון אַזאַ, לכאורה, נישט צו גרויסער מאָסיקייט, ווי ס'איז אפרים שרײַער, וואָס האָט ביז איצט אין גאַנצן אַרויסגעגעבן אַ פיר־פינף פּובליקאַציעס — און אַ טייל פון זיי מאָגערע — אָבער זײַן חשיבות קאָן זײַן און איז אַ סך מערער, סײַ אין וואָג און סײַ אין אויסמעסט.

אַנומלט, בײַ אַן ענלעכער געלעגנהייט, האָבן מיר דערמאָנט אין דעם מעשׂהלע, וואָס אונדזערע באָבעס פלעגן אונדז דערציילן: —

איינער איז געקומען אויפן יאַריד מיט אַ קאַסטן שפּילצייג פאַר קינדער, צי מיט געוואַנדן אויף קליידער פאַר ווײַבער, און מ'האָט אָנגעהויבן אַרײַנקוקן אינעם קאַסטן כּדי דאַרטן צו זוכן, צו קלײַבן

פון זײַנע אויג־פֿאַרכאַפּנדיקע סחורות, האָט דער בעל הקאָסטן געהאַלטן די אַרײַנקוקערס אין איין צורעדן: „אונטן, טיפֿער, נאָך טיפֿער איז פֿאַראַן שענערס און נאָך שענערס!" אַזוי לאַנג, ביז די קויפֿערס האָבן זיך אַזוי טיף אַרײַנגעבויגן, אַז ס׳נישט געקאַנט אַרויס...

אייגנטלעך בויט דאָך אַזוי יעדער עכטער קינסטלער זײַן ווערק. ער דערציילט נישט אַלץ אין סאַמע אָנהייב. דער לייענער, אויב דאָס לשון, די מעשים און דער נאַראַטיוו פֿון דעם ווערק ציען אים און פֿאַרכאַפּן, וועט זיך שוין נישט אָפּרײַסן דערפֿון, נײַערט זיך אַרײַנטיפֿן אין דעם ביזן דנאָ. פֿון דער בחינה באַווײַזט אונדז אפֿרים שרײַער, אַז ער איז געניט אין דער דאָזיקער מלאכה, קען אירע וועגן און אומוועגן און איז היימיש מיט דער מיסטעריע פֿון דער פּען, פֿונעם וואָרט. איז דאָס זײַן חשיבות.

אפֿרים שרײַערס וואָרט איז כּישופֿדיק געבונדן מיט דער טראַדיציע פֿון דער פֿאַר־מלחמהדיקער ייִדיש־ליטעראַרישער יצירה, וואָס איז דורכגעווייקט מיט מסירות־נפֿש ,מיט גלויבן, מיט פֿאָלקישער סענטימענטאַלקייט. עס באַוועלטיקט זי אַן ערנסטקייט. עס פֿעלט דעם וואָרט זײַנעם די לופֿטיקייט פֿון דער קלוגער הײַנטצײַטיקייט, די פֿאַרבליפֿנדיקע אַלץ־ווייסנדיקייט, עס פֿאַרמאָגט אָבער דעם וווּנדערלעך טראַדיציאָנעלן סוד. און כּידוע, סוד קאָן דער שאַפֿונג געבן חלום, שוועבונג — הויכקייטן און ווײַטקייטן.

אַז מיר טיפֿן זיך אַרײַן נישט נאָר אין דער מעשה שהיה, אינעם סוזשעט פֿון זײַנע סקיצן און דערציילונגען, נאָר אין דעם אופֿן ווי ער ברענגט זיי פֿאַר אונדז, און קודם כּל אין זײַן וואָרט, אין זײַן לעקסיק, דערמאָנט עס אונדז באַלד די אַלט־באַקאַנטע פֿראַגע: וואָס איז ווירקנדיקער, קרעאַטיווער — וואָרט צי קלאַנג?

אָט גיט זיך ווער אַ זאָג: „הוא שׂח ויהי" — ער האָט געזאָגט און ס׳איז געוואָרן (די וועלט), קומט צו גײַן אַ צווייטער (ר׳ מאיר בר׳ יצחק, דער בעל אקדמות) און זאָגט: וּבאָתאָ קלילה... (— מיטן לײַכטסטן אות), און דער מדרש גיט צו: דאָס מיינט מען די ה׳ —

האָט ער באַשאַפן די וועלט. איז אויב מיר זאָלן גוט גוט אַרײַנ־טראַכטן, און שײנע ליטעראַטור העלפט אונדז אין דעם, וועלן מיר אפשר אויסגעפינען, אַז עס איז מעגלעך בשעת מיר זעען אַן אויסערסט־שײנע נאַטור־דערשײַנונג, צי אַן אײנדרוקרײַכע קונסט־שאַפונג, מיר זאָלן בלויז אַ מאַך טאָן: ה־האָ! — און מיר וועלן אויפבויען וועלטן גאַנצע, דאַקעגן אויב מיר זאָלן זיך אָנשלאָגן אָן עפּעס בײזס, מיאוס, שלעכטס, און מיר זאָלן בלויז אַרויסאָטעמען: אוי: זאָלן מיר דערמיט חרוב מאַכן וועלטן. אויב אַזוי, מעג דאָס וואָרט שוין פאַרמאָגן סוד, כּישוף, סוגעסטיע — גײט בלויז אין דעם ווי אַזוי עס ווערט אַרויסגעזאָגט און וואָס מ׳לײגט אין דעם אַרײַן.

אפרים שרײַער לײגט אין דעם אַרײַן דאָס געדענקען, דאָס ליב האָבן, דאָס גוטע זען און דאָס פאַרשטאַנדיקע האַרץ זײַנס. דערפאַר איז זײַן וואָרט אַ שאַפנדיקס און נישט קײן צעשטערערישס. איז ווידער אַ מאָל, דאָס זײַן חשיבות און דאָס חשיבות פון זײַן וואָרט.

✶

אפרים שרײַער איז פאַרליבט אין טעאַטער, און טעאַטער, כּידוע, איז בלויז דער שפּיגל פונעם לעבן, בעת דאָס לעבן אַלײן איז דראַמאַטישער פון דער שטאַרקסטער טעאַטער־דראַמע. זענען אים טאַקע דער עיקר די טעאַטער־שפּילער. זײַן „קריטישע סטודיע", ווי ער רופט אָן זײַן עסײ וועגן אירענאַ אײַכלער, איז דערשינען אין וואַרשע, אין יאָר 1939. אויב מיר זאָלן אַדאַפּטירן דעם זאָג, אַז אין אײן טראָפּן וואַסער שפּיגלט זיך אָפּ דער גאַנצער ים, האָט זיך שוין דעמלט, אין יענער „סטודיע", אָפּגעשפּיגלט און באַוויזן אונדזער מחבר אין זײַן פאַרכלײניעטקײט, באַגײַסטערונג און ווי אַזאַ וואָס זשאַלעוועט נישט קײן סופּערלאַטיוון פאַר דעם וואָס ווערט אים ליב און אײגן. אויב ער האָט דאָרט געשריבן, אַז... „יעדער מענטש פאַרמאָגט זײַן באַליבטן דיכטער, שרײַבער און קינסטלער" און באַלד צוגעגעבן: „זי איז געוואָרן מײַן באַליבטע שוישפּילערין" וועט מען שוין געפינען אויף די וועגן פון זײַן שרײַבן און דערצײלן

אַ גאַנצע גאַלעריע פון אַזעלכע מענטשן וואָס געפעלן אים, באַ־גײַסטערן אים, קריצן זיך אײַן אין זײַן זכּרון מיט שטאַרקער ליבשאַפט און גייען אים נאָך אַ לעבן לאַנג. נישט אומזיסט האָט ער „די פרוי אין ווײַסן", „טעססאַ" און אַנדערע געברענגט אין ביידע געזעמלען זײַנע, סײַ אין „בײַ היימישע שוועלן" און סײַ אין „בלעטער פון מײַן אַלבאָם". ס'איז די סענטימענטאַלע צוגעבונדנקייט צו די דאָזיקע נישט געוויינלעכע טיפּן, וואָס לאָזן אים נישט פון זײַ זיך באַפרײַען. און אויב ער שרײַבט וועגן זײַן ערשטער געליבטער שוישפּילערין, אַז... ער האָט „מער קיין מאָל זיך נישט באַפרײַט פון דער סוגעסטיע", אַז „אינעם ריטם, טיפן זינלעכן טעמבר פון איר שפּראַך, איז זי פעיִק געוועזן ביזן פּאַטאָס פון שווײַגן" און אַז זי איז „פעיִק געוועזן צו צערטלען, גלעטן מיט סאַמעטענער ווייכקייט און קאָלאָריזירן דאָס וואָרט; אַרויסברענגען דעם אינערלעכן רייץ פון דער פרוי, איר צאַרטע שמערצלעכקייט, אינטעלעקטועלע דיסקרעציע פון לײַדן" — וועלן מיר שוין בײַ אַלע זײַנע באַליבטע אַרטיסטינס, לערערינס, זינגערינס, דאָקטערינס, קראַנקן־שוועסטער און זייערס גלײַכן, געפינען אַ שפע פון ווערטער, אַ רעגן פון אי־מאַזשן, אַ ים מיט סופּערלאַטיוון, און מיר וועלן, לייענענדיק זײַנע יצירות, זיך געפינען אין אַ וועלט פון אַ שאַפנדיקן ענטוזיאַסט, מיט אַלע שוואַכקייטן און פאַנטאַסטישע שיינקייטן וואָס אַזאַ קרעאַציע — גערעדט אין שרײַבערס טעאַטער־לשון — גיט פון זיך אַרויס.

אַז מיר נעמען, אַ שטייגער, זײַן געזאַמל „בײַ היימישע שוועלן", וועלן מיר זען, אַז אפרים שרײַער גייט אין די בעסטע מסורותדיקע וועגן פון דער דערציי־קונסט, און פּונקט ווי אונדזער אויבן דער־מאָנטער פאַרקויפער אויפן יאַריד האָט ער אויפגעבויט זײַן בוך. ער הייבט אָן מיט רײַזע־באַשרײַבונגען, מיט אַ סדר־נאַכט אויפן אוראַל, מיט פאַרכאַפּנדיקע בילדער פון שטעט און לענדער, וואָס זענען געגנוג שיין פאַר זיך, איז אָבער פון דעסטוועגן מרמז, אַז... טיפער, טיפער, ווײַטער איז נאָך שענער. און מיר דערזען ירושלים און צפת און מיר ווערן מיטגעריסן, גראָד מיט זײַן נישט־אָריגינעלקייט.

בעת ער זאָגט אַזוי פּשוט: „ס׳האָט מיך באַהערשט אַן אומרו״. מיר געפינען אין דעם תמימותדיקייט און פֿאָלקס־חן. ווײַטער זאָגט ער: „די שטיינער האָבן ווי אויסגעטערערט דאָס טויזנט־יאָריקע געוויין, וועלכן זיי האָבן אין זיך אײַנגעזאַפּט״. דאָ ווערט העכער דאָס זען און פֿאַרנעמיקער דער אימאַזש. דאָס זעלבע וועגן צפת: „דער ניגון פֿון חורבן, טרויער, ווערט פֿאַרדרענגט (?) פֿון נײַעם ניגון פֿון בלוי און אויפֿקום״. דוכט זיך, אויסגעדראָשענער פּראָפּאַגאַנדע־זאָג און דאָך אַזוי נאָענט צום האַרץ, צום געפֿיל. און אַז מיר קוקן אַרײַן ווײַטער און טיפֿער, אין אָט דעם געזאַמל, דערזעען מיר פּאָרטרעטן. פּאָרטרעטן קינסטלערישע אין אַלע זייערע משמעותן. דאָס קענען זײַן שרײַבעריש אויסגעפּאַנטאַזירטע, אָדער אויך אמתע רעאַלע געשטאַלטן און באַגעגענישן. איז דאָס בפֿירוש אַ שיכט טיפֿער אינעם שרײַבערס פּאַרמעג־קאַסטן אין וועלכן מיר טיפֿן זיך אַרײַן, און שטוינען פֿון זייער שטילער, סאָלידער שיינקייט.

אָט איז „די פֿרוי אין ווײַסן״, אָט זענען העלאַ, טעססאַ, אירענאַ און גרעטאַ. דאָס זענען דאָך טיפֿן און געשטאַלטן וואָס לאָזן זיך נישט פֿאַרגעסן נאָך דעם ווי מיר באַקענען זיך מיט זיי דורך שרײַבערס קינסטלערישער און געטרײַער פּען. נאָך טיפֿער קומען טעאַטער־פּאָרטרעטן, ווען מחבר ברענגט אַרויס דורך וויסן און גע־ניטשאַפּט, און זענען, אין זייער רוב, פּאַרכאַפּנדיקע קרעאַציעס. ווערט דער שרײַבער אונדז נאָענט און וויכטיק און ווערן אונדז חשוב זײַנע אַרויסגעברענגטע געשטאַלטן און סיטואַציעס.

נאָר —

אויב מ׳מעג זאָגן אַ מאַמען וועלכס קינד פֿון אירע ליב־אײַגענע קינדער איז אונדז צום ליבסטן, וואָלט איך געזאָגט — די „בלעטער פֿון מײַן אַלבאָם״. וואָרעם אָנהייבנדיק פֿון דער לערערין פֿון צייכענען, קריסטינאַ, אין דער דערציילונג „מאַנדלבליטן״ און ענדיקנדיק מיט אלה׳ן אין „טראַפּנס טוי״, זענען דאָס בילדער און פּאָרטרעטן נישט נאָר פֿון עמעצענס אַן אַלבאָם אַרויס, נײַערט אַ קליינע אַנטאָלאָגיע פֿון פֿרויען־טיפּן, וועלכע באַרײַכערן דעם אוצר פֿון אַזעלכע

טיפן און געשטאַלטן אין אונדזער דערציילונג־ליטעראַטור. יעדער איינע פון די י״ג פרויען, איז געשטאַלט וואָס באַחנט אונדזער וועלט און צערודערט אונדזער נשמה.

פון דאַנען די שווערקייט צו ציטירן, אַרויסצובריינגען מוסטערן. וועמען פריער? —

זאָלן מיר דערמאָנען די וווּנדערלעכע רוסישע דאָקטאָרין, טאַט־יאַנאַ אַלעקסעיעוונאַ, וועמענס בליקן באַגלייטן דעם שרייבער ביז היינט? צי די גרעאַטעוועטע דורך שמד, העלענאַ, וואָס פירט אָן מיט אַ כאָר אין דער „דריי־איינציקייט״־קירך״, און אַז זי האָט אים דערזען אין קירך, האָט ער דערזען ווי „די ליפּן אירע זענען ווי אין גליווער פאַרשוויגן געוואָרן, נאָר צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט און זיך געשלענגלט איבער באַקן״? צי גאָר די זינגערין מאַלוואַ, דאָס ייִדישע מיידל פון אונגאַרן, וואָס האָט פון פּײַן און ווייטיק געשאַפן אַן אייגענע געזאַנג־קאָמפּאָזיציע „געטראָטענע רויזן״?

ווילט זיך זאָגן:

ווי שיין און ווי טרויעריק האָט אפרים שרײַער פירגעברענגט פאַר אונדז אָט די 13 פרויען. מיר פאַרגיבן אים די זינד פון זײַן סענטימענטאַלער באַרעדעוודיקייט. מיר פאַרגיבן אים —

ווײַל אויב אין אָנהייב (אויף זײַט 7) ברענגט ער אַזאַ רעאַליס־טיש־פּלאַסטישע שילדערונג: „זי איז געווען — — — אַ באַחנטע, מיט אַ שטיל קלינגענדיקער שטים, על־פּי־רוב פלעגט זי קומען אָנגעטאָן אין אַ הויכער, ביזן האַלדז געשלאָסענער ווײַסער פּיקענער בלוזע, ענג געפּאַסט צו איר פולברוסט און אין אַ פּליסירטן ראָק, אין גראַנאַט־קאָליר, געגאַרטלט ביי דער שמאָלער טאַליע״, קאָן ער זיך שוין דערלויבן בײַם סוף צו זײַן רעאַליסטיש אויך בעתן שילדערן דעם געזעלשאַפטלעכן לבוש פון אונדזערס אַ פרוי, און שרײַבן: —

„לאַנג, לאַנג איז מיר נאָכגעגאַנגען, מיך באַגלייט דאָס אינ־טערעסאַנטע געזיכט, די מילדע בליקן, דאָס פריידיקע געמיט פון

אַ יונגער פּרוי מיט אַ סלאַוויש פּנים, וואָס איז געבוירן בײַ ייִדישע עלטערן, פאַרוואָגלטע אין אַ נאָוואָסיבירסקן וואַלד, זיך אויפגע־האָדעוועט און געלעבט אין פּוילן אין פּולער פּוילישקייט, זיך אַרויס־געריסן פון דאָרט און וווינט אין ישראל, און הייסט אַלה״ (זײַט 106).

אָט פאַר וואָס מיר גיבן צו אַזוי פיל חשיבות אַזעלכע אין צאָל ווייניק און אין פאָרעם קליינע דערציילונגען. זיי דערמאָנען, דער־פרישן און רייצן אונדזער געשמאַק.

„בײַ זיך״, נר. 13־14

שלמה וואַרזאַגער

א

בלעטער פון אַלבאָם

אַז מען וויל איז עס פּאָעטיזירטע פּראָזע. אָדער — פּאָעזיע אין פּרײַען פערז. ס׳איז ליטעראַטור. קינסטלערישע פּראָזע.

דאָס אידעאַליזירן טיפּן, געשטאַלטן, די שיינע נאַטור־שילדערונ־גען, דער אופן פון שרײַבן דאָס געזעענע, געהערטע, איבערגעלעבטע — אין די ענגע ראַמען פון קורצע דערציילונגען אָדער גרעסערע מיניאַטורן — גיבן צו דער פּראָזע אַן אייגנאַרטיקן באַזונדערן כאַראַקטער און חן.

לייענענדיק קומען אויף אין זכרון די פּאַסטאָראַלע שילדערונגען פון ש. אַשס „דאָס שטעטל״, פון די שרײַבערס מ. בורשטין און י. פּערלע, פון לייב מלאך מיט זײַנע רײַזע־באַשרײַבונגען און שיל־דערונגען פון לעבן־שטייגער — אייגענעם און פרעמדן.

שילדערן לעבעדיקע פּראָפּילן, אויפכאַפּן פּנים־שטריכן, קאָליר־ און קלאַנג־ניואַנסן איז אַוודאי אַ מעלה, בפרט ווען די שורות ווערן באַהויכט מיט אַ לירישן אָטעם, און א. שרײַער צייכנט טיפֿן, געשטאַלטן מיט סובטעלע פֿינגער: מיט אַ סך פֿאַרשטענדעניש און אייגענעם אַרײַנבליק אין נשמה־געמיט, אין פּנים־קנייטש, אין „זיס־גאַליקן שמייכעלע". עס דינט אים דערצו די מאַלערישע שפּראַך, וואָס ער האָט נישט ווייניקער ליב פֿון זײַנע העלדינס, וואָס ער רעסטאַוורירט אין זײַן זכרון מיט אַזאַ ווייטיקלעכער הנאה.

פֿון גרויס הנאה און כּמעט יוגנטלעכער פֿאַרליבטקייט, בענקשאַפֿט, פֿאַרגעסט ער, אַז ער שרײַבט פּראָזע. דאַרף מען דערמאָנען: עס איז נישט קיין מעלה. עס מינערט די הנאה פֿון די, וואָס זוכן אין אַ שײַטל פּראָזע לעבעדיקע מענטשן, פּסיכאָלאָגישע פֿאַרטיפֿונג, אינערלעכן קאָנפֿליקט, האַנדלונג און אָפּט — איבעראַשנדיקן ווענד. דאָס אַלץ קאָן דערלאַנגט ווערן אָפּילו ווען מען זעט דאָס, ווי שרײַער, מיט ראָמאַנטישע אויגן.

פֿאַר א. שרײַער, דעם פֿײַנעם טעאַטער־קריטיקער, מבֿין און מפֿונק אויף שיינער ליטעראַטור, זענען אָט די באַמערקונגען אַוודאי קיין נײַעס נישט. ער קאָן מיט רעכט טענהן, אַז ער האָט אין קיין איינעם פֿון די דרײַצן קאַפּיטעלעך פֿון בוך נישט מרמז געווען אָפּילו מיט אַ וואָרט, אַז ער האָט בדעה צו דערלאַנגען פּראָזע אין דעם אויבן דערמאָנטן זין, לויט די באַקאַנטע, אָנגענומענע נאָרמעס און מאָסן. אַזוי אין דעם בוך און אַזוי אין די פֿריִער דערשינענע ביכער: „קריטישע סטודיע", „פּראָבלעמען פֿון קינסט־לערישן שאַפֿן", „בײַ היימישע שוועלן". א. שרײַער דערלאַנגט אונדז שילדערונגען, געמעלן פֿון נאַטור און מענטש, פּלאַסטיש שיינע פּראָפֿילן. ס'איז אַ שרײַבן מיט קולטור און מיט אינטימער באַציִונג צום באַשריבענעם אָביעקט, בעיקר — דעם פֿרויען־טיפּאַזש. אַ גאַלעריע פֿרויען־געשטאַלטן, וואָס דעם מחבּרס סענסועל־אינטימע באַציִונג צו זיי וואַרפֿט זיך איבער אויך אויפֿן לייענער, זיי שײַנען אַרויס פֿון די קורץ געפּאַסטע פּראָזע־רעמעלעך פֿאַרצויגענע מיט

אַ לײַכטן, ראָמאַנטישן שלייער. זיי גייען נישט, די העלדינס, נאָר שוועבן — און מיט זיי דער מחבר — אין אַן אויסגעחלומטער רעאַליטעט אָדער — רעאַלן חלום. „אַ שוועבנדיקע לײַכטקייט האָט באַוויגן אין צאַרטן קערפּער" („בלעטער פון מײַן אַלבאָם", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"א 1978, ז' 46).

העלדן? געשטאַלטן? סילועטן? זיי זענען געצייכנט רעפלעקסיוו. די סיטואַציעס — עפּיזאָדיש. זיי הייבן זיך אָן שיין און אַ סוף האָבן זיי אַ גיכן, אַ פאַרכאַפּנדיקן. אָדער די באַן פאָרט אַוועק, אָדער די מלחמה ענדיקט זיך. אָדער — אַ שפּרונג פון ייִנגל אין שולעלטער ביז אַ דערוואַקסענעם מענטש. הײַנט די אַליינקייט, די אָפּגעריסנקייט פון די העלדן פון דער סביבה? די בדידות, עצבות, — דערמאָנט עס נישט אין דעם מחבר גופא?

איז עס טאַקע טראַגיש־שיין. דער איכיסטישער טאָן, די פּאָעטי־שע שפּראַך. ס'איז נאָר אַ שאָד. וואָס די סיטואַציעס זענען נישט גענוג אַנטוויקלט.

פריִער קומט דער טאָן. נאָך דעם — די מוזיק. דאָס ערשטע אָנעם צווייטן איז, ווי אַ רעם אָן אַ בילד.

דערפאַר פאַרגיטיקט אונדז דער מחבר מיט אַזעלכע שילדערונ־גען: — „האַנקע... אַ מיטל־הויכע פיגור. אַ צאַרטער שמייכל האָט באַגלייט איר געמיטלער העל־נוסברוין געזיכט. אין דער אַסימעטריע פון איר טונקל־גרינעם קלייד האָט זיך אַזוי בולט געצייכנט די ווײַבלעכקייט פון איר אַנטבלויזטן אָרעם — דער שאַרם אין איר האַלטונג. דער קנויל פון אירע באַהעמיש צעשויבערטע פּור־ווייכע בלאָנדע האָר האָט געגרייכט איר גלאָטן האַלדז. אָבער אין גלאַנץ פון אירע טונקעלע ווײַנשל־אויגן איז געווען עצבות" (דאָרט, ז' 32).

אָדער אַזאַ שורה: —

„די שטילקייט האָט געפּישופּט. פייגל זענען איבער אונדז גע־פלויגן און געלאָזט הערן דעם שיר פון פאַרנאַכטיקן אומעט".

די פרויען־געשטאַלטן פאַרנעמען אַ באַזונדער גרויס אָרט אינעם קליינעם בור־שטח, און א. שרײַער איז אַ מומחה אויף אַרויסדאַביווען

דאָס שיינע אין פרויען. וויניקער ווי „איידל", „סובטעל", „מאַנדל־בליטן־אַראָמאַט", איילבירט־טונקל פּנים", „מילדע סאַמעט־ווייכע בליקן", „שמאַראַגד־גרינע אויגן" — נעמט נישט זײַן פּענדזל, זײַן פאַרבן־פּאַלטערע. כּמעט ווי נישט דאָיִקע זענען די פרויען. און די מאַן־ליבשאַפט, די בענקשאַפט צו זיי איז אַ ספּיריטועלע.

אויפן באַדן פון פאַרמלחמהדיקן וואַרשע, ווו שרײַער באַגעגנט זיי, נאָך דעם אין די מלחמה־יאָרן, אין רוסלאַנד אויף פאַרשיקונג, איז אַזאַ באַציִונג צווישן „אים" און „איר" אַ ביסעלע פאַרעלטערט. עס דערמאָנט גיכער אין די פאַרצײַטיקע דועל־געשלעגן איבער אַ פרוי ,ווען אַ מאַן איז גרייט געווען צו פאַלן פון אַ קויל אָדער פון אַ ריוואָליש־ריטערלעכער שווערד...

✶

קונסט, כּידוע, פאָדערט דיסטאַנץ. כּדי נענטער צו זען די העלדן, שילדערן די מיליע אין וועלכער זיי באַוועגן זיך, דאַרף דער מחבר זײַן וואָס ווײַטער פון אָרט און צײַט. און מאָדנע: א. שרײַער דער־גרייכט די דיסטאַנץ מיט אַנדערע, מיט אייגענע וועגן. ער זעט, שפּירט דורך דער פּריזמע פון אייגענעם איך. דורך דער דערצייל־פאָרעם אין ערשטער פּערזאָן דערנענטערט ער, פאַרבינדט דעם גורל פון די העלדן מיטן גורל פון מחבר. זיי דערשײַנען דעריבער פאַר אונדז לעבעדיקע מיט אַלע שיינקייטן און וויטיקן. און דער־פאַר די הנאָה בעתן לייענען און דאָס אַרויסרופן דעם לייענערס אידענטיפיצירונג. דאָס פּערזענלעכע, אינטימע ווערט אַרויסגעהויבן פון די ענגע איך־ראָמען צו כּללישער איבערלעבונג. צום כּלל־מענטשלעכן. און דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, דער ציל פון אַ קונסט־שאַפונג.

ס'וואָלט אַן עוולה געווען נישט צו דערמאָנען, אַז אויך אויסער־לעך איז דאָס בוך שיין, געשמאַקפול. די פאַרב, די פאָרעם — באַשיידן, עסטעטיש און זאָגט עדות אויפן גוטן טעם פון די אַרויס־געבערס און פון מחבר.

פון בוך, „אַזוי צו זאָגן"

ב

בלעטער פון פרילינג און ליבע

דאָס איז דאָס צווייטע בוך פּראָזע פון אפרים שרײַער. ער איז אויך אַ מחבר פון פינף ביכער וועגן טעאַטער און קונסט, (קריטישע סטודיע) און ליטעראַטור־פּראָבלעמען. אין זײַנע מיניאַטור־דער־ציילונגען איז דאָ צוזאַמען מיט חדוות־חיים אויך לײַכטער, לירי־שער פּעסימיזם, אַ מין שניי־שפּרײַ, וואָס לייגט זיך פריש און שפּילעוודיק אויפן געמיט.

דער פּראָזאיקער־ראָמאַניסט בויט זײַן ווערק אויף שטייגער, צײַט און סביבה, שרײַער, אין זײַנע ראָמאַנסן, שעפּט פון זײַן איר־ברונעם, ווערט געפּירט פון שטימונג און דמיון — דורך אַסאָציאַציע — צו אַ נישטדאָיקן פּרויען־סימבאָל. שרײַער איז פאַרליבט סײַ אין זיכּרון, סײַ אין דער שטימונג. „נוצט" זיי ביידע אויס ביזן סוף און אפשר — מעבר לזה. זיי שטעלן אים צו די געשטאַלטן און ער לעבט אויף מיט זיי אַ רעאַליטעט פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס ווערט אויך, טיילווייז, די נחלה פון לייענער.

די שפּראַך־שפּאָרעוודיקייט, די ליניעס, קאָנטורן, פאַרבן שאַפן די רעם, די וויניעטן. דאָס מאָלערישע לשון צייכנט דאָס בילד. מעג דאָס בילד זײַן פּראָפילמעסיק, עפּיזאָדיש, אָפּט — עבט־איכיש — איז עס תּמיד אינטערעסאַנט, וועקט נייגער. עס איז — לעבנס־געשיכטע, ליריש באַהויכט, סובטעל און וואַרעם. די וואַרעמקייט כאַפּט אַרום דעם לייענער אַ שטייגער ער קומט פון אַ קאַלטן־דרויסן אין אַן אונטערגעהייצטער שטוב אַרײַן. ער ווערט אַ מיט־שאַפער, אַ שותּף צום שרײַבער און זײַן סיפּור.

שרײַערס פּאָרטרעטן זענען באַגלייביקע איבערלעבונגען, וואָס באַוועגן זיך אויף דער אַקס צווישן ווירקלעכן און מעטאַפיזישן. צווישן מעגלעכן און אוממעגלעכן, צווישן חלום, סובלימאַציע און

װאָרהאַפטיקייט. אַ מיסטעריעזע האַנט פירט דיך אויף נשמה־שליאַכן און געפּיל־װעגן פון אַ פיינפילנדיקן, פאַרליבטן מענטש. פאַרליבט פון עפּעס אַ דאָזיק־נישטאָיקס. נישט נאָסטאַלגיע. עס איז אַ לעבע־דיקע אימפּולסיװע בענקשאַפט נאָך אַ װעלט ,אַ סביבה, װאָס זייער נישט דאָ זיין — װערט אַ יש.

די סיפור־המעשׂהדיקייט װערט װערטיק און װיכטיק נישט פון דער מעשה גופא, װאָס מען קאָן איבערגעבן אין עטלעכע קורצע שורות, אלא — פון אופן פון דערציילן; פון זײַטיקן פּיקחותדיקן קוק, פון רמז, פון דער עפּיזאָדישער פאַרלויפעניש ,אויף װעלכער דער מחבר בויט אויס דעם רעאַליסטיש־סימבאָלישן סיפור, װאָס װערט נישט תּמיד דערפירט צו אַ ממשותדיקן סוף. לײַדט אפשר די דערציילונג פון דער אילוזאָרישקייט פון דער פרויען־געשטאַלט, װאָס איז מער געצייכנט, װי געשילדערט, פרויען־פּנימער, ראַיעלע, טשעקאָװע, געצייכנט מיט אַ זיכערערע האַנט און גוטער מבינות, אָבער — ענלעכע צו זיך: אַ מאָל אַ חן־גריבעלע מער, אַ מאָל — אַ חן־פּעפּערל װייניקער.

א. שרײַערס פרויען זענען געהילט און געשלייערט אין אַ מין אויסעראָרדנטלעכקייט און סובטעלקייט מיט אַ צניעותדיקער התנהגות שלא מן העולם הזה. אויך די נעמען פון די פרויען זענען פרעמד־לעך: סטעפאַניאַ, אָניעלאַ, װאַנדאַ, יאַנקאַ, האַנקאַ, אויך דער איך, אין װעמענס נאָמען דער מחבר רעדט איז נישט צו פיל דרייסט צו די פרויען אין װעלכע ער איז אַזוי פאַרליבט, אַזוי ראָמאַנטיש געשטימט.

אַלע ליבע־סצענעס זענען כּמעט ספּיריטועלע. אַזוי װי זיי הייבן זיך אָן — אַזאַ סוף האָבן זיי — כ׳װאָלט זאָגן: לופטיקע, אומ־באַרירלעכע געשטאַלטן. אַ סך מאָל באַקומט זיך דער אײַנדרוק אַז דער פאַרליבטער יונגערמאַן האָט גאָר נישט בדעה די ליבשאַפט צו פאַרממשן, לעבט מיט דער אילוזיע. ער באַציט זיך צו זײַן געצייכנטער געשטאַלט, װי די מאָלערין (אין דער דערציילונג „די מאַדאָנע״) צום „אויפגעשפּאַנטן צייכן־בויגן״.

„...זי האָט דרייסט מאַנעווורירט מיט דעם פּאַסטעל־קרייד, גע־שווינד אָנגעוואָרפן שטריכן און פלעקן, רונדיקע און שאַרף־קאַנטיקע ליניעס, בלאַסע און אינטענסיוו־אָנגעזעטיקטע מיט ליכט און שאָטן־אַקצענטן" (זײַט 23).

און ווי ענלעך איז דאָס מאָלן פון מחבר „די מאַדאָנע":

„אירע שמאָלע אַקסל־רונדיקייטן האָבן אין זעלטענע פּראָ־פּאָרציעס האַרמאָניזירט מיט דער גראָדער ליניע פון איר ווײַס־גלאַטיקן האַלדז, מיט די צאַפּלדיקע קײַלעכדיקייטן פון אירע קליינע ברוסטן אונטערן דענעם געוועב פון איר בלוזקע".

און אַזוי איז זיך נוהג די ערשטע פּערזאָן אין וועלכער די דערציילונג ווערט געהאַלטן: ער פלעגט „ליב האָבן איר שמאָלע, געפּלעגטע האַנט. יעדער פינגער־באַריר אירער האָט געבריט מיט ליידנשאַפט און געצוימטע באַגערן". (זײַט 20).

די איינציקע, פּולבלוטיקע געשטאַלט — ווייניקער צניעותדיק און מער באַרעדעוודיק — נינאַ גאַווורילאָוונאַ, זי — אַ דאָקטאָרין און ער — אַ זעלנער: נאָענט פון אַט דער שיינער, רייצנדיקער פרוי, באַגנוגנט זיך דער זעלנער אין יענער אכזריותדיקער מלחמה־צײַט מיט... „זעטיקן זיך מיטן חן פון אירע ווײַנשל־שוואַרצע אויגן און דראָבנע צײַן..."

אַ סך איז געשריבן געוואָרן און וועט נאָך געשריבן ווערן אויף דער טעמע — ליבע, ליידנשאַפט, פרוי־פּרוכט. אין אפרים שרײַערס שילדערונג ברענגט די ליבע דערפרישונג, נײַעם אָטעם. ער מאָלט די פרוי מיט אַזאַ מאָלערישער קראַפט — פאַסטאָראַליש אָבער נאַטירלעך;

„פאַרנאַכט. די זון פאַרגייט. בלוי־גרין און וויאָלעט האָבן באַ־שאָטנט דעם נישט־הויכן באַרגיקן אַרום. דער פּראָפיל פון די בערג האָט אין אַ בולטער שאַרפקייט קאָנטראַסטירט מיט בלאַס־רויט און געלע שפּורן פונעם זונפאַרגאַנג"... „די ריחות פון די פריש פאַר־שניטענע סאַסנע־ביימער האָבן פאַרטיפט די אידיליע צווישן מענטשן און סביבה".

די קונסט פון דערלאַנגען אַ שטיק לעבן, סיטואַציע, האַנדלונג איז נישט קיין לײַכטע. אַ מאָל — שווער און שטרויכלענדיק. א. שרײַער באַנוצט זיך מיט אומוועגן, מיט רמז. ס'איז אפשר אַ שטי־לערער, פּאַמעלעכער גאַנג. אָבער, ווי זאָגט דאָס ווערטל: „פּאַרסטו שטילער — קומסטו ווײַטער". יעדער קינסטלער געפינט זײַן וועג, דעם וועג צום אמת, צו זײַן אמת. עס איז אפשר אַ שפּיל אַרום קערנדל אמת. מעגלעך אַז די שפּיל גופא ,די שפּירונג, דאָס זוכן און באַגערן — איז דער תמצית פון אמת.

א. שרײַער פאַרמאָגט די סוגעסטיווע קראַפט פון קאָנען מיט קנאַפּוואָרטיקייט „מלביש ערומים" זײַן אַ נאַקעטע לעבנס־געשיכטע: איבערגעבן פערזענלעכע זכרונות אַזוי, אַז זיי זאָלן ווערן די לעבנס־געשיכטע, די זכרונות פון אַנדערע, פון לייענער. איך געדענק שוין נישט ווער עס האָט געזאָגט: „גאָט חלומט אין דיכטער, דענקט אין פילאָזאָף און דרימלט אין יעדן מענטש". ווי באַלד אַזוי, איז, דאַרף זײַן, דעם שרײַבערס וואָרט, דאָס בילד — דער אויסדרוק פון יעדן אַנדערן מענטש.

ווערט דאָס דאָזיקע געזאָגט לשבח צום שרײַבער אפרים שרײַער. סײַ די נאַיווקייט, סײַ די אידעאַליזאַציע איז נישט קיין אויסגעטראַכטע און נישט קיין אַדאַפּטירטע. זי איז אַן אייגענע, אַן אויפריכטיקע. דאָס איז אַ רעסטאַווּרירן אויף אַן אייגענעם אופן פנימער, געשטאַלטן, אַ סביבה, אַ צײַט־אָפּשניט, וואָס איז געווען און איז נישטאָ מער.

אָט דער איראַציאָנאַלער אופן פון דערגרונטעווען זיך צו די טיפענישן פון דער שיכחה — דער שווערער און לאַנגער וועג צו זיך, צו די אייגענע ברונעמער, און אַרויסשעפּן זכרונות, „פּאַר־לאָרענע שטערן" — איז שרײַערס „רעאַליסטישער" וועג פון מחיה־מתים זײַן די נאָענטע פאַרגאַנגענהייט.

א. שרעײַר איז אַ רעאַליסט, אויף זײַן שטייגער, מיט אַן אויסגע־איידלטן חוש־הראיה און חוש־השמיעה. שרײַער הייסט ער און רעדן רעדט ער מיט אַ שטיל קול, אַ וואַרעמס, אַ האַרציקס, אַן אייגנס.

אַ שטילע שטים פון געדעמפטן פּאַטאָס און עמאָציע.

איז גוט, וואָס אַרום און איבער אַלע „פרילינגס־בלעטער״ שוועבט אַ העלע פאַרנעפּלטקייט. העלקייט פון מיטנטאָג וואָס צו פיל אָפּגעדעקט דאָס נישט פאַרצייכנטע. דאָס נישט־דערזאָגטע. נעפּל — פאַרטונקלט. די פאַרטונקלטקייט קלאָרט אויס דאָס, וואָס דער מחבר דערזאָגט נישט.

אין סך־הכל: עס שפּירט זיך דאָס גלעטן פון אַ רחמימדיקער, פאָטערלעכער האַנט, אַ פאַרליבטער, אַ פאַרגיביקער, אַ שפּילעוודיקע פילפאַרביקייט וויעט מיטן עפּענען דאָס דינע — קוים הונדערט־זײַטיקע בוך „פרילינגס־בלעטער״ פון שרײַבער, עסייִסט, ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיקער אפרים שרײַער.

„לעצטע נײַעס״, 29.5.1981

ג

עסטעטישע ווערטן

אפרים שרײַער איז אַ מחבר פון זעקס ביכער. די טעמאַטיק — פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן, קריטישע שטודיעס און פּראָזע; סקיצע, מיניאַטור. וואָס איז, אייגנטלעך, די נפקא מינה: אַלץ איז טעמע, דער אַזוי גערופענער „וואָס״. וויכטיק אין וואָס פאַר אַ הענט די טעמע פאַלט אַרײַן.

פון ביידע פריִערדיקע ביכער: „בײַ הײמישע שוועלן״ און „בלעטער פון מײַן אַלבאָם״, דערשינען — 1979,1976 — וויעט מיט לעבעדיקע פּראָפילן ,אָן אויפּכאַפּן, מאָלן געשטאַלטן, כאַראַקטערן: פּלאַסטישע פּרויען־פּראָפילן, שילדערונגען פון נאַטור און מענטש, איבישער טאָן. בדידות און אַ לויכטנדיקע עצבות, אינטימע באַציִונג צום באַשריבענעם אָביעקט, ראָמאַנטישער שלייער. קורץ־קאָמפּאַקטע בילדערישקייט. כמעט פּראָזע (אָדער — אָן אַ „כמעט״).

מיטן דאָזיקן בוך קערט זיך אום דער מחבר, דער פײַנער טעאַ־

טער־קריטיקער, מבין און מפונק אויף שיינער ליטעראַטור — צו זיך: פון פערזענלעכע און סביבהדיקע איבערלעבונגען, מלחמה, וואַגלעניש איבער שטעט, גרענעצן, לענדער און לאַנדשאַפטן — צו זיך, צו קינסטלעריש־פילאָסאָפישע מעדיטאַציעס. קנעלט אַ סדרה פראָבלעמען: מהות פון קונסט און עסטעטיק, באַטראַכטונגען און פראַגעס, וואָס ער שטעלט זיך אַליין און — ענטפערט, וואַרפט אַן השערות וואָס רופן אַרויס נײַע פרעגענישן און זוכענישן. אָבער דאָס עצם רעדן דערוועגן — דאָס לשון און דער סטיל — חוץ וואָס זיי רעגן אָן, פאַרשאַפן זיי אַ גײַסטיקע הנאה.

למשל: שיין אין קאָנווענציאָנעלן זין, אין אינדיווידועלן באַגריף און געשמאַק אָדער — אין עסטעטיש־קינסטלערישן זין: עסטעטישע רעאַליטעט אָדער — רעאַליע פון אַ באַשטימטן מעדיום.

אַוודאי איז די טעמאַטיק נישט קיין נײַע. איז וואָס האָט דען דער מחבר אין די עלף קאַפּיטלען פון בוך אָנגעזאָגט, צי מרמז געווען, אַז ער האָט בדעה צו אַנטדעקן עפּעס נײַס? מחדש זײַן, פּרעטענדירט אויף נאָוואַטאָרישקייט אויף דעם געביט?

איז, בכן, דאָס טאַקע די מעלה. רעדן וועגן שוין גערעדטע זאַכן, פּראָבלעמען און זײַן נײַ אין דער מאָטיוואַציע, אין אופן פון אַרויס־ברענגען השערות, מחשבות אויפן סמך פון פאַקטן: פאַקטן, מחשבות, ווי ס'קענטיקט זיך אַן אייגענער אופן פון דענקען, באַנעמען און באַלײַכטן זיי פון אַן אָריגינעלן קוקווינקל.

מיר טרעפן אין בוך נעמען פון שרײַבער, דענקער, פילאָסאָפן (צו פיל אָרט וואָלט פאַרנומען אויסרעכענען דאָ זייערע נעמען) אויף וועלכע שרײַבער איז זיך סומך: אַרײַן אין אַזאַ „פרדס" און אַרויס נישט געשעדיקט — איז אַ בכבודיקער דערגרייך. מען דאַרף דערצו זײַן אַ מענטש מיט אַ גרויסן קולטור־באַגאַזש, מיט אַלזײַטיק וויסן: מיט אַ געזונטן גײַסטיקן „מאָגן" אָט די דאָזיקע טעאָריעס און תורה'ס צו פאַרדײַען און דערצו נאָך עפּעס מוסיף זײַן. בפרט ווען דער תוספות זענען ראיות און רעיונות אַרײַנגעפּאַסט אין אײַגענע ווינ׳עטן, אין וואָרט־קאָנסטעלאַציע: דאָ און דאָרט אַן

אַקסיאָמע, אַ דיגרעסיע.

דער אויפטו איז אויך אין פּאָפּולאַריזירן די פּראָבלעמען וואָס ברומו של הקונסט: דערלאַנגען שאַרפן געטראַנק אין קליינע דאָזעס. די וואָס האָבן פאַרגעסן — דערפרישן זייער זכרון, די, וואָס ווייסן נישט — קאַרמען מיט טיי־לעפּעלער.

אויף זייט 21 זאָגט דער מחבר:

„מיר האָבן פאַר זיך שאַפונגען פון שטיללעבן, געוויזן אין דער אידיליע פון מאַט־געלאָשענע טענער. אין אַנדערע שאַפונגען דאָמינירט דער אַרויסרופערישער אויפברויז, דער סאָציאַלער שטורעם אָדער עס העלט אַרויס דער בלוט־און־פלייש, רויער סעקס, אָדער גאָר צאַרט, לירישע עראָטיק".

און ווייטער:

„פאַראַן קינסטלער וועלכע דריקן זיך אויס אינעם קאָנטראַסט פון אָנגעוואָרפענעם פאַרבנפלעק און שטריך".

דאָס איז אי רוטינירטער אי גראַציעזער גאַנג און אַ באַנייען אַלטע אמתן, וואָס, ווי געזאָגט, ברייטערן אויס, פאַרטיפן דאָס וויסן פון לייענער און פון שאַפערישן מענטש.

כאָטש דער מחבר גייט אַרויס פון דער דעטערמיניסטישער באַגריפן־וועלט, זענען זיינע באַגרינדונגען און פאָרמולירונגען צעצווייגט און פאַרפלאָנטערט, ציען זיך ווייט אויף מרחקים און מרחבים — פאַרלירט ער זיך נישט. ער גייט אויף זיינע שמאָלע סטעזשקעס פון שטימונג, אימפּרעסיע, קאָנטראָלירטע עמאָציע. און זיין זע־קרייז איז ברייט און פאַרנעמיק.

אַוודאי זעט דער מחבר פאַר זיך אַן אינטעליגענטן לייענער און קונסט־געניסער וועמען די־אַ „סטעזשקעס" זענען מער־ווייניקער באַקאַנט.

„אָן ספק — זאָגט דער מחבר — איז פאַראַן אַ באַשטימטע פּאַראַלעלע דיאַלעקטישע קעגנזייטיקייט צווישן קינסטלערישן איבערלעבונגען פון קונסטגעניסער". (ז' 12).

און כאָטש עס רעדט זיך אין בוך, בעיקר, וועגן אַזוי גערופענע

טרוקענע פאָרמולעס, האַלב און גאַנצע וויסנשאַפטלעכע דעפיניציעס, — געפינט א. שרײַער דאָס אַדעקוואַטע וואָרט, אַפּט, בעלעטריסטיש לשון צו „פאַרווייכן" די שטרענגע און ענגע קונסט־מאָטיוואַציעס.

און ווי קאָן מען אַנדערש, ווען עס רעדט זיך, למשל, וועגן סובלימירטן פּראָצעס אין דער „גײַסטיקער אייגנקייט פון קינסטלער", וואָס גיסט איבער דאָס בילדלעך־רעאַלע אין דער פאָרעם פון אַ נישט־בילדלעכער אימפּרעסיע".

באַזונדערס שיין זענען דעם מחברס דעפיניציעס ווען ער רעדט וועגן דער שולע פון סימעטרישער קאָמפּאָזיציע, ווו עס האָט דאָמינירט די אידילע פון עלעמענטן און וועגן די יעניקע, וואָס האָבן צעשטערט די אידיליע פון האַרמאָניע: מיינט אַוודאי די נאָוואַטאָרן, מאָדערניסטן מיט זייער אַבסטראַקציע און דעפאָרמאַציע.

ער ווײַזט אויך אַרויס באַהאַווּנטקייט אין דערגרונטעווען זיך צו דער נשמה פון שאַפער, צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דער צײַט, געזעלשאַפט און קולטור־דערשײַנונגען: די השפּעה אויפן קינסטלערס וועלט און זײַן קרעאַציע.

„ס'איז אומוויכטיק די געטרײַקייט פון דער שאַפונג — שרײַבט שרײַער (ז' 43) — צו די צײַט־אומשטענדן, צום כראָנאָלאָגישן סדר" — — — „פאַרבלײַבן געטרײַ אין קינסטלערישן זין מיינט אין שײַכות צו דער ריטמישער סטרוקטור פונעם אָביעקט".

✶

אויך וועגן קריטיק, קריטישע מיינונגען לאָזט דער מחבר הערן וווילבאַקאַנטע, אַפילו שמייכלענדיקע אמתן: אומאָביעקטיווקייט און קינאה. ברענגט בײַשפּילן פון קעגנזײַטיקע אַרומבײַסענישן, אינטריגעס. דאָס גלײַכן — די סתירה פון דער עטישער זײַט פון דער יצירה צו דער ביאָגראַפיע פון קינסטלער: נישט תמיד — אפשר גאָר זעלטן — איז דער גרויסער קינסטלער אויך אַ גרויסער מענטש... „ווערדליק טאָלסטאָי איז שעקספּיר נישט געווען אַפילו קיין מיטלמעסיקייט". געטהע זאָל האָבן געלויבט מיטלמעסיקע שרײַבער און

מורא געהאַט פאַר אָריגינעלע טאַלאַנטן". ש. ניגער האָט אין אָנהייב נישט שטאַרק — אָדער שטאַרק שוואַך — געהאַלטן פון ש. אַש. שפּעטער זיך געכאַפּט, אַז ר'האָט געמאַכט אַ טעות .דער מחבר ברענגט די דאָזיקע און נאָך ענלעכע פאַקטן נישט פון וועגן רכילות וועגן אלא — צו באַקרעפטיקן זײַנע אויבנגעזאָגטע מיינונגען וועגן קינסטלער, זייער לעבן און שאַפן און באַציִונגען צווישן אַנאַנד.

און אַט — ווידער אַ שיינער, אָריגינעלער זאַג:

„עסטעטיק קאָן נישט ווערן באַטראַכט פאַר קיין גראַמאַטיק אין דער קונסט" (ז' 21). אַ בילדערישער געדאַנק, וואָס איז אַ סך מער פון אַ דעפיניציע אויף וועלכע א. שרײַער איז, אגב, נישט קאַרג. —

אַוודאי וואָלט נישט געשאַדט אַביסעלע רויער, פּראָסט־פּשוטער רעדן וועגן אַזעלכע האַלבע און גאַנצע אמתן. טראָץ אַלע באַמיונגען און געראָטענע אויפקלערונגען בלײַבן נאָך אַ סך אַרויסזאָגונגען — אומדערקלערבאַר. אויך דער באַוווּסטזיניקער לייענער דאַרף זיך גאַנץ נישקשה אונטערגאַרטלען צו דערגיין צו אַ טאַלק. איינס איז אָבער יאָ זיכער: אַ גײַסטיק־עסטעטישן גענוס לאָזט דאָס בוך איבער אויך פאַר די ווייניק־פאַרשטייער און פונאַנדערקלויבער אין די פּראָבלעמען. אַ טעם פון אַ גוטן „ביסן" בלײַבט פאַרט אויפן גײַסטיקן „גומען". און דאָס איז שוין נישט קיין קליינער דערגרייך פאַרן מחבר, פאַרן בוך־קאָנסומענט און — אַ בכבודיקע תּוספת פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

„לעצטע נייעס" — 1981

ו. דר.

אַ דערציילער־מאָלער

„בלעטער פון מײַן אַלבאָם" פון אפרים שרײַער

אין דער אייגנאַרט פון שרײַערס דערציילונגען איז צו זען די דורכויס מאָלערישע פּריזמע בײַם שילדערן זײַנע פּרויען־געשטאַלטן. זײַן שרײַבערישער סטיל וואָרצלט אין דער מאָלערישער קונסט. דערויף זאָגט עדות זײַנער אַ ציטאַט אין דער דערציילונג „דרײַ פּעפּערלער", אין וועלכער דער מחבר דעפינירט זײַן בליק אין שײַכות צו די אויסערלעך פּיזיאָנאָמישע אייגנטימלעקייטן: „אין די מויל־ווינקלען קאָנצענטרירט זיך דאָס אינערלעכע, דער ווילן, אין די אויגן — די רויִקייט פון אינטעלעקט, דער פאַרלאַנג פון די ליפּן ווערט געשטילט, געדעמפּט דורך דער אויסשטראַלונג פון די בליקן".

דורך דעם דאָזיקן אַספּעקט באַטראַכט דער מחבר די אָפּשפּיגלונג פון די וועזנטלעכע כאַראַקטער־שטריכן בײַ זײַנע געשטאַלטן. שרײַער בלײַבט געטרײַ דער דערמאָנטער מאָלערישער טעאָריע לגבי אַלע זײַנע פּרויען־פּראָפילן.

אין אַ צווייטער דערציילונג לייענען מיר: „נישט איבעריק רעגולער זענען געווען אירע געזיכט־שטריכן, ס'האָט אָבער פון זיי אַראָפּגעשיינט אינטעליגענץ און לויטערקייט", אָדער שורות ווי: „מײדלשע פאַרשעמטקייט האָט אַרויסגעבליקט פון אירע אויגן פון אונטער די האַלב פאַרמאַכטע אויגן־דעקלער. לײַדנשאַפט האָט געפּיבערט אויף אירע דורשטיק־פּײַכטע ליפּן און אונטערן דינעם געוועב פון איר קלייד האָבן געצאַפּלט אירע יונגפרוייִשע ברוסטן". נאָך פיל ענלעכע ציטאַטן וואָלט מען געקענט ברענגען, וועלכע זאָגן עדות וועגן דעם מחברס מאָלרישן צוגאַנג. די געשטאַלטן שילדערט שרײַער אויפן פאָן פון דער שיינער פּאַנאָראַמע פון זײַן

געבוירן־לאַנד פוילן. אַפילו די ניואַנסן פון אַראָמאַט, וועלכע טראָגן זיך פון די באַגרינטע פעלדער דערגאַנצן אויך די האַרמאָנישע שלימות, צווישן די געשטאַלטן און דער נאַטור: „אַ ווינטל אַ שטי־פער, האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן דעמבבוים, רוישיקער איז געוואָרן דער האַרטער בלעטער־געראַוש און די ווילדע דעמב־ניסלעך זענען געפאַלן און פון דער פּײַכטער ערד האָבן קליינע ראָז־ווײַסע און גרויע ווערעמלעך זיך געראַיעט. פאַמעלעך, בהדרגהדיק האָט אַ גרויער שאָטן געגנידערט איבער דער דאָרפישער פּאַנאָראַמע די כאַטעס האָבן זיך ווי אײַנגעקאָרטשעט, אויסגעוויזן זיך נאָך קלענער. אַ רויטע שײַן האָט פאַרגאָסן דעם ציבל־קופּאָל פונעם קלויסטערל״. דאָס אַלץ באַרייכערט דעם מאַלערישן מאָטיוו. קאָנטיק אַז די פּוילי־שע לאַנדשאַפט שטעקט טיף אין מחברס ביינער. אַפילו ווען ער שילדערט צפת שפּינען זיך אין דמיון זײַנעם בילדער פון די פאַר־גאַנגענע יאָרן. אויך די שטיינער און פעלדזן, די טרעפּ אַרויף און די טרעפּ אַראָפּ, די נידעריק געקרײַזלטע איילבירט־ביימער, אַסאָ־ציִירן זיך בײַ אים מיט די הייליקע געמעלן פון קריסטלעכע מאָטיוון, וועלכע מען פלעגט פאַרקויפן אויף די ירידים אין פוילן ווי דער מחבר וואָלט נאָך שפּירן דעם „פרישן גערוך פון פאַרב אויף די בילדער, נאָר וואָס פון דרוק אַרויס״.

פאַראַן אין בוך אייניקע דערציילונגען פון דער מלחמה־צײַט, — פון דער אומקום־תּקופה, צווישן אַנדערע די נאָוועלע „די ציגײַ־נערין״. אַ ציגײַנערין וועלכע האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פון אומקום. די דערציילונג שטײַגט צום קולמינאַציע־פּונקט: דער אויסגעשרײַ פון דער באַליידיקטער ציגײַנער־טאָכטער, וועלכע טרעט אַרויס אין אַ מינכענער קאַבאַרעט און ווערט אויפגעפאָדערט פון אייגנטימער פון לאָקאַל צו פאַרשטעלן דעם אויסטאַטואירטן נומער אויף איר אָרעם, אָדער פאַרלאָזן די אַרבעט. דער אויסטאַטואירטער נומער „שאָקירט״ — זאָגט ער — די צושויערס פון קאַבאַרעט. די דײַטשן באַטראַכטן זי פאַר אַ ייִדישן „העפטלינג״. דערציילט די ציגײַנערין: „איך האָב גלײַך אָפּגעזאָגט נאָכקומען זײַן פאַרלאַנג. יענע וועלכע

האָבן דעם שאַנדצייכן איינגעבלוטיקט אין מיין גוף, קענען אים איצט מער שוין נישט פאַרטראָגן? איצט ווילן זיי אַז איך זאָל אָפּ־ווישן דעם בלוט־סימן מיט וועלכן זיי האָבן פאַרווונדעט מיין נשמה, געשענדעט דעם שבט אונדזערן!"

איבער אַלע שיינע שילדערונגען און מאָלערישע בילדער דער־הויבט זיך דער שמערצלעכער ווייגעשריי פון דער ציגיינער־טאָכטער, וועלכע איז אַנטרונען פון דעם אוישוויץ־פּלאַנעט און וועלכע איז אונדז באַזונדערס אַזוי נאָענט. עס פאַראייניקט אונדז דער גע־מיינזאַמער גורל אינעם דורכגעמאַכטן יסורים־וועג — אַ בלוטבונד פון דער אומקום־תקופה.

„מאזניים" נומ. 6 — 1979

יצחק יאַנאַסאָוויטש

א

אפרים שרייער: „בלעטער פון מיין אַלבאָם"

דער נאָמען „בלעטער פון מיין אַלבאָם" דערמאָנט אונדז אין די צייטן פון אַמאָליקן ראָמאַנטיציזם און ווירקלעך באַשטייט דאָס נייע בוך פון דעם שרייבער אפרים שרייער פון אַ צאָל לירישע אימפּרעסיעס און נאַראַציעס וועלכע זענען געהאַלטן אין סטיל פון ראָמאַנטיזם וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ווינער ליטעראַטור אין די אָנהייבן פון אונדזער יאָרהונדערט ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מ'וויל זאָגן אַז פון די קליינע לירישע דערציילונגען פון אפרים שרייער אין דעם בוך „בלעטער פון מיין אַלבאָם" טראָגט זיך דער

הויך פון אייראָפּעיִשקייט וואָס איז געקומען צום מחבר, דעם גע־בוירענעם און דערצויגענעם אין גאַליציע, פון צוויי זײַטן: פון דער עסטרײַך־דײַטשער ליטעראַטור און פון דער פּוילישער ליטעראַטור. דעם מחבר זענען באַזונדערס אײַגן די קונסט־געביטן וועלכע האָבן אים געלאָקט אין די יונגע יאָרן און דאָס זענען די טעאַטראַלע קונסט און די פּלאַסטישע (מאַלערישע) קונסט. אגב, האָט אפרים שרײַער דעם ערשטן קונסטגעביט געווידמעט עטלעכע פון זײַנע אַרבעטן וועלכע זענען דערשינען אין בוך־פאָרם, סײַ אין ייִדיש, סײַ אין העברעיִש.

דאָס בוך „בלעטער פון מײַן אַלבאָם" איז דערשינען אין פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ת"ל אביב, תשל"ח — 1978. עס האַלט 108 זײַטן און עס נעמט אַרײַן אין זיך פאַלגנדיקע 13 לירישע נאָוועלעטן און פאַר־צייכענונגען: 1) מאַנדלבליטן, 2) פון צווישן דער צווייגנגעץ, 3) איז אַ מאַי־טאָג, 4) ייִדישע אויגן, 5) טעססאַ, 6) געטראָטענע רויזן, 7) בליקן וועלכע באַגלייטן, 8) די פּרוי אין ווײַסן, 9) דער לײַדיקער אַלבאָם, 10) אַווע מאַריאַ, 11) די ציגײַנערין 12 דרײַ חן־פעפער־לער, 13) טראַפּנס טוי. די הויפּטהעלדן פון די נאָוועלעטן זענען פּרויען מיט קינסטלערישע נאַטורן וואָס דער מחבר איז דער שפּיגל פאַר זייער גלאַנץ און ראָמאַנטישער אומגעווײנלעכקייט.

געשריבן איז דאָס בוך אויך אויף אַן אייראָפּעיִשן אופן: נאַראַציע געמישט מיט מעדיטאַציע און לירישע שילדערונגען איבערגעפלאָכטן מיט עסטעטישן שאַרם.

„פאָלק, וועלט און מדינה", 1974

ב

אפרים שרײַער און זײַנע „פרילינגס־בלעטער"

ווען מיר לייענען אפרים שרײַערס „פרילינגס־בלעטער" (און דאָס זעלביקע אויך זײַן פריערדיק בוך „בלעטער פון מײַן אַלבאָם"), דאַכט זיך אונדז אויס, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ וועלט וואָס איז

געוועז און איז מער נישטאָ. עס דאַכט זיך אונדז אויס אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט געשטאַלטן וואָס האָבן אַ מאָל געלעבט און זענען שוין לאַנג אַוועק. עס אָטעמט אויף אונדז פֿון די דאָזיקע „בלעטער״ דער אַראָמאַט פֿון די יונגע יאָרן. אין געדעכעניש קומען אויף די ביכער וואָס מיר האָבן דעמאָלט געלייענט און דער פּישוף־דיקער רושם אונטער וועלכן מיר האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען און, כאָטש באַוווּסטזיניק גיבן מיר זיך אָפּ אַ חשבון אַז נאָר אַ העלפֿט פֿון די דערציילונגען אין שרײַערס בוך האָבן אַ שײַכות מיט יענער ווײַטער פֿאַרגאַנגענער יוגנטצײַט, בעת די אַנדערע העלפֿט איז שוין גאָרנישט אַזוי ווײַט פֿון דער עפּאָכע אין וועלכער מיר לעבן, דאַכט זיך אונדז אָבער כּסדר אויס אַז שרײַער האָט צוריקגעבראַכט די ראָמאַנטישע אַטמאָספֿער פֿון אַ מאָל; אַז ער האָט מחיה־מתים געווען דעם צויבער פֿון יענער שיינער ליטעראַטור וואָס האָט נאָך נישט מורא געהאַט צו שפּינען טרוימען בײַם בלייכן שײַן פֿון לבֿנה־ליכט; וואָס האָט זיך פֿאַרגונען צו באַזינגען די שיינקייט פֿון דער פּרוּוי מיט צאַרטע און עטוואָס מליצהדיקע ווערטער: וואָס האָט זיך נאָך דערוועגט צו אַנטפּלעקן סענטימענטאַלע געפֿילן און האָט אויך נאָך געפֿועלט בײַ זיך „צו מאַכן אַ וועזן״ פֿון דעם שפּיל צווישן די געשלעכטער וואָס דאָס שאַטנדיקע צווישן זיי, דאָס נישט דערזאָגטע אין זייערע באַציונגען און פֿאַרהעלטענישן און נישט ווייניקער רייצנדיק און סטימולירנדיק ווי דאָס אָפֿענע און ברוטאַל־נאַקעטע, מיט וועלכן עס פּאַראַדירט אַזוי די ליטעראַטור פֿון אונדזערע הײַנטיקע צײַטן.

יאָ, לייענענדיק אפֿרים שרײַערס „בלעטער״, האָט מען די גאַנצע צײַט דעם מאָדנעם אײַנדרוק אַז דער שרײַבער האָט מיט זײַנע שטילע און אָפּגעהיטענע מיטלען דורכגעפֿירט אַ פֿאַריינגערונג־אָפּעראַציע איבער אונדזער פֿאָרשטעלונג און פֿאַנטאַזיע און אַז ער האָט אונדז צוריקגעבראַכט אין דימיון די צײַט פֿון וועלכער מיר זענען אַזוי ברוטאַל אַרויסגעריסן געוואָרן דורך דער צווייטער וועלט־מלחמה, כאָטש מיר ווייסן אַז דער דאָזיקער אײַנדרוק איז

נישט קיין פינקטלעכער, וואָרעם ווי מיר האָבן שוין פריער באַטאָנט איז דאָך בלויז אַ העלפט פון שרייערס דערציילונגען פאַרבונדן מיט דער ווייטערער פאַרגאַנגענהייט אין לעבן פון אונדזער דור, בעת די אַנדערע העלפט מאָלט פאַר אונדז לעבנס־עפּיזאָדן וואָס זענען נישט ווייט אָפּגערוקט פון אונדזערע טעג.

מיר האָבן פריער געזאָגט אַז אפרים שרייערס פּראָזע־זאַכן מאַכן אויף אונדז דעם (נישט אַלע מאָל — ריכטיקן) איינדרוק אַז זיי שטאַמען פון אַ פאַרשווונדענער וועלט און האָבן מיט אונדזער צייט מער קיין שייכות נישט. פרעגט זיך די פראַגע: איז דאָס גוט? איז דאָס שלעכט? מעג זיך אַ שרייבער אויף אַזוי פיל אויסברעכן פון דעם הערשנדיקן ליטעראַרישן סטיל פון זיין צייט? אַזאַ שאַפונג שמעקט טאַקע מיט אַ באַזונדערן אַראָמאַט, אָבער צי שמעקט עס נישט אויך אַ ביסל מיט אַרכיוו? דאָס זענען זייער אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע פראַגן פאַר דעם וואָס פאַרנעמט זיך, ווי אפרים שרייער אין זיינע עסייען, מיט דער טעאָרעטישער זייט פון ליטעראַרישן און קינסטלערישן שאַפן. אָבער דאָס ענטפערן אויף די פראַגן וואָלט אונדז אַוועקגעפירט צו ווייט פון דעם וואָס מיר שטעלן אין צענטער פון אונדזער באַהאַנדלונג. פאַר אונדז איז קודם־כּל וויכטיק איין זאַך און דאָס איז די שאלה: איז אין אפרים שרייערס שאַפן פאַראַן דאָס וואָס איז וויכטיק פאַר דער ליטעראַטור און פאַר דער קונסט? קומען אין זיי צום אויסדרוק די מענטשלעכע דערקענטעניש־ווערטן וואָס לויט זיי שאַצן מיר די קוואַליטעט פון אַ ליטעראַריש ווערק? איך בין צופרידן צו קענען אויף דער דאָזיקער דעצידירנדיקער פראַגע צו ענטפערן פּאָזיטיוו, דאָס הייסט אַז איך געפין אין אפרים שרייערס פּראָזע אַ ריי דערקענטעניש־ווערטן און אַריינבליקן אין דער טיפעניש פון דער מענטשלעכע נשמה. דער שיר השירימדיקער „עזה כמות אהבה", דער ברויז פון די געפילן וואָס שטורעמען דאָס מענטשלעכע האַרץ, די לייטזעליקייט פון דער ליבשאַפט און די שפירונג פון גליק אינעם באַוווּנדערן די שיינקייט וואָס גאָט האָט באַשאַפן אויף זיין וועלט — דאָס אַלץ איז פאַראַן

אין זײַנע שטילע ראָמאַנטישע דערציילונגען און דערפֿאַר קען איך אונטערשטרײַכן אַז טראָץ דעם וואָס דער סטיל פֿון זײַנע „בלעטער" דערמאָנט אונדז דעם נעכטן, זענען אָבער זײַנע דערציילונגען הײַנטיק און זיי רעדן צו אונדזער געמיט און צו אונדזערע דערפֿאַרונגען. באַזונדערס רעדן צו אונדזערע דערפֿאַרונגען די פֿינאַלן פֿון שרײַערס דערציילונגען וואָס ווענן זיי וועט אונדז נאָך אויסקומען שפּעטער צו זאָגן עטלעכע ווערטער.

יש אומרים, אַז דעם גײַסט פֿון דער צײַט דערקענט מען אין דער באַציִונג צו דער פֿרוי, דאָס איז, אין אַ געוויסן זין, אמת. קיין שום זאַך כאַראַקטעריזירט נישט אַזוי טרעפֿלעך דעם צײַטגײַסט, די צײַט־קולטור און דעם צײַט־כאַראַקטער ווי די באַציִונג צו דער פֿרוי אַזוי ווי זי ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער ליטעראַטור און קונסט. עס פֿרעגט זיך דעריבער: צי קען מען, לויט דער אײדל־ראָמאַנטישער באַציִונג צו דער פֿרוי אין דער פּראָזע פֿון א. שרײַער, משפּטן און מעסטן דעם גײַסט און די קולטור פֿון דער צײַט אין וועלכער מיר לעבן? דער ענטפֿער איז גאָרנישט קיין פּשוטער. אויפֿן ערשטן אויגנבליק קומט אויס אַז אפֿרים שרײַער איז מיט זײַן באַציִונג צום שוואַכן געשלעכט אַ יוצא־דופֿן אין אונדזער נאַקעט־פֿאַרוווּלגאַריזירטער תּקופֿה און דערפֿאַר קען מען לויט אים, לויט זײַן שאַפֿן, נישט משפּטן און מעסטן דעם מעמד פֿון דער פֿרוי אין אונדזער לעבן און אין אונדזער געזעלשאַפֿט. אָבער ווען מען טראַכט זיך אַ ביסל אַריין אין אָט דער סוגיא, מוז מען קומען צו דער מסקנא אַז טאַקע דערפֿאַר ווײַל שרײַערס באַציִונג צו דער פֿרוי איז אַ יוצא־דופֿנדיקע און זי איז נישט כאַראַקטעריסטיש ווי אַ כּלל, קען מען לויט אים, דאָס הייסט לויט זײַנע דערציילונגען, יאָ מעסטן דעם צײַטגײַסט און די צײַטקולטור מיט דער פֿריער דערמאָנטער מאָס. אײַ, ער איז, ווי מיר האָבן געזאָגט, אַן אויסנאַם אין דער ליטעראַטור פֿון זײַן צײַט? דאַרפֿן מיר טאַקע געדענקען דאָס געזעץ אַז דער אויסנאַם באַשטעטיקט דעם כּלל. מיט אַנדערע ווערטער: אין שפּיגל פֿון אפֿרים שרײַערס ראָמאַנטיק זעט מען ערשט, באַ־

גרײַפט מען ערשט ווי ווײַט מיר זענען אַוועק פון יענע יאָרן, אין וועלכע דער ראָמאַנטיזם און די אצילות־באַציִונג צו דער פרוי איז געווען הערשנדיק אין דער ליטעראַטור.

שרײַער שילדערט אין זײַן בוך אַ גאַנצע גאַלעריע אינטערע־סאַנטע פרויען־טיפּן וועלכע אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדז אין פאַר־שידענע ליבע־קאָמבינאַציעס. מיר דאַכט זיך אָבער אויס אַז, כאָטש ער שילדערט אַ ריי חווהס טעכטער וואָס שיידן זיך אונטער איינע פון דער אַנדערער מיט זייער אויסזען, מיט זייער כאַראַקטער, מיט דער ספּעציפיק פון זייער שיינקייט און דער עיקר מיט זייער אינדיווידואַלטעט, גייט אים אָבער צום אַלעם ערשטן אינעם אַרויס־ברענגען פאַר אונדז דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע פאַר דער פרוי בכלל. עס גייט אים, קען מען זאָגן, אינעם אַנטפּלעקן דאָס מיסטישע וואָס איז פאַראַן אין דער פרוי און וואָס דער גאון פון ווײַמאַר האָט עס באַצייכנט, בײַם פאַרענדיקן זײַן „פאַוסט", ווי „דאָס אייביק ווײַבלעכע וואָס ציט אונדז צו". דאָס וויל זאָגן אַז אויף זײַן אופן און מיט זײַנע מיטלען זוכט אויך שרײַער דעם סוד פון דעם פרויען־כּישוף, דעם סוד פון איר גראַוויטאַציע און אונדזער לעבן.

די פרוי און איר צוצי־כּוח, די פרוי וואָס איז מוטער און גע־ליבטע, די פרוי וואָס קען זײַן אונדזער געטרײַסטער פרײַנד און אונדזער גרעסטער שונא, דאָס איז די גרויסע טעמע, וואָס באַ־שעפטיקט די וועלט־ליטעראַטור און אַפילו די וועלט־פילאָזאָפיע פון דער פּרשה „בראשית" ביז צו אונדזערע טעג. שרײַערס דער־ציילונגען זענען טראָפּנס פון דאָזיקן גרויסן ים. זיי זענען מוזיקאַ־לישע מאָמענטן פון אַ גרויסער סימפאָניע, וואָס ווערט געשפּילט אַלע מאָל מיט נײַע אינסטרומענטן זינט אדם הראשון ביז צו אונדזער דור.

שרײַערס באַציִונג צו דער פרוי איז, ווי מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַ ראָמאַנטישע, אַ צאַרטע, אַ פאַרערנדיקע. ער איז גאַנץ ווײַט פון דער סאַרקאַסטישער פאַראַכטונג וואָס עס האָט געפילט צו דער פרוי גי דע מאָפּאַסאַן (ער האָט, אגב, צו די

מענער אויך נישט געהאַט קיין בעסערע באַצוונג). שרײַער גייט נישט מיט דעם דאָזיקן דרך. שרײַער איז, קאָן מען זאָגן, אַ פּרוויען־פרײַנד. ער האַלט, ווי עס האָט געזאָגט דער רבי נחמן פון בראַסלאַוו, אַז יעדע שיינע פּרוי איז אַ לייטער וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אין דער ערד און זײַן שפּיץ גרייכט צום הימל. שרײַער ווײַזט אונדז דאָס ערדישע און דאָס הימלישע אין דער פרוי. ער ווײַזט אונדז די פרוי און איר שיינקייט, אָבער נישטאָ בײַ אים קיין „פאַם פאַטאַל". אַלע פרויען וואָס ער שילדערט זענען ווערט געוווען זײַן ליבע, אַפילו ווען די דאָזיקע ליבע האָט זיך געענדיקט מיט אַ ווייטיק אין האַרצן.

דאָ איז כדאי צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן די פינאַלן פון שרײַערס דערציילונגען. אַלע פאַרענדיקונגען פון זײַנע ליבע־עפּיזאָדן זענען אין אַ שטאַרק מינאָרן טאָן. הינטער דעם גליק פון דער ליבע שטייט דער נאַקעטער גורל פון די פאַרליבטע און ער שרײַבט כסדר: גענוג, ווילט נישט צופיל געניסן פון די ליבע־פריידן .געדענקט אַז עס איז נישטאָ קיין אייביקייט פאַר דעם מענטש. זײַנע דערציילונגען לעשן זיך נישט אויס פון קיין האַסטיקן שטורעמווינט, אָבער זיי גייען אויס און צאַנקען אויס מיט דער צײַט, מיט די געענדערטע אומשטאַנדן און אַזוי ווײַטער און ווײַטער. אָפט מאָל טרעפט שרײַער איינע פון זײַנע העלדינס אין יאָרן אַרום אין באַדינגונגען וואָס זענען שוין גאַנץ ווײַט פון די אידילישע יאָרן פון דער ליבע און די דאָזיקע טרעפונגען מאַכן אויף אונדז אַ שטאַרקן רושם. עס דאַכט זיך אָפט מאָל אויס אַז, כדי צו שילדערן די איבערלעבונגען בעת אַזעלכע טרעפונגען, האָט שרײַער אונדז דערציילט דעם ליבע־עפּיזאָד פון מיט יאָרן פריער.

שרײַער האָט אַ חוש פאַר פאַרשידענע פּלאַסטישע קונסטן. אין זײַן פּראָזע פילט מען דעם מאָלער וואָס זעט פאַרבן און ליניעס. עס זענען פאַראַן אין זײַנע דערציילונגען פײַנע, אָריגינעלע אויג־פאַרכאַפּנדיקע פּאַסטאָראַלע פּייזאַזשן און פּיטאָרעסקע לאַנדשאַפטן. פאַראַן אויך אין זיי זייער טרעפלעך געצייכנטע און געמאָלענע

פּאָרטרעטן, בעיקר פון פרויען וועלכע זענען די אָביעקטן פון זײַן ליבע.

שרײַער איז, ווי מיר האָבן עס שוין עטלעכע מאָל באַטאָנט, אַ ראָמאַנטיקער, אָבער ער איז דערבײַ באַאײַנפלוסט פון אַזעלכע שרײַבערס ווי סטעפאַן צווײַג און פון זייער פּסיכאָלאָגישער פאַר־שטענדעניש פאַר די 24 שעה אין לעבן פון דער פרוי. אָפט מאָל פילט מען אין שרײַערס שרײַבן אַז אים איז נישט פרעמד די לערע פון ד״ר זיגמונד פרויד וואָס נוגע די ענינים פון עראָס און סעקס.

בײַם סוף פון מײַן אָפּשאַצונג וויל איך באַמערקן אַז היות ווי מען האַלט אַז אַ קריטיקער מוז אין דעם בעכער פון לויבווײַן אַרײַנגיסן עטלעכע ביטערע טראָפּנס קריטיק, וועל איך אויסנוצן דאָס דאָזיקן אײַנפיר כּדי צו וואָרענען שרײַערן פאַר דער סכּנה־טישקייט פון זײַנע דערציילונגען. דאָס וואָס זײַנע דערציילונגען זענען זייער ענלעך צו זיך אין זייער אינהאַלט און אין זייער געבוי, נעמט צו זייער פיל פון זייער ווירקונג אויפן לייענער, וועל־כער ווערט מיד נאָכן לייענען די דריטע אָדער פערטע דערצילונג. ווען דער לייענער ווייסט פריער אויס ווי אַזוי דער סיפּור־המעשה וועט זיך אַנטוויקלען, הייבט אים די דערציילונג אָן צו ווערן לאַנג־ווייליק און פאַר דעם דאַרף זיך אַ שרײַבער היטן, ווײַל לאַנג־ווייליקייט איז דער חלף פון יעדער קונסט, איבערהויפּט פון דער דערציילקונסט.

פונעם בוך: „פּנימער און נעמען״

נתן גראָס

פרילינג אין האַרבסט

אפרים שרײַער איז אַ באַוווּסטער טעאַטראָלאָג און קונסט־קריטיקער, מחבר פון אַ ריי שאַפונגען, פון וועלכע צוויי זענען איבערגעזעצט אין העברעיִש: „קונסט און טעאַטער", „פּאָרטרעט און מאַסקע". זײַן ערשט בוך, דערשינען אין 1939, איז געווען אַ קריטישע שטודיע וועגן דער באַרימטער פּוילישער אַקטריסע אירענאַ אײַכלער. וועגן דער אײַכלער איז פיל געשריבן געוואָרן. שרײַערס בוך איז געווען די ערשטע מאָנאָגראַפיע וועגן איר.

דאָס נײַ דערשינענע בוך פון אפרים שרײַער „פרילינגס־בלעטער" דערווײַטערט זיך טעמאַטיש פון זײַנע פריערדיקע פּובליקאַציעס וועגן עסטעטיק. דאָס איצטיקע בוך איז אַ זאַמלונג פון מיניאַטור־נאָוועלן, פּאָעטישע פּאָרטרעטן וועגן פרויען מיט וועלכע דער מחבר האָט זיך באַגעגנט אויף זײַן לעבנסוועג.

פרויען וועלכע שרײַער שילדערט האָבן פּלוצעם אויפגעבליצט און זענען ווי אַ מעטעאָר פאַרשוווּנדן. דער אויפהעל זייערער האָט בײַם מחבר איבערגעלאָזט טיפע געפילס־שפּורן אין זײַן נשמה און זכּרון.

אָט זענען עס די בלעטער — „פרילינגס־בלעטער", שוין פאַרטריקנטע בלעטער, וועלכע דער מחבר פאַרפיקסירט אין זײַן בוך. די בלעטער האָבן נישט פאַרלוירן זייער פאַרב און נישט זייער אַראָמאַט. צאַרט, מיט געפיל ווי מיט אַ דינעם פּענדזל־באַריר, דורכזיכטיקן אַקוואַרעל, מיט אַ פעדערשטריך סקיצירט, צייכנט שרײַער זײַנע ראָמאַנטישע געשטאַלטן מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט און מיט וועלכע ער איז געבליבן אין אַ זעלישן געפילס־פאַרבונדקייט. אַ פּאַדעם־דינע נעץ פון אינטימע שפּירונגען פאַר־

אייניקן אים אינטויטיוו מיט פרויען־געשטאַלטן. דער דיאַלאָג פון שטום־פאַרבאָרגענער קעגנזײַטיקייט האָט טייל מאָל פאַרנומען דאָס אָרט פון גערעדטן וואָרט.

אומגעריכטע אומשטאַנדן, צופעליקע באַגעגענישן, אין גאַס, אין קאַפע־הויז, אין מוזעאום, אין טעאַטער, אין אַ פענסיאָנאַט, האָבן געפינט די דראַמע.

באַגעגענישן קורץ־דויערנדיקע, ווי אויך לענגערע זענען ווי פאַרשווונדן מיטן שטורעם פון דער צײַט, טייל מאָל נאָך יאָרן זיך ווידער געטראָפן אין פרעמדע ווײַטן.

די ערשטע געפילס־נאָענטקייט אָדער אײַנגעליבטקייט האָט שרײַער דערשפּירט צו זײַן לערערין פון צייכענען (ווי דען אַנדערש) אין זײַן געבורט־שטעטל טלומאַטש אין גאַליציע. שפּעטער אײַן זײַן פריינדין אַ מאָלערין, אַן אַפּטייקערין (אין דער עלטער, וועלכע איז אַטראַקטיוו פאַר יוגנטלעכע), נאָך שפּעטער אין אַן אונגאַרישער זינגערין, אין אַ דאָקטאָרין אין ווײַטן סווערדלאָווסק. נאָך זײַן צוריק־קומען פון רוסלאַנד, אַ וווּנדערלעכע באַגעגעניש מיט אַ ציגײַנערין, וועלכע האָט זיך אָפּגעראַטעוועט בײַם סאַסע אַרײַנגאַנג אין גאַז־אויוון. ווײַטער אַ באַגעגעניש אין פאַריז און דערנאָך אין צפת.

עס שפּירט זיך אין זײַנע דערציילונגען דאָס דורכויס אויטאָ־ביאָגראַפישע: גורל, וואַנדער, וועלכע מען לייענט אַרויס אין זײַנע שורות — אין „פרילינגס־בלעטער“.

די נאָוועלן זענען אַ הימן צום שיינעם מין, ראָמאַנטישע דער־ציילונגען פון וועלכע ס'טראָגט זיך ליבע צו עסטעטיק, וואַרעמקייט.

דאָס נאַטירטע איז אָנגעלאָדן מיט צאַרטקייט, עלעגאַנץ און נאָסטאַלגיע. נישט צו געפינען אַ שמץ פון וווּלגאַרקייט.

בלעטער פון אַ ווײַט, ווײַט באַגרינטן לאַנד, וועלכע פרישן אָפּ אין זכּרון דעם פרילינג אין סאַמע האַרבסט: „וואָס איז אונדז פאַרבליבן פון יענע יאָרן... אָפּגעוועלקטע בלעטער פון בלומען אינעם דיכטערישן ליד“.

„על המשמר“, „נאָווינו קוריער“

ד"ר נח גריס

דרײַצן פּלאַטאָנישע ליבעס

צוריקגעקומען פון אורלויב געפין איך צווישן די אָנגעהויפטע בריוו און זשורנאַלן אויך אַ קליין, פײַן אַרויסגעגעבן ביכעלע מיט אַ פאָטאָגראַפיע פון מחבר און דעם אינטים־קלינגענדיקן טיטל, וואָס האָט מיך פאַרסוגערירט: „בלעטער פון מײַן אַלבאָם". די סיבה איז אַ פּשוטע: פון אַלע ליטעראַרישע מינים אינטערעסירט מיך צו מײנסט די מעמואַריסטיק, עפּיסטאָלאָגראַפיע, טאָגביכער... פון זיי דערקענט מען בעסער די מענטשן, געשעענישן, סיטואַציעס, קעגנזײַטיקע באַציִונגען. די דאָזיקע דאָקומענטאַלע ליטעראַטור פאַרמאָגט טייל מאָל מער אימאַגינאַציע ווי די אויסגעטראַכטע אימאַגינאַרע שאַפונגען. אײדער איך האָב זיך גענומען צו די בריוו און זשורנאַלן האָב איך נישט בלויז דורכגעבלעטערט די „בלעטער", נײַערט זיי טאַקע איבערגעלייענט. דאָס זענען זכרונות פון אַ מענטש, וועלכער האָט אויפגעהיט אין זיכּרון באַגעגענישן מיט פרויען.

איך ווייס נישט וויפל בלעטער עס פאַרמאָגט דער גאַנצער אַלבאָם, אָבער די דרײַצן ראָמאַנטיש־סענטימענטאַלע דערציילונגען זענען שטאַרק באַחנט און קינסטלעריש־נאַראַטאָריש אינטערעסאַנט.

וועגן מחבר ווייס איך בלויז צו זאָגן דאָס, וואָס כ'האָב אַרויסגעליענט אָדער זיך אָנגעשטויסן פון בוך גופא. מער וועל איך וויסן, ווען עס וועט דערשײַנען דער אַכטער באַנד פון „לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור", ווו עס רעדט זיך וועגן מחברים, וועמענס נעמען הייבן זיך אָן פון די אותיות ק.ר.ש.

אפרים שרײַער איז געבוירן אין גאַליצישן שטעטל טאָלמיטש (טלומאַטש). אין עלטער פון 5־6 יאָר, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אים דער גורל פאַרטראָגן ווי טויזנטער אַנדערע

פליטים, קיין סלאָוואַקיי. (זע די דערציילונג „דריַי חן־פּעפּערלער״).
אַזוי אַרום איז דער מחבר היַינט צו טאָג אומגעפּער אַ בן־שבעים.

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געלעבט אין וואַרשע, ווו ער האָט געהאַט אַ שיַיכות צו טעאַטער און האָט אָנגעשריבן אַן אַרבעט וועגן דער טאַלאַנטירטער פּוילישער שוישפּילערין אירענאַ איַיכלער, וועלכע איך האָב באַוווּנדערט אין לעמבעריק, וווּ זי האָט געשפּילט אין דער דראַמע „פרײַלין דאָקטאָר״.

בעת די שוידער־יאָרן פון היטלערס ממשלה האָט זיך שריַיער געפונען אין סאָוועטן־לאַנד. פאַר זיַין באַזעצן זיך אין ישראל איז ער געווען אַ פּליט אין דיַיטשלאַנד און אין מינכען פאַרעפנטלעכט אַ בוך אד״ט „פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן״. אין ישראל גיט ער אַרויס אויף העברעיִש טעאַטער־שטודיעס, אַ בוך „היַימישע שוועלן״ (1976) און דרוקט אַרטיקלען אין דער יידישער פּרעסע. לעצטנס האָב איך איבערגעלייענט אין „ביי זיך״ זיַינע רעפלעקסיעס וועגן דער באַציִונג פון עסטעטיק צו שיינקייט.

עד כאן דער מחבר.

דאָס ערשטע וואָס איז בולט ווי נאָר דו נעמסט זיך לייענען אַ דערציילונג איז דער קלימאַט, וואָס שריַיער איז אַ מיַיסטער צו שאַפן. דאָס איז אַ קלימאַט אַ מילדער, וואָס גיט אַ גלעט ביַי דער נשמה און רופט אַרוס וואַרימע געפילן פון לאַנג פאַרגעסענע אָבער נישט פאַרלאָשענע .דער מחבר באַנוצט נישט קיין אַבסטראַק־טע, אויסגעמוטשעטע, פיַין־קלינגענדיקע, פאַרביקע אויסדרוקן; זיַינע דערציילונגען זענען געבויט אויף קאָנקרעטע פאַקטן, זיַי זענען די פּשטות אַליין, אָבער די שילדערונג פון סיטואַציעס, די שטימונג און די איבערלעבונגען פון די פרויען — דאָס אַלץ ווירקט אויפן לייענער און לאָזט אים אַריַין אין אַן אַטמאָספער פון דערהויבנקייט, מיטגעפיל און באַדויער...

די קאַפּיטלעך וואָלטן געקאָנט טראָגן די נעמען פון די „העל־דינס״: קריסטינאַ, אָלגאַ, זאָפיאַ, טאַטיאַנאַ, קלאַוודיאַ, לאַריסאַ, מאַרינאַ — כמעט אַלע נישט־יידישע פרויען: פּוילישע, רוסישע, אַ

ציגײַנערין. אַגב איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז די „ייִדישע" באַקאַנט־שאַפטן זענען צום וויניקסטן אינטערעסאַנטע און במילא זענען די שײַכדיקע דערציילונגען שוואַכערע. די לעצטע אַפילו „טראַפּנס טוי", אַ באַגעגעניש אין אַן ענגלישער באַן מיט אַ ישראל־בירגערין טיילט זיך בכלל אויס פון אַלע איבעריקע דערציילונגען און געפינט זיך דאָ וואַרשײַנלעך צוליב אַן אויסרעכענונג, אַ בפירוש נישט־ליטעראַרישער. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז בײַ דער לעצטער באַגעגעניש איז דער מחבר שוין געווען נישט דער ראָמאַנטיקער פון פאַר דער מלחמה, ער האָט שוין איבערגעלעבט און וואַרשײַנלעך איבערגעליטן זייער אַ סך אין די מלחמה־יאָרן און דעריבער זענען זײַנע קאָנווערסאַציע־מיטלען געוואָרן מינאָרער.

איז טאַקע צו שטוינען ווי אַזוי שרײַער רעפּראָדוצירט זײַנע אַמאָליקע געפילן, פון וועלכע עס טראָגט זיך אַ פרישקייט, ענטוזיאַזם און איידלקייט.

זײַן זכּרון האָט פאַרצייכנט אויף אַ פּינקטלעכן אופן אַלע פּרטים בנוגע זײַנע אַמאָליקע באַקאַנטשאַפטן: קליידונג, באַוועגונגען, מערק־סימנים און אַפילו דעם ריח פון זייערע פּאַרפומען („מאַנדל־בליטן"). ער טרעפט צופעליק אין בריסק, מיט פיל יאָרן שפּעטער, זײַן לערערין פון די אָנפאַנג־קלאַסן, אין וועלכער ער איז געווען „פאַרליבט" און עס שווימען ווידער אַרויף די אומשולדיקע־נאַיִווע קינדערשע סענטימענטן. דער אײַנדרוק פון דער דאָזיקער דערציילונג איז אַ שטאַרקער, בעת די מיטלען מיט וועלכע דער מחבר דרינגט אַרײַן אין אונדזער נשמה זענען רעאַליסטישע: אַ שולע, אַ קלאַס, חברים, אַ באַליבטע לערערין און אַ געהאַסטער לערער, אַ שעמעוודיק דערלאַנגטע מתּנה צו דער לערערינס געבוירנטאָג אא"וו.

מיר פעלט די איבערצײַגונג אין דער פלאַטאָנישקייט פון אַלע ליבעס, בפרט די שפּעטערדיקע, אין רוסלאַנד, דאָס מיינט אָבער נישט צו זאָגן, אַז איך דערשאַץ נישט דעם מחברס ריינע, דיסקרעטע און אפשר צו ענטוזיאַסטישע באַציִונג צו פרויען, צו וועלכע נישט דער סעקסועלער רייץ נײַערט אַ געפיל פון באַוווּנדער האָט געדינט

פאַר אַן ערשטן שטויס.

עס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זיכּרון אַ שיינער פּאַרגלייַך פון דער דערציילונג „פון צווישן דער צווייַגנגעץ". דער יונגער מחבר איז „פאַרליבט" אין אַ פרוי, וועלכע ער זעט דורכן פענצטער פון דער אַפּטייק, ווו זי איז באַשעפטיקט. „איר אָפּוועזנהייט בייַם פענצטער האָט אָנגעהויבן אַפילו אַרויסרופן בייַ מיר פאַרדראָס און אייַפערזוכט. די פענצטערראַם אָן איר איז בייַ מיר אויסגעקומען ווי אַ ראַם אָן אַ בילד".

ס'איז נישט דער איינציקער בילדערישער אופן פון געבן אויס־דרוק אַ שטימונג וואָס באַהערשט דעם לייענער.

די „בלעטער פון מייַן אַלבאָם" זאָגן עדות וועגן אַ תּקופה, וואָס איז הייַנט „פאַרעלטערט", וועגן אַ דור, וואָס האָט אידעאַליזירט די ליבע און זיך באַצויגן צו דער פרוי ריטערלעך.

זינט דעמאָלט האָט זיך פיל געענדערט. דער שיינער מין האָט אָנגעטאָן הויזן און דער יונגערמאַן האָט זיך פאַרלאָזט לאַקן. די באַציִונגען צווישן מאַן און פרוי זענען געוואָרן מער „זאַכלעכע", עס האַלט אין פאַרשווינדן אַ גייַסטיק־עסטעטישער ווערט, אַ דאַנק וועלכן דער מענטש איז געווען בעסער און האָט טיפער איבער־געלעבט דערפאַלגן און דורכפאַלן אין זייַן סענטימענטאַל לעבן.

די „בלעטער" בילדן אַן אינטערעסאַנטן לייענשטאָף. זיי באַווייַזן, אַז דער מחבר קאָן נאָך אָנהאַלטן אַ פרישקייט פון זייַנע ראָמאַנטישע איבערלעבונגען, וואָס האָבן אים באַוויגן און דערמעגלעכט זיי צו געבן אַ ליטעראַרישן תּיקון.

איך בין וואַרשייַנלעך נישט דער איינציקער לייענער, וועלכער האָט זיך אָפּגעפונען אין די דאָזיקע בלעטער און דערפאַר קומט שרייַבערן אַ דאַנק.

פ. ס.: עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. די אַלע „בלעטער" קאָנען זייַן אויסגעטראַכט פון „א", ביז „ת". אויף דעם איז פאַראַן אַן איטאַליעניש שפּריכוואָרט: „סע נאָן

ע ווערא, ע בענע טראוואטא", וואס הייסט אויף יידיש: אויב ס'איז אפילו נישט אמת איז עס לכל הפחות גוט צוגעטראכט.

„צוקונפט", אקטאבער 1978

חיים זעלצער

א

אינטים־ראמאנטישע געמעלן

פרויען־פארטרעטן פון אפרים שרייער *

כדי דער העלד צי די העלדין אין א דערציילונג זאלן זיך פארגעדענקען, מוזן זיי האבן אן אייגן פנים, די לאנדשאפט ארום זאל נישט זיין א ביליקע קאפיע, נאר מיט שטימונג און פאקטור; דאס קינסטלערישע ווארט איז באַרופן אויסצופילן די דערמאנטע און פיל אנדערע נישט אויסגערעכנטע פונקציעס און זייערע וואריאציעס פון ווערק צו ווערק.

צי פאדער איך נישט צו פיל? — אויב ווי א דורכשניטלעכער לייענער זענען מיינע פאדערונגען מינימאלע; אויב ווי א רעצענזענט — בין איך דער זעלבער לייענער מיט א קליינעם אונטערשיד: איך וויל זיך טיילן מיט מיינע איינדרוקן און מסקנות מיט אנדערע לייענערס, איידער זיי האבן דאס בוך געלייענט, און אויב זיי האבן דאס בוך שוין יא געלייענט, וועלן זיי עס אפשר נאך א מאל נעמען אין די הענט אין איבערלייענען אנדערש. דאס איז טאקע געשען מיט דער מחבר פון את די שורות.

פון צווייטן, מער פארטיפטערטן לייענען, האבן זיך אויסגעטיילט

ווי פון זיך אַליין, דריי פון די דריי און צוואַנציק פרויען־פּאָרטרעטן: דער ערשטער, דער מיטלסטער און דער לעצטער. (פון ביידע ביכער: „בלעטער פון מײַן אַלבאָם״ און „פרילינגס־בלעטער״). אָנהייבן וועלן מיר פונעם מיטלסטן; „דריי חן־פעפערלער״ הייסט די דערציילונג אין דער גאַלעריע פון די בילדער־ און וואָרט־פּאָרטרעטן פון אפרים שרײַער.

דער סיפור הייבט זיך אָן אין די זאַלן פון דער „לוווּר־גאַלעריע אין פּאַריז. אַנטקעגן די פּאָרטרעטן פון „מאָנאַ ליזאַ״ און „ווענוס״. די בליקן פון אַ יונגער פרוי באַגעגענען זיך. זיי האָבן דעם אײַנדרוק ווי זיי וואָלטן זיך שוין ערגעץ־ווו געזען, באַקענט. אינטערעסאַנט איז די טעאָריע פון פיזיאָנאָמישער אייגנאַרט און פּאָרטרעט, וואָס איז אפשר דער שליסל צו די סודות פון שרײַערס „מאָלערישער אינטואיציע״. בעתן געשפּרעך אין אַ צווייטער באַגעגעניש, ווײַזט זיך אַרויס, אַז די צוויי האָבן זיך באַגעגנט נאָך קינדווייז אין אַ פּליטים־שטעטל. עס טויכן אויף ווײַטע זכרונות פון 5־6 יאָריקע קינדער, און אַלץ אַ דאַנק די קוים באַמערקלעכע חן־פעפערלער פון אַ דערוואַקסענער פרוי. — דאָס איז די אויסערלעכע זײַט. אונטערן שטח קומט פאַר דער אויסטערלישער צוצינג־אָפּשטויס־פּראָצעס פון אַמביוואַלענטע כּוחות... „עפּעס איז געשען, ווי עס וואָלט זיך איבערגעריסן דער דינער פאָדעם צום קינדערישן עבר. אין יענע מינוטן האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איר פּנים דערמאָנט מיר נישט קיינעם״.

דער צווייטער פּאָרטרעט דערשיינט אין דער דערציילונג „מאַנדלבליטן״. אַ שילער פאַרליבט זיך אין זײַן לערערין פון מאָלן, וואָס איז עלטער פון אים מיט יאָרן, כאָטש אַ יונגע — ערשט פונעם לערער־סעמינאַר. דער מאָטיוו איז נישט קיין נײַער — אַ פאַרשפּרייטער. נאָר דער אויטאָביאָגראַפישער צי דמיונדיקער גרונט פון דער ערשטער ליבע פון אַ שילער אין פאַלקסשול איז רירנדיק. אַ דערוואַקסענער, באַגעגנט ער זי צופעליק און דערקענט זי. כאָטש אַ סך עלטער און רײַפער, האָט זי פאַרהיט איר אַמאָליקן

חן, די אַמאָליקע אויווינגלער און דעם פּערפֿום פֿון דופטיקע מאַנדל־בליטן, וואָס זי באַנוצט איך איצט — — — זכרונות טויכן אויף און אפשר לעבט אויף די אַלטע ליבע — איצטער שוין נישט קיין פּלאַטאָנישע. זי איז פאַרזעסן, איינזאַם — — —

„רות" — דער דריטער און לעצטער פֿון דער גאַלעריע פּרויען־פּאָרטרעטן איז דער היפוך. זי איז אַ בולטע פאַרשטייערין פֿון פרויען מיט אַ „פּאַטער־קאָמפּלעקס". עס ציט זי צו מענער עלטערע פֿון זיך. אַ יונגע קראַנקן־שוועסטער, אַ באַרמהאַרציקע מיט אַ קרענקלעכער נייגונג, פּאַרלאָזט זי איין עלטערן געליבטן צוליב אַ צווייטן.

מיר האָבן זיך כּמעט נישט אָפּגעשטעלט אויף דער שיינקייט פֿון וואָרט און בילד, אויף דעם ראָמאַנטישן צוגאַנג פֿונעם מחבר בעתן שילדערן און פאַרשווייגן פּיקאַנטע אַנגעלעגנהייטן. ליטעראַ־רישער אַנאַכראָניזם? — ניין, אַנשטענדיקייט פֿון אַ ראַפינירטן קינ־סטלער! אָנגערירט האָבן מיר אויפן שפּיץ מעסער דעם עראָטישן אַספּעקט; בלויז דריי פֿון דריי און צוואַנציק פרויען־פּאָרטרעטן, וואָס פאַרדינען, חוץ דעם ליטעראַריש־קריטישן אויך אַ באַזונדערן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז. אפרים שרייערס לירישע געמעלן זענען אַ דערשיינונג אין אונדזער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור.

* אפרים שרייער, „בלעטער פֿון מיין אַלבאָם", פאַרלאַג י. ל. פרץ ת"א 1978.
אפרים שרייער, „פרילינגס־בלעטער", פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1981.

ב

עסטעטישע ווערטן

אפרים שרייער, „עסטעטישע ווערטן" ה. לייוויק־פאַרלאַג, ת"א תשמ"ה — 1985.

עסטעטיק — וואָס מיינט עס? אָדער, ווי זאָגט מען אויף מאַמע־לשון: מיט וואָס עסט מען עס? אפשר מיט די פינף פינגער? —

איז לכל־הדעות נישט שיין, ס׳איז מיאוס, ס׳איז פע ווען פאַראַן זענען לעפל־גאָפל־מעסער, לעקן די פינגער בײַם טיש אין אַ געזעלשאַפט — איז נישט עסטעטיש. אַ רייד איז דאָ וועגן נימוסים, ווי מען איז זיך נוהג אין טאָגטעגלעכן מאַטעריעלן שטייגערישן לעבן.

דער מחבר איז אויסן אַ העכערע מדרגה — די פילאָזאָפיש־רוחניותדיקע. „שיין״ און „עסטעטיש״ אין קינסטלערישן זין — צי זענען די צוויי באַגריפן היינו־הך? פרעגט אפרים שרײַער. דאָס איז שוין אַ פראַגע פון געשמאַק: וואָס פאַר איינעם איז שיין איז לויט אַ צווייטן מיאוס און פאַרקערט, אָפהענגיק פון פערזענלעכער פּרעפערענץ אָדער פאָראורטײַלן פון געזעלשאַפטלעכן און רעליגיעזן כאַראַקטער. למשל, די נאַקעטע פיגורן אין מאָלערײַ און סקולפּטור אָדער להבדיל די שיסערייען און רציחות אין דעטעקטיוו־ביכער און פילמען: איינער האָט דערפון הנאה, עס געפעלט אים, פאַר אַ צווייטן איז עס מוקצה מחמת מיאוס. מיר וועלן פּרווון איבערזעצן דאָס לאַטיינישע ווערטל אויף ייִדיש: וועגן טעם (געשמאַק) און גערוך קאָן נישט זיין קיין וויכוח.

פאַראַן נאָך סיבות צוליב וועלכע „מיאוסקייט״ קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין „שיינקייט״... פאַר פישקע דעם קרומען איז זײַן בלינדע ייִדענע אַ שאָנהייט. וואָס ליבע קאָן מאַכן! אַ צווייטע סיבה איז דער מענטשלעכער נײַגער, דאָס באַדערפעניש צו וויסן (לויט אַריסטאָטעל). ועל כּולם — די קינסטלערישע באַוווּנדערונג פון מעשׂה־בראשית.

אין סך־הכּל קומט דאָס אויבן געזאָגטע אילוסטרירן מער אָדער ווייניקער די גרינטלעכע הנחה וועגן עסטעטיק פון אפרים שרײַער, וואָס איז אין תּוך אַ מאַטעריאַליסטישע, דהיינו: „די פאַרהעלטעניש צווישן מעדיום און דער שאַפונג איז די פאַרהעלטעניש צווישן מאַטעריאַל, שטאָף און פאָרעם... די פאָרעם איז דער דיאַלאָג צווישן קינסטלער און דער אַרומקייט. די שאַפונג איז נישט אָפּבילדונג, נאָר אַ מוסטער פאַר אַ נײַ־באַשאַף — אויטאָנאָמע קינסטלערישע ווערטן״. דאָס איז אייגנטלעך דער אַרײַנפיר צו די איבעריקע צען

פּרקים פון בוך, וואָס באַהאַנדלען באַזונדער צווייַגן פון קונסט, ווי וואָרט־שאַפונג, טעאַטער־קונסט, פאָלקלאָר א.ד.ג. אין זייערע פאַרשיידענע איבערפלעכטונגען און אַספּעקטן, און דאָס בשותּפות־דיקע שורשדיקע, ווי טאַלאַנט, כּוח־הדמיון ,השפּעות, נייַע שטראָמען וואָס די צייַט און די תּקופה איז גורם.

דער פּראָצעס פון יצירה איז אַ דויערנדיקער פּערמאַנענטער אין מענטשלעך־פאָלקישן מאַסשטאַב, כאָטש די שאַפערס־יחידים זענען שטאַרביקע. זיי, די קינסטלערס אויף אַלע געביטן הייבן נישט אָן פון בראשית; אין דער ליטעראַטור ירשענען זיי די שפּראַך און די קונסט־אוצרות פונעם עבר. זיי געבן אָפּ זייער צושטייַער אין קעגנוואַרט און וועלן אויספירן אַ שליחות אין עתיד. פון דער הנחה גייט אַרויס אפרים שרייַער אין זייַנע באַהאַנדלונגען און אָפּ־האַנדלונגען וועגן קונסט־קאַטעגאָריעס און דערשייַנונגען. דאָ איז דאָס אָרט צו באַטאָנען אַז דער מחבר איז גוט אונטערגעקאָוועט און איז בקי אין הילכות עסטעטיק אין אַלע געביטן. דאָס בוך איז אַן ערנסטע שטודיע וועגן עסטעטיק און קאָן דינען ווי אַ האַנט־בוך פאַר קינסטלער מכּל־המינים צוליבן טעאָרעטיש־אָביעקטיוון טאָן. דאָס איז ריכטיק ביז דער מחבר קומט צום קאַפּיטל „טיף און דראַמע" (זייַטן 89—94).

דאָס קורצע אָבער קאָמפּאַקטע קאַפּיטעלע (בלויז זעקס זייַט־לעך) איז אַן אויסנאַם — אַנדערש, ווייַל אפרים שרייַער נעמט שטעלונג צום טעאַטער־ און דראַמע־וועזן אין ישראל הייַנט. סומירנ־דיק טעאָרעטיש און פּאַקטיש די עוואָלוציע און באַדינגען פון אויפ־קום פון דראַמאַטישער שאַפונג ביי ייִדן, קומט ער צו דער מסקנה, אַז „עס איז נישט פאַראַן און עס קאָן נישט זייַן קיין רייד וועגן ישראל־דראַמאַטורגיע".

מיר נעמען זיך נישט אונטער צו באַרעכטיקן אָדער לייקענען די קאַטעגאָרישער באַשטימונג, אָבער קלאָר איז, אַז אויפרודערן וועט זי די ישראלדיקע טעאַטער־וועלט.

און צום סוף, דאָס קאַפּיטל „קריטיק" רופט זיך איבער

מיטן מאמר פון יצחק יאַנאַסאָוויטש „קריטיק: חסד אָדער דין..." (זע „יידיש וועלט" נומער 20 סעפּטעמבער 1985). איך בין אויסן די אויפגאַבע פון ליטעראַטור־קריטיק בכלל און הײַנט: אויסמײַדן די הנאה און דעם הרגל אַרונטערצורײַסן אָדער חניפהשע סופּער־לאַטיוו־קריטיק. בלי־ספק אַז די קריטעריעס און מאָסן פון קריטיק דאַרפן זיך באַזירן קודם־כל אויפן טאַלאַנט פון שאַפער און דער מדרגה פון זײַן ווערק. נישט מידת־הדין און נישט מידת־הרחמים, די מערכה פון יידיש און יידישער ליטעראַטור הײַנט „פאַדערט איידעלע הענט און אַ וואַרעם האַרץ" (י. יאַנאַסאָוויטש).

דאָס בוך פון אפרים שרײַער איז באַלערנדיק פאַר שאַפער און קינסטלער. עס קאָן און דאַרף דינען ווי אַן אינסטרומענט פאַר רעצענזענטן (קליין־קריטיק) און עסייאיסטן (גרויס־קריטיק).

„יידישע צײַטונג, 1985

שמחה פּאָליאַקעוויטש

א

בײַם צעעפנטן אַלבאָם

דער שרײַבער אפרים שרײַער איז באַקאַנט פון זײַנע פריער־דיקע ווערק ווי אַן עסייאיסט, און קריטיקער איבער פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן. פאַר זײַנע שטודיעס איבער קינסטלער און טעאַטער־קונסט האָט ער געווידמעט פינף ביכער אין יידיש און עברית.

מיט דעם נײַ דערשינענעם בוך „בלעטער פון מײַן אַלבאָם"

לאָזט זיך אפרים שרײַער דערקענען ווי אַ טאַלאַנטפולער דערציילער מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל פון אויסדרוק בײַם פאָרמירן דאָס בילד וואָס ער שטעלט פאַר פאַרן לייענער.

ווער ווייסט וויפל גײַסטיקע גורמים עס שפּילן אַ ראָל אין דער נשמה פון אַ שרײַבער בײַם שילדערן אַ מענטשלעך געשטאַלט, און ווי שטאַרק פאַרשידן עס זענען די באַגריפן פון שרײַבער בײַם שילדערן די אינערלעכע וועלט פון אַ מענטש. אַ סך ברענגען דאָס אַרויס מיט אַ לאַנגן אָטעם ביז מען הייבט אָן דערזען דעם מענטש אין זײַנע האַנדלונגען, נאָר וויניק זענען געבענטשט מיט דעם טאַלאַנט צו מאָלן אַ בילד אין אַן ענגער רעם און פון דאָרט זאָל אַרויסקוקן דער מענטש אין זײַן שיינעם אויסזען.

עס ציט די אויפמערקזאַמקייט אפרים שרײַערס פּאַרטיפּט פּסי־כאָלאָגיש שילדערן זײַנע פּרויען־געשטאַלטן. אַזוי שיין זיך חנדלען צו זיי, און אַזוי עמאָציאָנעל אַרויסברענגען קעגנזייטיקע געפילן פון מענטשלעכער סימפּאַטיע בײַ באַגעגענישן, צופעליקע אָדער פּלאַנירטע, זײַן אויפנעמען און באַנעמען זיי אין דער אָדער יענער סיטואַציע וואָס ברענגט צום אויסדרוק די פײַנסטע געפילן און עסטעטישע איבערלעבונגען, און דאָס, דורך צימצום פון וואָרט־אויסדרוק — נעמט דורך דעם לייענער, קריצט זיך אײַן זײַן זכּרון, סײַ דאָס בילד און סײַ דער נאָמען פון מחבר. דעם לייענער פאַר־שאַפט הנאה די געשליפענע שיינקייט פון וואָרט, סטיל, און קלאַנג. באַוווּנדערט זײַן ריינע לירישע דערציילערישע שירה, מיט אַ נוסח פון עכט קינסטלערישן אויסדרוק, מיט אַ אָפן אויג און פילבאַרקייט פאַר דער אויסערלעכער וועלט פון נאַטור און מענטש, פאַר דער אינערלעכער וועלט פון מענטש צו מענטש, און באַזונדערס דעם מחברס פאַרשאַרפט געפיל פאַר אָביעקט, פּײַסאַזש און פאַרב, געמיט און אַראָמאַט.

דער נאָמען „בלעטער פון מײַן אַלבאָם” איז גאָר טרעפלעך געפּאַסט פאַר דעם אינהאַלט פון בוך: טעססאַ, די פרוי אין ווײַסן, די ציגײַנערין, פון צווישן דער צווײַגנגעץ, אין אַ בײַטאָג, מאַנדל־

בליטן — דאָס זענען בלויז אַ טייל פון די סובטעלע פּרויען־געשטאַלטן וואָס דער מחבר האָט אין לעבן באַגעגנט און זיי אַרײַנגענומען אין זײַן גײַסטיקן אַלבאָם. און יעדע פון זיי איז מיט אַנדערע נאַטור־אייגנשאַפטן, אַנדערע באַגריפן, אַנדערע געזעל־שאַפטן, אָבער דער לייענער געפינט אין זיי אַלע, אַזאַ פײַן־פילנדיקע פרויען־גוטסקייט, וואָס באַווירקט, רופט אַרויס לעבנס דער־פאַרונגען, דערמאָנט אין אייגענע פאַרגאַנגענע יאָרן.

אַ סך טראָגן זיך אַרום מיט אַזעלכע אַלבאָמס, אָבער נישט יעדער קען אַזוי פלעגן די בילדער, אַזוי זיי אויפהאַלטן, אַזוי צע־בלעטערן בלאַט נאָך בלאַט, ווי דאָס טוט אין זײַן בוך דער מחבר, דאָס זענען דאָך וווּנדערלעכע בילדער פון דעם שרײַבערס גײַסטיקן אַלבאָם וואָס רופן אַרויס די פײַנסטע געפילן. וויפל בענקשאַפטן רופן אַרויס אַזעלכע בילדער צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו אַמאָליקע איבערלעבענישן פון וועלכע יעדער שעפּט זײַנע חלומות און אַלע סימבאָלן וועלכע זענען געוואָרן אָרגאַנישע טיילן פון מענטשלעכע האַנדלונגען. איז דאָך דאָס לעבן אַן אָפענער אַלבאָם וואָס יעדער זוכט דאָס בילד און וואָס ער קען זיך אַליין געפינען. נאָר דער וואָס דערלאַנגט אַזאַ אַלבאָם דאַרף קענען צייכענען דאָס בילד, וואָס זאָל דערוועקן מענטשלעכע וואַרעמקייט, מענטשלעכע נאָ־ענטקייט, מענטשלעכע ליבשאַפט. קען אַ שרײַבער זיך פאָרשטעלן מיט אַזעלכע „בלעטער פון מײַן אַלבאָם” באַקומט ער אַנערקענונג און פאַרערונג.

אין דעם בוך געפינט מען פּרעכטיקע נאַטור־שילדערונגען, וואָס זענען אָנגעזאַפּט מיט פּאָעטישע פאַרבן און זאַפטן פון דער באַרגיקער געגנט פון ווו דער מחבר שטאַמט און ווו ער האָט זיך דערצויגן. דאָס האָט נישט ווייניק באַווירקט זײַן אינטעלעקט און געפיל. יעדעס נאַטור־בילד, וואָס איז דורכגעפלאָכטן אין די דערציילונגען, איז דורכגעדרונגען מיט דעם מחברס יוגנט־יאָרן, וואָס האָבן אים געגעבן אַזוי פיל שיינע אײַנדרוקן וועלכע לעבן נאָך אין אים, און ער טיילט זיך מיט דעם פאַרן לייענער, דורך

זײַן געשליפֿענעם וואָרט און מיט דעם קורצן פּילזאָגנדיקן זאַץ, און דאָס באַשטימט דאָך דעם מחברס אייגנאַרטיקן פֿאָרמירן דאָס בילד פֿון זין און באַדײַט. בלעטערט מען דעם אַלבאָם מיט באַ־וווּנדערונג אויף די קינסטלערישע געמאָלענע בילדער מיט דער פּען פֿון אפֿרים שרײַער.

„דאָ", מאָנטעווידעאָ

ב

בלעטער וואָס פֿילן אָן מיט פֿרישן אָטעם

די קורצע דערציילונגען אין דעם נײַעם בוך פֿון אפֿרים שרײַער ברענגען אַרויס איבערלעבונגען וואָס דערוועקן זיך אין שרײַבערס באַוווּסטזײַן, ווען ער קוקט זיך אַרום און באַטראַכט די אָפּגעלאָפֿענע צײַט פֿון יענע פֿרילינגס־יאָרן. טראָגט טאַקע דאָס בוך דעם נאָמען „פֿרילינגס־בלעטער". אין אָט דעם בוך באַווײַזט זיך שרײַער ווידער אַ מאָל מיט די שאַפֿערישע אייגנשאַפֿטן זײַנע, וועלכע ער האָט שוין אַרויסגעברענגט אין זײַנע פֿריערדיקע ביכער און האָבן געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון גוטן לייענער און פֿון דער ליטע־ראַטור־קריטיק.

אפֿרים שרײַער איז אַ ליריקער אין זײַנע פּראָזע־שילדערונגען. ער ווייסט ווי אַזוי צונויפֿברענגען אין פֿולער האַרמאָניע געדאַנק און עמאָציע, כּדי זיי זאָלן איינס דאָס אַנדערע דערגאַנצן, געטרײַ דער דאָזיקער אײַנשטעלונג גייט ער נישט אַרויס פֿון די ראַמען פֿון די פֿײַנסטע מענטשלעכע געפֿילן, געמיט־צושטאַנדן און עמ־פֿינדונגען. פֿאַרקערט, די גאַנצע גאַמע פֿון די איידלסטע מענטש־לעכע איבערלעבונגען, די געפֿילן־וועלט, שפּיגלען זיך אָפּ און טײַלן זיך אויס און גיבן דעם בוך אַ ספּעציעלן קאָלאָריט. דעם מחבר געלינגט אויך דאָס מאָל ווי אין זײַנע פֿריערדיקע פּרויען־פּאָרטרעטן אַרויסצוברענגען דאָס וואָס טוט זיך אָפּ אין דער נשמה פֿון אַ פֿרוי.

ער ברענגט דערמיט צום אויסדרוק זײַן אייגן־אינערלעכע וועלט, דאָס עמאָציאָנעלע פון זײַן שרײַבערישן געמיט, מיט אַ באַזונדערס פאַרשאַרפטן געפיל צו וואָרט און צו קלאַנג.

א. שרײַערס נײַע דערציילונגען זענען אָריגינעל גענומען פון לעבן, פאַרוועבט מיט לירישע פעדעם, מיט אַ ווערטער־געפלעכט וואָס בליצן אויף און פאַרכאַפּן דעם לייענער: מען שפּיגלט זיך אָפּ און מען וויל אַרײַנציען אין זיך דעם אַראָמאַט פון דער שיינער נאַטור, אַרײַנקוקן טיפער אין דעם געמאָלענעם פּאָרטרעט, דערפילן אין זיך שטאַרקער דאָס געפיל וואָס ווערט צעוועקט בעתן לייענען.

שרײַער געהערט צו די שרײַבערס פון קורץ געשליפענעם זאַץ, וואָס דערגרייכן אין זייער שאַפן יענע אינערלעכע האַרמאָניע צווישן מענטש און דער נאַטור וואָס אַרום אים. און ווי מיר דוכט, עס איז טאָפּלט אָנגענעמער צו לייענען זײַנע נײַע שאַפונגען וואָס הערן נישט אויף צו אַנטפּלעקן די אַלע שיינקייטן וואָס מיר האָבן שוין געפילט און געאָנט בײַם אויפנעמען די בילדער פון זײַנע „אַלבאָמען”. דאָס איז אַ שריט פאָרויס.

די טעמאַטישע אויסשפּאַנונג פון שרײַערס לעצטע ביכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ שרײַבער, וואָס שטאַמט פון אַזאַ מאָלע־רישער געגנט ווו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. טראָגט ער אויס די האַרמאָניע וואָס צווישן נאַטור און מענטש. עס הערשט צווישן זיי, אין זײַן שאַפן, אַ שטענדיקע און פולע שלימות.

אין אפרים שרײַערס אַ פּאָרטרעט איז אײַנגעהילט די נשמה פון מענטש. ער קומט צו אים מיט אַן אייגנאַרטיקן שפּראַכאויסדרוק, אָנגעפילט מיט אַ מין מאַגישער קראַפט, וואָס איז מסוגל צו באַ־הערשן דעם לייענער, אים אָנפילן מיט די פאַרבן און זאַפטן פון זײַנע צעשפּילטע און אויסגעלײַטערטע שורות. דער פּאַטאָס פון זײַן שרײַבן איז די גרויסע בענקשאַפט צו די ראָמאַנטישע פרילינגס־יאָרן; דאָס איז אַ ריין מענטשלעך געפיל וואָס איז נאָענט און אייגן די פיינפילנדיקע, ובפרט נאָך אויב אַ שרײַבער זאָגט צום לייענער אַזוי: „אין חודש מאַי, ווען די נאַטור באַנײַט זיך נאָך

דער ווינטער־פּאַרקאָוועטקייט און אַלץ הויבט אָן שפּראָצן, דאָס גרינס אויף די פעלדער, די בליטן אויף די בוימער, וועקן זיך אויך פרילינגס־ליַידנשאַפטן, זעלישע לויטערקייט, יוגנט־באַגערן שפּאַרן אין די נשמה־טיפן, פריידיקע שטימונג, מילד געמיט, אָפּטימיזם און אַ פּאַרוואָס פילן אַן די געפילן״...

בײַם לייענען שרײַערס פּאָרטרעטן ווערט מען דורכגענומען מיט דעם מחברס עסטעטישע אָנלאָדונגען, מיט אָנונגען און געדאַנקען, וועלכע טראָגן אויף זיך דעם אינדיווידועלן חותם פון שרײַבער. א. שרײַער פּאַרמאָגט אַן אָפּן אויג און אַ פילבאַר שפּירן פּאַר דינקייטן אין מענטשלעכן לעבן, ער איז זעליש פּאַרקניפּט מיט זײַנע געשטאַלטן, צייכנט זיי צאַרט, שטיל, מיט זייער חן און מיט זייער טראַגיק.

אפרים שרײַער עפנט זײַן בוך פּאָרטרעטן מיט דער ווײַס־מונדירטער שילערין פון מיידלשן אינטערנאַט בײַם לערער־סעמינאַר — וואַנדאַ, פּאַרשפּאַרטע הינטער די ווענט פון סעמינאַר, אַ קאָמ־פּליצירטע נאַטור מיט קאָנטראַסטע ליַידנשאַפטן; אַן אויסערלעך באַשיידענע און צוריקגעהאַלטענע, אָבער אינערלעך — מיט צאַרן און ווידערווילן קעגן דער געצוימטקייט אין דער שטרענגער דיס־ציפּלין. שרײַערן געלינגט אַרויסצוברענגען אַט די פּאַרשידנקייט דורך פײַנע ליטעראַרישע קוואַליטעטן.

אַזוי איז אויך זײַן פּאָרטרעט פון יאַנקאָ די מאַדאָנע. די אויס־געוויילטע פּאַרן מאַלערס פענדזל, און כאָטש שרײַער ברענגט בולט אַרויס די מאָטיוון פון דעם בילד אין די הענט פון דער מאָלערין, מיט דעם נצחון פון דער קינסטלערין, איז ער אָבער אַליין דער אמתער קינסטלער בײַם אַרויסברענגען אַט דאָס בילד. ס׳איז אַ נחת־רוח און עסטעטישער גענוס אײַנצוקוקן זיך אין דעם פּאָרטרעט פון דער מאַדאָנע, וואָס ער צייכנט מיט זײַן פעדער, און דער מאָלערישער נצחון געהערט טאַקע צו אים אַליין. אַזוי איז זײַן „אַ באַגעגעניש אין האַרבסט״, „דער פּאַרשלאָסענער קרײַז״, „אין קליינעם פענסיאָן״ און נאָך אַנדערע פּראָפילן אינעם בוך, וואָס

זענען אַרומגענומען מיט ליבע, מיט שיינקייט, מיט פרילינג.

אפרים שרײַערס געשטאַלטן אין „בײַ היימישע שוועלן״, „בלעטער פון מײַן אַלבאָם״ און אין איצטיקן בוך: „פרילינגס־בלעטער״, זענען אַרויסגעברענגט מיט די פײַנסטע געפילן, מיט שטימונג, געמיט־צושטאַנד, אייגנאַרטיקן פאַרבנמיש, און דאָס אַלץ — מיט דער מינימאַלסטער מאָס רייד. אָטעמען זיי מיט פרישן אָטעם, בפרט פאַר אַזעלכע, וואָס די פרילינגס־יאָרן זענען שוין ווײַט הינטער זיי...

„ישראל־שטימע״

ע. פעלד

בלעטער־אַראָמאַט

מיט אַ צײַט צוריק איז דערשינען אין יידיש אַ זאַמלונג קורצע נאָוועלן פון אפרים שרײַער — „בלעטער פון מײַן אַלבאָם״, וואָס איז נישט דאָס ערשטע בוך פון שרײַערן. פון זעלבן מחבר זענען דערשינען אַ רײַ פובליקאַציעס וועגן ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיק, וועלכע האָבן באַרײַכערט די נאָכמלחמהדיקע ליטעראַטור אויף דעם געביט.

„בלעטער פון מײַן אַלבאָם״ נעמט אַרום אַ צאָל נאָוועלן אין וועלכע עס ווערט געשילדערט אַ טיף רייכע גאַלעריע פון פרויען־געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך פאַרהאַלטן אינעם זכרון און אפשר אויך אין די געפילן פון מחבר.

שרײַער ברענגט אין אַ דיסקרעטער פאָרם אַרויס די אינטימע שפּירונגען פון זײַנע געפילס־איבערלעבונגען. נישט צו מערקן אין

זײַנע דערציילונגען קיין שמץ פון וועלכן עס איז ווולגאַרן עראָטישן רייץ.

אַ ברייטער פעכער פון פרויען־פּראָפילן פון פאַרשידענע פעלקער און סביבות, פאַרשידן אין זייערע אָנשוויונגען, נאַטור־אייגנאַרטן און מענטאַליטעט — אויסער ייִדישע ,אויך פּוילישע, רוסישע, אונגאַרישע, ס׳פעלט אויך נישט אַ ציגײַנערין. פרויען, וועלכע דער מחבר האָט באַגעגנט אויף זײַן לעבנסוועג.

יעדע פרוי — אַ וועלט פאַר זיך, צוזאַמען — אַ צונויפגאָס פון פאַרשידנאַרטן. אַ באַזונדערע באַציִונג האָבן בײַם מחבר אין זײַן פריער יוגנט אַרויסגערופן פרויען פיל עלטערע פון אים, מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך נאָך יאָרן ווידער — נאָך יאָרן פון דער מלחמה.

אפרים שרײַער פאַרמאָגט אַ זאַפטיק רייכע שפּראַך, אַ קערנדיקן ייִדיש, אין וועלכן ער דערציילט און שילדערט זײַנע פרויען־געשטאַלטן.

„גאָוויני קוריער"

מרדכי שנער

דער שרײַבער מיט פּאַסטעל־פאַרבן

אפרים שרײַער, דער שטילער, שטענדיק אין שאָטן זיך האַלטנדיקער שרײַבער, פאַרמאָגט שוין אַ ווערטפול ווינקל אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זײַנע פיר ביכער אין ייִדיש און צוויי אין העברעיִש. מען דאַרף נישט קענען זײַן ביאָגראַפיע, לייענענדיק זײַנע שורות,

זעט מען אַז שרײַער האָט אין דער יוגנט „געהאַט צו טאָן“ מיט פאַרבן, ער האָט טאַקע געלערנט מאָלערײַ. ער איז פול מיט קאָלירן. ער מאָלט אויגן, האָבן זיי שטענדיק אַ קאָליר מיט אַן אַנדערן אָפּשײַן בײַ יעדן בליק. אַ שאָטן וואָס נעמט פאַלן אין אַ צימער פאַר נאַכט האָט אויך ערגעץ בײַ אים אַ גרינעם שײַן. אין אַ בריוו צום מחבר שרײַבט זייער ריכטיק חיים זעלצער: „דאָס עראָטישע, וואָס איז דער יסוד פון אײַערע פאָרטרעטן און די אַקס פון בוך, איז אָנגעצייכנט מיט שטילע פאַסטעל-פאַרבן. די שפּראַך איז ליכטיק, זויבער, אָן פּרעטענסיעס פון מליצהדיקייט און נאָוואַטאָרישקייט, שטימט מיטן אינהאַלט און געמעל: די פאַרבן נישט קיין שרײַענדיקע, דאָס אַלץ דינט און שטרײַכט אונטער דעם פּאָעטישן און לירישן מהות“.

איך לייען בײַ שרײַערן אַנטציקונג-בריוו וועגן זײַן לעצטן בוך. צבי אײַזנמאַן פילט נישט אין די דרײַצן „מאַדאָנעס“, בין איך זיכער, פונקט ווי איך, דאָס וווּלגאַרע „עראָטישע אין יסוד פון די פּאָר־טרעטן“. אײַזנמאַן הערט אין זיי מוזיק „אין האַרבסט. אַ מעלאַנ־כאָליש שטילער בלעטערפאַל, שטילע טריט, בלייכע פינגער אויף פּיאַנע-קלאַווישן .שאָפּענס נאָקטורן“... אײַזנמאַן שרײַבט: „אין דער דערציילונג „טעססאַ“ נאָך איידער כ׳האָב געפונען אַן אָנדײַטונג אויף שאָפּענען אין אײַער בוך, גלײַך בײַ די ערשטע שורות, האָבן מיך שוין זײַנע מוזיק-קלאַנגען באַגלייט“.

„בלעטער פון מײַן אַלבאָם“ איז פּאַקטיש אַ קינסטלערישער בילדער-אַלבאָם מיט דרײַצן געמעלן. אין דער ווירקלעכקייט זענען זיי מסתּמא בלעטער פון אַ טאָגבוך, איך פיל אין זיי קינסטלעריש־געמאָלענע איבערלעבונגען. עס איז אוממעגלעך אַז דאָס זענען נישט קיין לעבעדיקע געשטאַלטן, זיי זענען אַזוי קלאָר, אָנטאַפּבאַר“.

אפרים שרײַערס ביז איצטיקע ווערק: „אירענאַ אײַכלער“, קריי־טישע סטודיע וועגן אַ בינע-קינסטלערין, דערשינען נאָך פאַר דער וועלט-מלחמה, אין 1939; „פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן“ (מינכען, 1958); „אמנות ותיאטרון“ (העברעיש, תל-אביב 1958);

„דיוקן ומסכה״ (תל־אביב 1965). איך האָב אָבער נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט איצט זײַן „בײַ היימישע שוועלן״ (תל־אביב 1976). דער זעלבער קינסטלער וועלכער באַווײַזט אין צוויי־דרײַ זײַטלעך אַרײַנצובריינגען אַ תוכן, לעבן, געשעעניש, פון וועלכן מען קאָן בויען אַ גאַנצן ראָמאַן. זײַנע בילדער פון ישראל, ירושלים, חיפה, צפת — זענען פּאַקטיש מיט פאַרב געמאָלענע בילדער. אויף 172 נישט קיין גרויסע זײַטן האָט אפרים שרײַער באַוויזן אַרײַנצוגעבן 41 „אײַנדרוקן, עסײען, פּראָפילן״. פיל פון זיי פשוט זכרונות, געשריבן אין זײַן קורץ־שאַרפן סטיל. רײַזע־אײַנדרוקן און פּראָפילן וועגן 23 פּערזענלעכקייטן, מיט וועלט־נעמען פון דער ליטעראַטור, קונסט, פּאָליטיק — זענען אין צוויי־דרײַ זײַטלעך אַרויסגעבראַכט קינסטלער, פּערזענלעכקייטן אין פולן פאַרנעם פון זייערע יאָרצענדליקער טעטיקייט. ער איז פול מיט פּיעטעט און ממש ליבע צו זײַנע דירעקטע פּאָליטישע פירער פון לינקע פּ. צ. אָבער נישט וויניקער צו אַנדערע פּאָליטישע פירער, ווי ווייצמאַן, גאָלדע, און אַזאַ טיפּע קענטעניש אין ליטעראַטור און קונסט קאָן דערלויבן דעם מחבר אַרויסצובריינגען אַזוי בולט פיגורן ווי גרעטאַ גאַרבאָ און א.מ. ווײַסנבערג, יוסף בולאָוו און טאָמאַס מאַן, מאיר מרגלית און יוליאַן טוווים א.א.וו.

שרײַער האָט מיטגעאַרבעט נאָך פאַר דער מלחמה אין דער „אַרבעטער צייטונג״ אין וואַרשע. נאָכן צוריקקער פון ראַטנפאַרבאַנד, רעדאַגירט אין דײַטשלאַנד „נײַוועלט״ און „דער מאָרגן״. זינט 1950 אין ישראל, מיטגעאַרבעט אין „נײַוועלט״. „היימיש״, „פאָלקסבלאַט״, „ישראל־שטימע״ און אין אַ גאַנצע ריי העברעיִשע און ייִדישע אויסגאַבעס אין ישראל און אויף דער וועלט. עס ווערט נאָר טרויעריק אויפן האַרץ, וואָס די ספּעציפישע אומשטאַנדן האָבן נישט דערלויבט דעם טאַלאַנטירטן שרײַבער אויף אַזוי פיל געביטן צו האָבן אַ סטאַבילן ליטעראַריש־פּאָליטישן עמוד...

צוריקקערנדיק צו זײַן לעצטן ווערק „בלעטער פון מײַן אַלבאָם״, לייען איך בײַ מײַן פרײַנד שרײַער דעם בריוו פון דיכטער משה

יונגמאַן וועגן דעם בוך. וואָס איז נאָך מעגלעך צוצוגעבן? שרײַבט יונגמאַן:

„אַ שיין בוך אײַערס, וואָס דערקוויקט דאָס האַרץ. אויב מ׳וואָלט קענען זאָגן וועגן אַ בוך, אַז עס האָט אַ באַזונדערן אַראָמאַט, איז דאָס אײַער בוך. אפשר קומט דער אַראָמאַט טאַקע פון די אײדעלע פרויען־געשטאַלטן וואָס איר שילדערט, פרויען אַזוי פּלאַטערנדיקע, אָבער יעדע מיט איר באַזונדערן כּישוף, מיט איר באַזונדערן חן. און אפשר דער אַראָמאַט פון דעם מיליע מיט וועלכן איר העקלט אַרום אײַערע פרויען־געשטאַלטן. אימפּרעסיאָניסטישע מיליע, מיט אַ דינעם פּײַנפילנדיקן פּענדזל פון אַן אַקוואַרעל־מאָלער? אַק־וואַרעלן באַלויכטעט דורך אַ סוף־זומערדיקן, וואַרעם נאָסטאַלגישן ליכט, אַלע אײַערע געשטאַלטן, שוועבנדיקע אילוזאָרישע און דאָך נאָענטע, היימישע, צוגעפּאַסטע צו זייער ראָם צו די פרילינגס־פּאַרנאַכטן, צו די צעבליטע „אַקאַציע־ און בעז־בײַמער". טייל מאָל דערמאָנען זיי מאָנאַשקעס. נו איז וואָס? זענען דאָך די געפילן וואָס זיי רופן אַרויס אויך נישט־וועלטיקע, הייליקע אַזש ס׳ווילט זיך פאַלן פאַר זיי כּורעים".

פּאַסטעל־פאַרבן, אַקוואַרעל־מאָלער — אפרים שרײַער, אַ שרײַבער מיט פאַרבן. און פאַרבן וואָס קריצן זיך אײַן אין די אויגן און אין האַרץ.

„יידישע צייטונג", תל־אביב, „די פּרעסע", בוענאָס איירעס,
„אונזער וואָרט", פּאַריז, 1979.

י. ח. בילעצקי

„עסטעטישע ווערטן“ ניי בוך פון אפרים שרייער

אַן אַלטע מעשׂה און זי האָט אַ שײַכות צו אונדזער ענין: אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל אין רוסלאַנד האָט מען אָנגעהויבן בויען אַן אײַזנבאַן. דער בעל־עגלה פון שטעטל איז געווען פאַרזאָרגט: מ'וועט אים צונעמען די פּרנסה. אָבער ער איז געווען פאַראינטערעסירט מ'זאָל אים געבן צו דערקלערן: ווי פאָרט אַן אײַזנבאַן.

אַ גוטער פרײַנד זײַנער, אַן אינזשינער, האָט אים געפּרווּוט געבן צו פאַרשטיין די געזעצן פון דער אײַזנבאַן: עס איז אַ מאַשין, וואָס האָט אַ קעסל מיט אַ דעקל, מיט אַ שטאַנג, מיט אַ רעדל, מיט אַ גרויס ראָד און מיט נאָך רעדער. הייצט מען דעם קעסל, קאָכט דאָס וואַסער, הייבט זיך דאָס דעקל, באַוועגט זיך דער שטאַנג, דרייט זיך דאָס רעדל, פאַנגט זיך אָן דרייען דאָס גרויסע ראָד מיט די אַנדערע רעדער און עס פאָרט.

אַז די רעדער דרייען זיך מוז מען דאָך פאָרן. דער בעל־עגלה האָט זיך פאַרטראַכט און האָט געזאָגט דעם אינזשינער: אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען, איין זאַך אָבער פאַרשטיי איך נישט: איך וואָלט וועלן וויסן ווו שפּאַנט מען אײַן די פערד...

איך האָב בפירוש הנאה געהאַט פון אפרים שרײַערס עסײַ: „עסטעטישע ווערטן“. הנאה געהאַט דערפאַר, ווײַל דער עסײַ איז געשריבן פון אַ קולטור־מענטש, וואָס עטעמט ליטעראַטור, וועלכער קען די וועגן און שטעגן פון דער יצירה, וואָס פאַרמאָגט אַן אייגענע וועלט, וועלכע שטראָמט אַרויס פון באַאָבאַכטונג, פון אַן ערנסטן רוחניותדיקן באַגאַזש. אָבער איך, שטענדיק ווען איך לייען אַן עסיי וואָס האָט צו טאָן מיטן פּראָצעס פון יצירה, פון די אָדער יענע ווערטן, וועלכע דער שרײַבער דאַרף מיטנעמען מיט זיך אין

זײַן ספר, וועגן טערמינען פון „קונסט״, פּאָפּולאַריטעט פון ליטע־ראַטור, פּסיכאָלאָגיע פון שפּראַך, בלײַבּ איך בײַ דער שאלה פון דעם בעל־עגלה: ווו שפּאַנט מען אײַן די פערד?

ליטעראַטור איז נישט נאָר אַן עסטעטישע דערשײַנונג. זי איז פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט צײַט, מיט פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, מיט קולטור־געשיכטע, מיט סאָציאָלאָגיע, מיט אַלץ וואָס איז אינזיך און אַרומזיך. ליטעראַטור איז סימבאָל און רעאַליטעט, ראָמאַנטיק, דמיון, חלום און נאַטוראַליזם. איר אינהאַלט: חובקת זרועות עולם ואדם...

ווען דער מהר״ל קנעט דעם גולם, נאָך איידער ער ווערט אַ יש, אַ קאָנקרעטער וועזן, זעט שוין לייוויק זײַן געשטאַלט, ער הערט שוין זײַן האַרץ קלאַפּן, זײַן ריטעם.

יצירה איז אַ צאַרט געוועב, אַ פּועל־יוצא פון גײַסטיקן אָנ־שטרענג.

דערפאַר פאַראינטערעסירן אונדז אַזעלכע עסייען נוסח אפרים שרײַער וועלכע פאַרמעסטן זיך ערנסט אַרײַנפירן אונדז אין גרויסן לאַבירינט פון ליטעראַטור, פירן אונדז צו פאַרגלײַכן פון גרויסע שעפערישע קינסטלער, גיבן אַ קול און אַ בת־קול פון לומדים, חכמים, וועלכע האָבן זיך נישט געצאַצקעט מיט לומדישקייט נאָר געלעבט ליטעראַטור בכל רמ״ח ושס״ה.

אפרים שרײַער ברענגט אונדז צו דעם ראָמאַן־שרײַבער, צום נאָוועליסט, צום ליריקער, צום דראַמאַטורג, ווײַזט אונדז זייערע צילן, זייערע קאָנצעפּציעס אין „פּלאַנירן אַ בנין פון סיטואַציעס, קאָנפליקטן און פּערסאָנאַזש און אַנדערע פונקציאָנאַלע אַטריבוטן, איבער וועלכע דער קינסטלער הערשט פרײַ״. דאָס איז דאָס בעסטע וואָס מ׳קען זאָגן וועגן אפרים שרײַערס אַרבעט: דו לערנסט פון דער עסיי. דו קומסט אָן צו דעפיניציעס: וואָס איז ליד? וואָס איז דערציילונג? וואָס איז נאָוועלע?. און אויב אַפילו דו ביסט נישט מסכים מיט דער אָדער יענער דעפיניציע, לערנסטו אַ קאַפּיטל פון מעמקים, פון גײַסטיקע טיפקייטן ,פון קלאָרע און זויבערע וואַסערן

אין וועלכע עס שפּיגלען זיך קינסטלער. אין אַזאַ עסיי איז דאָ דאָס וואָס מיר רופן „פאַרבאַהאַלטענע תּפארת״.

ווען איך וואָלט דאַרפן געבן אַ נאָמען אפרים שרײַערס עסיי, וואָלט איך אים באַטיטלט מיטן נאָמען: „די יסורים פון וואָרט״ — „דיכטונג מוז האָבן אַ בריק צום צווייטנס נשמה״.

נישט נאָר דיכטונג. נישט נאָר די דערציילונג אָדער די נאָוועלע אָדער דער ראָמאַן, „כל הספרות היא גשר צר מאד״, און אָן דעם שמאָלן בריקל, וואָס פאַרבינדט מענטש מיט מענטש, פאָלק מיט פאָלק, עדה מיט עדה, ענטפערט נישט די ריטמיק, נישט דער אינ־האַלט, אַלץ ווערט מוטנע און חושכדיק ווען דאָס וואָרט בויט נישט קיין בריק צום מענטש. דאָס וואָרט פּאַטשט ווי פליגל אין די ווינטן. דאָס וואָרט איז יעקבס לייטער: אַרויף, אַראָפּ, אָבער אָן הימל און אָן ערד און אַ בריק צווישן זיי איז נישטאָ דער גרויסער חלום.

אפרים שרײַערס פּרוּוו צו פירן אונדז אין דעם לאַבירינט ליטע־ראַטור דאַרף ווערן אָפּגעשאַצט. מיר באַגעגענען אין דעם עסיי אַלטע אמתן, און גוט וואָס אפרים שרײַער פאַרמעסט זיך נישט צו זײַן אַ פּוסק. נישטאָ קיין פּסיקה אין דעם לאַבירינט.

איך האָב דורכגעלייענט די צוויי גרויסע בענדער פון יזהר סמילאַנסקי, וועלכע פירן אונדז צו אַלע דעפיניציעס, צו אַלע מחשבה־קאַטעגאָריעס, צו אַלע סיטואַציעס און איבערלעבונגען און איך בין געבליבן בײַ דער שאלה פון בעל־עגלה: ווו שפּאַנט מען דאָ אײַן די פערד. עס איז דאָ די שטאַנג, אַ קליין רעדל ,אַ גרויס ראָד, אַ קעסל קאָכט דאָס וואַסער, עס באַוועגט זיך דער שטאַנג, עס הייבט זיך דאָס דעקל און דער בעל־עגלה איז בפירוש גערעכט. זײַן שאלה איז אַ שאלה.

„דאָס אַרויסגעזאָגטע וואָרט איז שעמעוודיק און דאָס שווײַגן איז די פּראַכטפולע בלום״ — האָט געזאָגט היינריך היינע. אויך אין שווײַגן איז דאָ יסורים פון וואָרט. אויך אין שווײַגן שטעקט יצירה. עד היום האָט נאָך קיינער נישט דעפינירט וואָס איז ליד? איז עס „די קונסט פון וואָרט״, און אפשר די פעיקייט אַרויסוויברירן

פון יעדן צאַפּל שטיקער נשמה און האַרץ? אפשר אַרויסצובויערן אַ חלום; אָדער אפשר פאַרחלומען די רעאַלע וועלט, אפשר באַדײַט דיכטונג לעבעדיק מאַכן טויטע זאַכן. אפשר פאַרקערט: זען לעבן און פיבער אויך אין פאַרגליווערונג, אין טויט? אפשר באַדייט דיכטונג: פשוט, קאַפּירן גאָטס וועלט, אָדער אפשר זי שענער מאַכן. אפשר באַדייט ליד: רופן צו קאַמף, צו בונט? הונדערטער דעפיניציעס פאַר ליד, הונדערטער דעפיניציעס פאַר דערציילונג, נאָוועלע, ראָמאַן. ווען מיר לייענען אַזעלכע עסייען ווערן מיר באַרײַכערט. מיר געפינען זיך פּלוצלינג אין שכנות מיט גרויסע מײַסטער. מיר טרעפן זיך מיט וואָרט, מיט האַרץ, מיט דמיון.

און אַלט וואָרט: „קחו עמכם דברים". נעמט מיט מיט אײַך אייערע דיבורים, זיי זאָלן מיט אײַך מיטגיין. אפרים שרײַערס עסיי: עסטעטישע ווערטן" איז בחזקת: „קחו עמכם דברים". נעמט מיט מיט אײַך נאָך אַ קאַפּיטל, און אינטערעסאַנט קאַפּיטל פון עסטעטישע ווערטן אין דער ליטעראַטור.

„לעצטע נײַעס"

עקיבא פישבין

אַ וואָרט וועגן אפרים שרײַערס „עסטעטישע ווערטן"

אפרים שרײַער האָט אין דער האַנט אַ פּעדער, איז זי גע־בענטשט מיט אַ פּילזײַטיקן טאַלאַנט. ער איז אַ טעמפּעראַמענט־פולער זשורנאַליסט, מיט אַ שאַרפן סטיל, און יעדעס וואָרט זײַנס טרעפט גלײַך אין פּינטל אַרײַן. ווען איר לייענט זײַנס אַ מאמר,

פילט איר אַז דאָס וואָס ליגט אויפֿן האַרץ ,איז די דאגה פֿאַרן גורל פֿון מענטש, די דאגה פֿאַרן כּבוד פֿון יעדן בן־אדם, אָן אונ־טערשיד פֿון אומה ואמונה. שרײַער איז בלב ונפש פֿאַרקניפּט מיטן יידיש־הומאַניסטישן ואהבת לרעך כּמוך, ווי אין פּסוק שטייט. דער־פֿאַר האַלט ער שטאַרק פֿון דרך־ארץ פֿאַרן צווײַטנס געוויסן.

ווי וווּיל קעמפּעריש א. שרײַער איז אין זײַן פּובליציסטיק ,אַזוי צאַרט און ליריש איז ער להיפּוך אין זײַנע בעלעטריסטישע דער־ציילונגען. ער נעמט אַרום זײַנע געשילדערטע געשטאַלטן מיט אַ ווייכן בליק, גלײַך ווי ער וואָלט זיך אויף זײַ מרחם געווען. בדרך כּלל זענען דאָס מענטשן, וואָס טרעטן מיט שטילע טריט. פֿון זײַנע דערציילונגען טראָגט זיך אַ דופּטיקער ריח פֿון דינער פּאָעזיע, אָנ־געלאָדן מיט לירישער ראָמאַנטיק.

שרײַער איז אויך אַ ניכטערער אָבסערוואַטאָר פֿון דער הײַנט־צײַטיקער יידישער ליטעראַטור־שאַפֿונג. און ווען ער נעמט אַ וואָרט, איז ער גרונטיק, תּוכיק און דער עיקר — ערלעך. ועל כּולם, איז שרײַער אַן אויסגעצייכנטער קענער פֿון אייראָפּעיִשער קונסט און ליטעראַטור, אַ בקי אין דער מאָדערנער טעאַטער־שאַפֿונג, אַ פּוסק אין דער וויסנשאַפֿט פֿון עסטעטיק. ער האָט אויף די געביטן מחבר געווען וויכטיקע אַרבעטן. אַ גאַר וויכטיקע אַרבעט איז די נישט לאַנג דערשינענע שטודיע זײַנע א.ד.ט. „עסטעטישע ווערטן". דאָס איז אַ ברייטער איבערבליק און אַ טיפֿער אַרײַנבליק אין די עלע־מענטן פֿון קינסטלערישן אויסדרוק.

אין די שפּראַכן פֿון די אומות העולם, וואָס האָבן אַ וואָרט געהאַט צו זאָגן אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער וועלט־קולטור, גע־פֿינט מען געוויינלעך אַ ברייטע ליטעראַטור וועגן עסטעטיק. ליידער, אין אונדזער מאַמע־לשון, אַפֿילו אין די גוטע צײַטן, ווען מיר זענען געשטאַנען אין די פֿעדערן, האָט מען זיך צו דעם פּראָבלעם צוגערירט בלויז אגב־אורחאדיק. א. שרײַער האָט איצט אונטער־געטראָגן דעם יידישן וואָרט אַ שיינע מתּנה — אַ ביז גאָר וויכטיק ספֿרל. טאַקע נישט מער, ווי אַריבער הונדערט זײַטן, אָבער תּוכיק

אָנגעלאָדן, קאָנדענסירט און געפּרעסט ,מיט מחשבה אָנגעפּיקעוועט, ווי די דיקסטע טראַקטאַטן. שרײַערס בוך דאַרף מען לייענען און אַרײַנלייענען זיך דעריִן, מען דאַרף עס לייענען מיט קאָפּ. און דערצו מיט קליינע שלונגען, ווײַל די קאָנדענסירטע געפּרעסטקייט טוט טייל מאָל פאַרשיכּורן.

מיט אימפּעט לאָזט זיך שרײַער אַרײַן אינעם פאַרטונקלטן געדיכטן וואַלד פון עסטעטישע פּראָבלעמען און ברענגט אַרײַן אין זיי אַ שפּאַר ביסל ליכט. ווי אַ געניטער קענער פון יעדן בוים קוקט ער אַרײַן אין די וואָרצלען, באַטראַכט דעם שטאַם, גיט אַ טרייסל מיט די צווײַגן און, נישט דורכלאָזנדיק קיין בלעטעלע, דערגייט ער ביז צו דער קרוין — צום קאָמפּליצירטן סוד פון דער יצירה.

דער קאָנסומענט פון ליטעראַטור און קונסט וועט אין שרײַערס בוך אָפּגעפינען אַ מדריך, וואָס וועט אים עפענען די אויגן, אים מאַכן קוקן און העלפן אים זען. אַיי, וואָלטן זיך פּאַסמאַקעוועט מיט שרײַערס וויכטיקער אויסגאַבע די ריזיקע מאַסן יונגע ייִדן, די דורשטיקע נאָך ליכט און וויסן, פון די אַמאָליקע שטעט און שטעטלער פון מזרח־אייראָפּע; זיי וואָלטן די פינגער געלעקט פון יעדן בלעטל.

שרײַער, דער מענטש פון טאָלעראַנץ, לערנט דעם לייענער זײַנעם דרך־ארץ און פאַרשטענדעניש פאַר יעדער קינסטלערישער שיטה. ער קלערט אים אויף, אַז „די קריסטאַליזאַציע פון פאָרמען און סטילן איז דורכאויס דיאַלעקטיש צום כאַראַקטער פון דער תקופה".

אָוודאי, דער באַגריף פון „שיין" איז נישט קיין חוק מהר סיני, באַשטימט איין מאָל פאַר אַלע מאָל. דער מענטש און זײַן סביבה איז נישט קיין שטייענדיק וואַסער. איז במילא, מוז אויך דעם מענטשנס געשמאַק זיך ענדערן. דער קינסטלער, וועמען די נאַטור האָט „באַשאָנקען און פּריווילעגירט מיט חושים און דימענסיע־שפּירונגען, וועלכע שפּרײַזן ווײַט אַריבער אין זייער פונקציע דאָס

ראַציאָנעלע אינעם מענטש״, זוכט אַלץ נײַע אויסדרוק־מיטלען, און נישט אַלע מאָל זענען זיי דווקא ריין שׂכלדיקע. דער באַגער צו נײַע פֿאָרמען פֿון קינסטלערישן אויסדרוק איז דעם קינסטלערס פּריווילעגיע. דאָס איז זײַן אומאָפּפֿרעגלעך רעכט, און דאָ גייט גאָרנישט אָפּצודינגען. דער נאָוואָטאָרישער אויסדרוק אַנטשפּרעכט דער דינאַמיק פֿון דער מענטשלעכע סביבה.

א. שרײַער, וואָס פֿאַרשטייט די אין־ברירהדיקע אַנטוויקלונג פֿון מענטשלעכן געשמאַק, האָט נישט בדעה צו צוימען דעם קינסטלערס שאַפֿונגס־פֿרײַהײַט. ער איז מסכּים מיט אַלע נאָוואַ־טאָרישע געננג אין דער קונסט. ער האָט נאָר בלויז איין־איינציקע רעקאָמענדאַציע פֿאַרן קינסטלער: „מיטן דמיון גרייכן צו די הימל־הייכן און מיטן קלאָרן וואָרט — צום מענטש״. הכּלל, אַלץ אין דער וועלט, אָבער נאָר נישט חלילה פֿאַרגעסן אינעם מענטש!

די זאָרג פֿאַרן מענטש, די־אָ הומאַניסטישע נטיה, באַוועגט די גאַנצע שריפֿטשטעלערישע טעטיקייט פֿון אפֿרים שרײַער. זי קומט צום אויסדרוק אין זײַנע פּובליציסטישע מאמרים, אין זײַן קינסטלע־רישער פּראָזע, אין די קריטישע אָפּהאַנדלונגען און אין זײַנע פֿאָרש־אַרבעטן, שרײַער ווייסט, אַז דער מאָדערנער טעאַטער פֿון אַבסורד, אַז דער אַוואַנגאַרד־אויסדרוק פֿון דער איצטיקער קונסט זענען סימנים פֿון אונדזער סביבה, וואָס איז געוואָרן אַ געזעלשאַפֿט פֿון פֿולן אַבסורד. איז ער אַליין אויך טאַקע נישט קיין חסיד פֿון אונדזער וועלטל. ער איז אָבער נישט גרייט אויסצוגיסן דאָס שעפֿל וואַסער צוזאַמען מיטן קינד... אַרײַנפֿאַלן אין אַ דעפּרעסיוון פּעסימיזם — דאָס, בשום אופֿן נישט! ער וועט מיטהאַלטן ענדער מיט יענעם העלד פֿון שעקספּירס אַ טראַגעדיע, וואָס דערקלערט: „מײַן פֿאַרצווייפֿלונג טוט מיצר זיין אַ לעבן, אַ בעסערס״ (אַנטאָניוס און קלעאָפּאַטראַ 2,5).

אפֿרים שרײַער פֿאַרענדיקט זײַן בוך מיט אַ ציטאַטע פֿון דעם גרויסן נאָוואַטאָר פֿון אונדזער יאָרהונדערט, דעם מאָלער קאַנדינסקי. זײַנע ווערטער הילכן אויס ווי אַ מעסאַזש. „קונסט, וואָס טראָגט

נישט אין זיך קיין פּאָטענצן פון דאָס צוקונפטיקע, איז טאַקע דאָס קינד פון דער צײַט, אָבער נישט די מוטער פון דער צוקונפט. אַזאַ קונסט איז פון קורצער דויער".

אָט דאָס איז, אין דער אונטערשטער שורה, דער קרעדאָ פון אפרים שרײַער, דעם עסטעט.

„אונזער וועג", פּאַריז, 1986

„פאָלקס־שטימע", וואַרשע, 1986

פּנחס ערליך

אפרים שרײַערס „עסטעטישע ווערטן"

לייענענדיק מיט פאַרטיפונג דאָס בוך „עסטעטישע ווערטן" פון אפרים שרײַער, האָב איך גלײַך דערפילט, אַז דאָס איז אַ יחידיש אויסגעשפּראָכן בוך, אַ בוך אין וועלכן איך האָב געפונען אַ גײַסטיק טיפע באַלאַנסירטע וועלט פון אַ העכערן מעמד. דער מחבר, אפרים שרײַער, אַ געצײַטיקטע שרײַבער־פערזענלעכקייט „נעמט" דיך מיט זײַן איבערצײַגנדיקן וואָרט און מיט זײַן אייגנטימלעכער שפּראַך, וואָס רעגט, רײַסט דיך מיט, דערוועקט אַ גײַסטיקן דורשט און פאַרלאַנג צו לייענען און לייענען, וואָס טיפער, וואָס ווײַטער, בכדי צו געפינען דעם ענטפער אויף דעם סוד און עצם מהות פון קונסט און עסטעטיק...

הגם, אפרים שרײַער איז נישט דער ערשטער און אַוודאי נישט דער איינציקער אין דער יִדיש־וועלט, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט

דער דאָזיקער טיפער טעמאַטיק. שוין מיט יאָרן פריער, האָבן לייבוש לערער, א. אלמי און אַנדערע זיך פאַרטיפט אין דער פּראָבלעמאַטיק פון קונסט און עסטעטיק. אין זייערע ווערק, ל. לערער: „אַזוי זענען מענטשן", „די פּסיכאָלאָגיע פון ליטעראַטור", „מענטש און אידייע", „פּסיכאָלאָגיע און דערציִונג", און אַזוי א. אלמי „אין גערהאַנגל פון אידייען", „די צווייטע עקזיסטענץ" און נאָך אַנדערע שרײַבער און דענקער, איז אָבער שרײַערס „עסטעטישע ווערטן" נײַ, מיט נײַע אַנטפּלעקונגען פון אַ כּמעט פאַרשלאָסענעם און נישט גענוג באַקאַנטן אוצר פון פּסיכאָלאָגיע עסטעטישע ווערטן, תּוך און פאָרעם, רעאַליטעט און פיקציע, סטרוקטור פון אַ ווערק, ציַיט און ריטעם, סימבאָלן אין דער קונסט, פּראָפיל און קלימאַט פון וואָרט, שורש פון פאָלקלאָר, השפּעות און פּלאַגיאַט, טיפּ און דראַמע, קריטיק, קאַפּיטלען אין שרײַערס בוך, וואָס דרינגען אַרײַן אין דער מענטשלעכער נשמה, און וואָס זענען אָבער נישט אַזוי לײַכט צום פאַרשטיין פאַר אַ דורכשניטלעכן לייענער, סײַדן ער וועט געדולדיק און מיט אַ טיפן אינטערעס פּרובירן פאַנאַנדערפּענען און צעגלידערן די „געהיימע אוצרות", וואָס זענען, ווי געזאָגט, נישט אַזוי לײַכט אין זייער טעמאַטיק, האָט אָבער א. שרײַערן מיט זײַן לייכטער פּעדער און פּשוטן וואָרט זיך אײַנגעגעבן אַרײַנצוציען אויך דעם געוויינלעכן לייענער, און אים מאַכן פילן, אַז דאָס רעדט מען צו אים טאַקע מיט באַקאַנטע און פאַרשטענדלעכע ווערטער וועגן מענטשלעכן גײַסטיקן און פּסיכישן לעבן...

פאַראַן אַן אומגעהויער גרויסע ליטעראַטור, שרײַבט שרײַער אין ערשטן קאַפּיטל פון בוך, וואָס באַשעפטיקט זיך מיטן פאָרשן די פּראָבלעמען פאַרבונדענע מיטן עצם מהות פון קונסט און עסטעטיק. דאָס הייסט, אַז דער מחבר באַשטעטיקט אַליין, אַז אַזאַ ליטעראַטור איז פאַראַן. נאָר, „דאָך בלײַבן נאָך אַלץ נישט פאַרענטפערט אַ רייַ קאָמפּליצירטע פראַגעס אין שײַכות צום פענאָמען קונסט, דאָס דערלויבט ממשיך צו זײַן באַטראַכטונגען און מחשבות"... און דאָס טוט טאַקע דער מחבר. ער פּרוווט פאַרענטפערן און צעגלידערן

די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען אויף דעם מעגלעך לײַכטסטן אופן. „עס קען זיך שאַפן דער אײַנדרוק, אַז דער באַגריף עסטעטיק, איז דאָס זעלבע, וואָס אין דער פּאָפּולערער שפּראַך ווערט באַטראַכט ווי „שיין". ברענגט דער מחבר אַזאַ קלאָרן און פּשוטן בײַשפּיל: די עסטעטישע קאַטעגאָריע פאַרמאָגט אַן אַנדערן זין ווי דער אָנגענומענער באַגריף „שיין". מ'קען למשל, אויסמאָלן אַ בילד פון אַ שיינער פרוי, אָדער אַ בוקעט בלומען, און עס זאָל זיך באַקומען אַ נישט קינסטלעריש „שיין" בילד, און פאַרקערט, מ'קען מאָלן אַ צעקרימט פּנים פון אַ זקן אָדער אַ זקנה, אַ בינטל ציבעלעס, אָדער גאָר אַ קופּע מיסט און עס זאָל זיך באַקומען אַ קינסטלעריש געלונגענע שאַפונג — עסטעטישע שיינקייט".

ל. לערער, אין קאַפּיטל „די עסטיטישע עמאָציעס" שרײַבט: ...לאָמיר נעמען די פּשוטסטע עסטעטישע דערשײַנונגען: געוויסע קאָלירן אַפּעלירן מער, אַנדערע — ווייניקער. אַ צירקל איז תמיד שענער פון אַ פּירעק. עס איז אַ גרעסער פאַרגעניגן צו קוקן אויף אַ גלײַכער ליניע, איידער אויף אַ צעבראָכענער. דאָ האָבן מיר עסטעטישע דערשײַנונגען פאַר עקסעלאַנס, און אַזעלכע עסטעטישע מאָמענטן וואָלט מען אייגנטלעך געקענט אויסרעכענען פאַר יעדן חוש. פאַרפום למשל, איז אַ עסטעטישער פאַרגעניגן פאַרן חוש הריח, זיסע זאַכן פאַרן חוש הטעם, סאַמעט אָדער פוטער פאַרן חוש המישוש. און פאַרשיידן, פירט אויך אויס שרײַער, זענען געווען די עסטעטישע ווערטן בײַ די נאַטוראַליסטן, רעאַליסטן, אימפּרעסיאָניסטן, סימבאָליקערס, מיסטיקערס, ליריקערס אין דער ליטעראַטור ווי אין דער מאָלערײַ, נאָך פאַרשיידענער בײַ קוביסטן, פוטוריסטן און דאַדאַיסטן... מיט דעם אויבן געזאָגטן פּרוּוו איך פאַרצייכענען, בלויז אַ לייכטע אַנאַלאָגיע צווישן די צוויי דענקערס, ל. לערער און א. שרײַער, אים צו לאַנגע יאָר...

„תּוך און פאָרעם", ווידער נישט קיין לײַכטע טעמע, באַנוצט אָבער שרײַער אַזאַ לײַכט מוזיקאַליש לשון, ווי... „איז צו זען, אַז אינהאַלט איז דער שיר השירים, וואָס באַפּליגלט די טורעמשפּיצן

פון מאַיעסטעטישן גאָטיק, ס׳איז דער געמורמל פון תּפילה־קלאַנגען פון אַ ניגון, דאָס זענען אימאַזשן פון פּאָעטישן צויבער, אינהאַלט מיינט געבן אַן אויסדרוק דעם שפּראַכלעכן אומרו... אינהאַלט איז אַקטיווע אַריינמישונג אינעם קידער־ווידער פון מענטשלעכן בבל־טורעם". דער מחבר ברענגט דערביי מיינונגען וועגן „תּוך און פאָרעם" פון אַזעלכע פילאָזאָפן־דענקערס ווי: העגעל, הערבערט, שילער, פישער, א.א. רעזומירנדיק, אַז די קריסטאַליזאַציע פון פאָרמען און סטילן איז דורכויס דיאַלעקטיש געבונדן צום כאַראַקטער פון דער תּקופה. מיט אַנדערע ווערטער: די שפּראַך פון קינסטלער — איז די שפּראַך פון צייט. די תּקופה אַנטפּלעקט זיך אין און דורך דער פאָרעם.

דאָס לעצטע קאַפּיטל אין בוך „עסטעטישע ווערטן" אין וועלכן דער באַהאַוונטער מחבר דעקט אויף און איז קלאָר מפרש די רזי־דרזין פון אַלערליי קונסט־פאָרמען, איז — „קריטיק". יעדער פּשוטער בר־דעת, זאָג איך, ווייסט, אַז מ׳קען נישט פאַררעכענען פאַר קיין עם־הארצות, ווען אַפילו אַ יודע־ספר, אַן אינטעליגענטער לייענער באַזיצט נישט דעם א״ב אין דער טעכניק, אָדער אין די טעאָריטישע אַבסטראַקציעס פון די קונסטן. מיר ווייסן אָבער, אַז אַ דאַנק דער קריטיק זענען שרייבערס און קינסטלערס געוואָרן סימבאָל־פיגורן פון הויכער קולטור און חשיבות אַזוי ביי ייִדן און אַזוי ביי נישט־ייִדן. די קריטיק האָט זיי אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט, זי האָט אָנגעוויזן אויף זייער פאָלקס־דערציערישער פונקציע, זי האָט געשאַפן אַ מין יורה־דעה און אַ פילאָזאָפיע פאַר זייער שאַפן. אָן דער קריטיק וואָלטן די היינטיקע פּרינצן פון דער ליטעראַטור און קונסט פאַרבליבן שטאָטלאָזע טרובאַדורן און אומבאַקאַנטע פיגורן...

קומט אפרים שרייער און שטעלט פעסט, אַז „דער טעות פון שרייבער און אַנדערע קינסטלערס באַשטייט אין דעם, וואָס זיי איז שווער משלים צו זיין מיטן געדאַנק, אַז דערזען שאַטנזייטן אין אַ שאַפונג, ווי שטרענג די קריטיק זאָל נישט זיין, קען נאָר געזאָגט ווערן וועגן גוטע שאַפונגען... — דער קריטיקער וויל נאָר אַרויס־

רײַסן דאָס נישט פֿולקאָמע, דאָס נישט רײַפֿע אינעם אוצר פֿון די קינסטלערישע ווערטן, ער וויל לויט זײַן אײַנזען באַפֿרײַען דעם קינסטלערישן שאַפֿונגסגאַנג פֿון אומנוויטיקע אומוועגן, באַלאַסטן רוי־אַנוווקס״...

עס איז אַוודאי נישט קיין וווּנדער, וואָס אפרים שרײַער ווידמעט זיך הויפּטזעכלעך אַזעלכע ווערטן, ווי: „אירענאַ אײַכלער, קריטישע סטודיע״ 1939, „פּראָבלעמען פֿון קינסטלערישן שאַפֿן״, מינכען 1948, „אמנות ותיאטרון״ תל־אביב 1958, „דיוקן ומסכה״ תל־אביב 1965, און אַנדערע ענלעכע טעמעס און ווערק, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנט־לעכט, איז ער דאָך פֿון זײַן פֿריעסטער יוגנט אָן געווען פֿאַרבונדן מיט מאָלערײַ, אייניקע מאָל אויך אָנטייל גענומען אין קאָלעקטיווע בילדער־אויסשטעלונגען, און שפּעטער געלערנט ייִדישע פֿאָלקס־קונסט, און אַלע יאָרן זיך לײַדנשאַפֿטלעך אָפּגעגעבן דער טעאַטער־קונסט. אָט די שײַכותן פֿון מחבר, זײַן טיפֿער באַוווּסטזײַן אין דער לשמה־זאַך. האָבן אים געוויס געשטויסן צו ווערן שאַפֿעריש און געווירקט, אַז יעדער מאָמענט אין זײַן לעבן זאָל ווערן איין גרויסער אַלץ אַרומנעמענדיקער פּראָצעס פֿון לערנען און גריבלען זיך אין די אויבן דערמאָנטע עסטעטישע ווערטן. אָט די עמאָציאָנעל־גײַסטי־קע טרײַבקראַפֿט, וואָס האָט געקוועלט פֿון אינעווייניק פּלוס זײַן באַוווּסטזיניקע באַמיִונג און ראַפֿינירטער חוש פֿון אַ קינסטלער האָבן געגעבן אָנגעצייכנט די ליניעס פֿון מחבר פֿאַר זײַן אויסגערײַפֿטער מדרגה פֿון דעם אַרט געלונגענעם שאַפֿן...

עס דאַרף דאָ באַזונדערס אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז א. שרײַער מיט זײַן לײַכטער האַנט און שפּע פֿון שטאָף און שפּראַך, וואָס צייכנט זיך אויס מיט טיפֿן וויסן און עקזאַקטן אויסדרוק, האָט דעם ספר „עסטעטישע ווערטן״ הגם געשריבן מיט אַקאַדעמישער גרונטלעכקייט, געמאַכט באַדייטנד צוגענגלעך פֿאַרן ייִדיש־לייענער...

„לעצטע נײַעס״

דר. אליהו שולמאַן / ניו יאָרק

שמועסן וועגן ליטעראַטור

אפרים שרײַער איז אַ ייִדישער שרײַבער וואָס לעבט און שאַפט אין ישראל, ווו ער האָט זיך באַזעצט אין 1950. ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן אין די דרײַסיקער יאָרן און ערב דער מלחמה איז אַרויס זײַן מאָנאָגראַפיע וועגן דער פּוילישער אַקטריסע אירענאַ אײַכלער־(וואַרשע, 1939), וועמען, אגב, ער ווידמעט זײַן נײַעסטן בוך. די מלחמה־יאָרן האָט ער איבערגעלעבט אין רוסלאַנד. נאָך דער מלחמה האָט ער אין מינכען אַרויסגעגעבן אַ שטודיע „פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן" (1948) און זינט ער איז אין ישראל האָט ער אַרויסגעגעבן נאָך אַ צאָל ביכער. חוץ דעם באַטייליקט ער זיך אין דער דאָרטיקער ייִדישער פּרעסע. אַזוי אַרום איז ער אַ פּראָדוקטיווער ייִדישער שרײַבער, וואָס איז, צום באַדויערן, ווייניק באַקאַנט בײַ אונדז.

לעצטנס איז אַרויס זײַנער אַ נײַער בוך „עסטעטישע ווערטן" (ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב 1985, 104 זײַטן). אין אוריאל ווײַנרײַכס ווערטערבוך ווערט דאָס ענגלישע וואָרט „עסטהעטיקס" פאַרטײַטשט אויף ייִדיש **עסטעטיק**. אין נחום סטוטשקאָווס „אוצר פון דער ייִדישער שפּראַך" איז דאָס וואָרט „עסטעטיק" אינגאַנצן ניטאָ — עס איז דאָ דאָס וואָרט „עסטעטט" — און עס ווערן געגעבן די ווערטער „ראַפינירטקייט" געשליפנקייט, געשמאַק, גוסט, חוש, קונסט־ליבהאָבער און קונסט־פאַרשטאַנד. גראַד אין דעם אַלטן ענגליש־ייִדישן ווערטערבוך איז דאָ אַ גאַנץ גוטע דעפיניציע: „די וויסנשאַפט וועגן געשמאַק און שיינקייט".

אפרים שרײַערס בוך איז אָבער ניט קיין וויסנשאַפטלעכע שטודיע וועגן געשמאַק און שיינקייט נײַערט עס באַשטייט פון „שמועסן

וועגן שיינקייט, קונסט און ליטעראַטור". ער שמועסט אויף אַ גע־מיטלעכן אופן וועגן די אַלע פּראָבלעמען וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דעם פאַרנעם פון עסטעטיק. אַזוי שמועסט ער וועגן שיינקייט — און ער פּרובירט אָנווײַזן אַז די „באַצייכענונגען שיין אינעם פּאָפּולערן און עסטעטישן קינסטלערישן זין זײַנען ניט דאָס זעלביקע. מען קאָן, זאָגט ער, שאַפן אַ בילד פון אַ שיינער פרוי און עס זאָל זיך באַקומען אַ „ניט קינסטלעריש בילד" און מען קאָן מאָלן אַ בילד פון אַ קופּע מיסט — און עס זאָל זײַן אַ „געלונגענע שאַפונג — עסטעטישע שיינקייט". ער שמועסט אַרום דעם דאָזיקן ענין און ער ציטירט אַ צאָל שרײַבער וואָס העלפן דערקלערן דעם ענין. שרײַער ווײַזט אָן ריכטיק אַז די עסטעטישע ווערטן זײַנען ניט אומעטום די זעלבע — אַז זיי זײַנען אַנדערש בײַ די רוסן און איטאַליענער אָדער שפּאַניער — בײַ די נאַטוראַליסטן און בײַ די רעאַליסטן, אימפּרעסיאָניסטן אָדער סימבאָליסטן, און אַז די עסטעטישע ווערטן זײַנען אַנדערש אין די פאַרשיידענע תּקופֿות. ער ציטירט אַ טעאָרעטיקער פון קונסט, בראָדער קריסטיאַנזען, וואָס דערקלערט אַז „יעדער פאָלק און יעדער דור באַשאַפט זײַנע אייגענע שיינקייט־אידעאַלן". חוץ דעם ווערן ליטעראַרישע ווערטן אָפט רע־ווידירט, און לידער און בעלעטריסטיק וואָס זײַנען געווען באַרימט אין אַ געוויסער צײַט, ווערן אין אַן אַנדער תּקופֿה אַנדערש באַ־האַנדלט. עס זײַנען דאָ קריטיקער וואָס מאַכן אָפט טעותים און דריקן אויס אָפט מיינונגען וואָס זײַנען להיפּוך די מיינונגען פון די מערסטע קריטיקער און דעם עולם. אַזוי, למשל, האָט טאָלסטאָי ניט געהאַלטן פון שעקספּירן. שרײַער פרעגט אויך צי עס איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישן די עטישע ווערטן פון אַ קינסטלער — מיט זײַן פּערזענלעכער נאַטור. ער ענטפערט אַז עס זײַנען פאַראַן באַווײַזן פאַר און קעגן. אין אונדזער יידישע ליטעראַטור זײַנען געווען גרויסע שרײַבער וואָס האָבן געשאַפן גרויסע קינסטלע־רישע ווערק און אין פּריוואַטן לעבן זײַנען זיי געווען קליינלעך.

אין אַ וויכטיקן קאַפּיטל באַהאַנדלט דער מחבר אינהאַלט און

פֿאָרעם. ער ציטירט מיינונגען פֿון פֿאַרשיידענע שרײַבער און ער קומט צו דער מסקנא אַז „פֿאָרעם איז דער עצם אינהאַלט פֿון ווערק". אין אַן אַנדער קאַפּיטל דעפֿינירט ער די פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון ליטעראַטור.

אַזוי באַהאַנדלט ער און ער דעפֿינירט דעם טערמין „רעאַליזם". אין די פֿאַרשיידענע שולן פֿון רעאַליזם — ווי דעם פּסיכאָלאָגישן רעאַליזם פֿון פֿ. דאָסטאָיעווסקי, דעם ראָמאַנטישן רעאַליזם פֿון מאַק־סים גאָרקין און שלום אַשן — וואָס האָבן ווי דער מחבר דערקלערט: „אין העלע פֿאַרבן אַרויסגעהויבן דעם עמאָציאָנעלן פּאַטאָס, דאָס לירישע, די עקזאַלטאַציע און העראָיִק פֿון העלד און זײַן סביבה". שרײַער שרײַבט אַז נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע איז אַנטשטאַנען דער באַגריף „סאָציאַליסטישער רעאַליזם" — וואָס איז ווי ער דער־קלערט: „אַ טענדענץ צו ווײַזן רעאַליטעט אין אַספּעקט פֿון דיאַ־לעקטישער אַנטוויקלונג. די געענדערטע סטרוקטור־אײַנגאָרטן אינעם געזעלשאַפֿטלעכן איבערבוי". דער באַגריף **סאָציאַליסטישער רעאַליזם** איז ניט אַנטשטאַנען נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. די אמתע רוסישע פֿאָלקס־רעוואָלוציע איז פֿאָרגעקומען אין פֿעברואַר 1917. אַכט חדשים שפּעטער האָבן די באָלשעוויקעס מיט גוואַלד פֿאַרכאַפּט די מאַכט און די טעאָריע פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם איז באַשאַפֿן געוואָרן ערשט שפּעטער, אין 1934. עס קאָן זײַן אַז אפֿרים שרײַערס רעפֿיניציע איז אַ ריכטיקע אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז די דאָ־זיקע טעאָריע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאַרטיי־קאָנטראָל פֿון דער ליטעראַטור ווו אַלע שרײַבער האָבן געדאַרפֿט שרײַבן לויט דער פּאַרטיי־ליניע און קאָנטראָל פֿון שרײַבער־קאָמיסאַרן.

א. שרײַער נעמט אויף די גאָר וויכטיקע פֿראַגע — צי איז אַ קינסטלערישע שאַפֿונג אַן אויסדרוק פֿון באַשטימטע איבערלעבונ־גען פֿון מחבר — אָדער קאָן זי זײַן אַן אויסגעטראַכטע זאַך? דער שרײַבער קאָן שאַפֿן אַ ווערק וואָס זאָל זײַן אַ פֿאַנטאַזיע — אָבער די פֿאַנטאַזיע דאַרף, טאַקע ווי עס שרײַבט דער מחבר — וואָרצלען אין דער רעאַליטעט פֿון לעבן. דער מחבר באַהאַנדלט בקיצור אָבער

מיט פֿאַרשטענדעניש די פּראָבלעם פֿון פֿאַרטראַכטן ביז שאַפֿן דאָס ווערק. אינטערעסאַנט איז די באַהאַנדלונג ווי אַזוי דער קינסטלער לעבט איבער עמאָציאָנעל די געשעענישן וואָס ער שילדערט און ווי אַזוי דאָס ווערק ווערט אויפֿגעבויט. איך מיין אַז שרײַבער איז גערעכט ווען ער זאָגט אַז דער געבורט פֿון אַ ראָמאַן, אַ פּאָעמע אָדער דראַמע פֿאַרמאָגט „זײַן סוד וואָס דרעמלט פֿאַרבאָרגן אינעם אונטערבאַוווּסטזײַן פֿון שרײַבער".

אין בוך ווערן באַהאַנדלט נאָך פֿאַרשיידנאַרטיקע פּראָבלעמען וואָס האָבן אַ שײַכות צו ליטעראַטור און קונסט. צווישן אַנדערע איז דאָ אַ קאַפּיטל וועגן קריטיק — ער מיינט און מיט רעכט אַז די קריטיק דאַרף נעמען „אין באַטראַכט אַלע אַספּעקטן פֿון שאַפֿערישן פּראָצעס, דעם מאָטיוו, די פֿאָרעם, די סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע עלעמענטן, די עסטעטישע קריטעריעס אין זייער פֿולער רחבֿות".

מען קאָן ניט דערוואַרטן אַז פֿון אַ בוך וואָס באַשטייט פֿון 104 זײַטן זאָל מען קאָנען גרינדלעך אויפֿנעמען און באַהאַנדלען די אַלע קאַרדינאַלע פֿראַגן. אָבער דער לייענער קריגט פֿאָרט אַ באַגריף פֿון די אַלע פּראָבלעמען. עס איז אויך כּדאַי צו באַמערקן אַז חוץ די אַלע טעאָרעטיקער פֿון קונסט און ליטעראַטור פֿון די אומות־העולם ציטירט ער אויך די מיינונגען פֿון ייִדישע שרײַבער ווי יצחק יאַנאַסאָוויטש און די פֿאַרשטאָרבענע ש. ניגער און י. ראַפּאָפּאָרט.

„פֿאָרווערטס", ניו יאָרק, 1985

מאַטיוון פון דער זשורי פונעם חנה און לייב רובינליכט־פרייז אין ליטעראַטור־ און זשורנאַ־ ליסטן־פאַראיין

זײַנע ערשטע שרײַבערישע טריט האָט אפרים שרײַער געמאַכט גלײַכצײַטיק אין צוויי ריכטונגען: א) אין דער ריכטונג פון דער אידעישער און אידעאָלאָגישער פובליציסטיק, וואָס האָט אין זיך די פּראָבלעמען פון דער אַקטואַליטעט, ב) אין דער ריכטונג פון דער קונסט און אירע פאַרשידנאַרטיקע פאָרם־אויסדרוק, וואָס זענען, אַזוי צו זאָגן, למעלה מן הזמן און האָבן צו טאָן מיט דער אייביקייט אין זין פון דער קאָנטינויִטעט פון דער מענטשלעכער געשיכטע. אויסגעצייכנט האָט זיך אָבער אפרים שרײַער מיט דעם וואָס ער האָט נישט פאַרפלאָנטערט דיביידע קאָנטראַסטיקע תחומים און האָט דאָך אין זיי ביידע אַרויסגעבראַכט זײַן אני מאמין, זײַן קרעדאָ וועגן דער אויפגאַבע פון מענטשלעכן וואָרט. אפרים שרײַער האָט דעביוטירט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה מיט אַ פובליציסטישן מאמר אין דער אויסגאַבע פון די לינקע פועלי ציון. אין דער זעלבי־קער צײַט האָט ער זיך אָבער אָפּגעגעבן מיט דעם שטודיום איבער קונסט, בעיקר אין אירע פלאַסטישע און סצענישע זשאַנערן. און עס איז בפירוש געווען אַ נײַעס פאַר יענער צײַט, אַז אַ יונגער ייִדישער שרײַבער זאָל אַרויסגעבן אַ ביכל וועגן אַ באַרימט גע־וואָרענער יונגער אַקטריסע אויף דער פוילישער בינע, וואָס איר נאָמען איז געווען אירענאַ אײַכלער.

און פון דעמלט ביז הײַנט גייט אפרים שרײַער אויף דעם זעלביקן וועג אויף וועלכן ער האָט זיך פאַרנומען ווען ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן. מיר טרעפן גאָר אָפט זײַן נאָמען אין צײַטונגען פון אַ ייִדיש־סאָציאַליסטישער ריכטונג וועגן פראַגן, וואָס האָבן צו טאָן

מיטן מאָמענט, מיט דער אַקטואַליטעט אין אונדזער מדינישן און פּאָלקישן לעבן און מיר האָבן דאָס פאַרגעניגן צו לייענען זײַנע ביכער וועגן קונסט־פּראָגן און כּלערליי שפּעריש פּראָבלעמען. אין די דאָזיקע ביכער איז אונדז אפרים שרײַער נישט בלויז מסביר פאַרשידענע נײַע ריכטונגען אין דער קונסט און אין דער ליטעראַטור, נאָר ער באַווײַזט אויך מיט ערודיציע און פאַרטיפקייט, וואָס מיר דאַרפן אין אַט די נײַע ריכטונגען און שולן אָננעמען און וואָס מיר דאַרפן אָפּוואַרפן. מיט אַנדערע ווערטער: ער לערנט אונדז אַנאַליזירן דאָס קונסט־ווערק מיט זײַנע קוואַליטעטן און ערשט דאַן עס משפּטן און באַשטימען צי מיר דאַרפן עס אַקצעפּטירן אָדער נישט. אפרים שרײַער איז פאַר דער באַנײַונג אין דער קונסט און ער איז אַן אָנהענגער פון מאָדערניזם. ער האַלט אָבער, אַז די ווערט פון מאָדערניזם באַשטייט אין דעם וואָס ער גיט עפּעס צו צו דער טראַדיציע פון גײַסטיקן שאַפן און נישט אין דעם וואָס זשאָנגלירט מיט נײַקייט.

אפרים שרײַער האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער אין ייִדיש און אין עברית. זײַנע ביכער פאָדערן אַ באַזונדערן לייענער מיט אַ חוש פאַר טעאָרעטישע באַהאַנדלונגען. אַזעלכע לייענער זענען אין ערגעץ נישט פאַראַן צו פיל, אָבער די וואָס זענען יאָ פאַראַן, ווייסן ווי אַזוי צו שאַצן אַ שרײַבער, וואָס געווינט זייער צוטרוי מיט זײַן וויסן און צוגאַנג צו די פּראָגן, וואָס שטייען ברומו של עולם הקונסט.

אין זײַן בוך „בלעטער פון מײַן אַלבאָם" (דערשינען אין ייִדיש און אין עברית) באַווײַזט זיך אפרים שרײַער אין אַ פאַר אים נײַעם ליטעראַרישן זשאַנער. דאָס איז אַ בוך פון ליריש־ראָמאַנטישע אימפּרעסיעס, וואָס הגם זיי האָבן אין זיך עסעיִסטישע עלעמענטן, זענען זיי אָבער דורכאויסיקע בעלעטריסטיק און זיי ווײַזן אונדז דעם מחבר ווי אַ שרײַבער, וואָס פאַראייניקט לירישע מעדיטאַציע מיט בעלעטריסטישער נאַראַציע. זײַנע פּרויען־פיגורן אַרום וועלכע עס וויקלען זיך די נאָוועלן זענען געשילדערט אויף אַזאַ אופן, אַז זיי

קריצן זיך איַין אין זכּרון און וויַיזן אונדז זייער חן און זייער טראַגיק.

צוליב די דאָזיקע אויסגערעכנטע מאָטיוון האָט די זשורי איינ־שטימיק באַשלאָסן צוטיילן אפרים שריַיער דעם פּריַיז פון חנה און לייב רובינליכט פאַרן יאָר 1979 ביַים יידישן ליטעראַטן־ און זשור־נאַליסטן־פאַראיין אין ישראל.

די זשורי

די מוזיק פון געשריבענעם וואָרט

א. שרײַערס אָרוסטריט בײַם צוטײלן אים דעם בן משה־פּרײַז 1990

דער „וואָס" און „ווי אַזוי" אין דער שאַפונג זענען אָרגאַניש מיט זיך געבונדן. אין דער סאָציאַלער נאַטור פון דער יצירה פאַרמאָגן סיפור־המעשה, האַנדלונג, מאָטיוו — זייער אָרט אין דער שאַפונג, ווען אַפילו מיר האָבן צו טאָן מיט דעם נישט־טעמאַטישן מאָטיוו. דער שטאָף בילדעט די קאַנווע אויף וועלכער די שעפערישע האַנט שפּינט די ספּאָנטאַן־זעלישע און מחשבה־שעפערישע אייגנטימלעכקייטן פון זײַן טאַלאַנט.

דער „ווי אַזוי" — די פאָרם, נויטיקט זיך אינעם „וואָס" — דער מאָטיוו, די פּועטע, דאָס לעבנס־רעאַלע אין דער סיפּור־און רעאַגירט איינציטיק אין אַלע מעגלעכע סובלימירטע פאָרמען. דער מאָטיוו, די פּאָענטע, דאָס לעבנס־רעאַלע אין דער סיפּור־המעשה, ווי דאָס פאַנטאַסטיש־צוגעטראַכטע באַקומען אַ תּיקון נאָר דאַן בעת דער שטאָף ווערט דורך דעם קינסטלער דערהויבן צו אַ שעפערישן יש.

היסטאָריש־לעגענדאַרע און פאָלקלאָרישע מאָטיוון, די גאַלעריע העלדן אינעם ראָמאַן און דראַמע, וואָלטן אַז דער האַנט פונעם קינסטלער פאַרבליבן אויף די פּאַליצעס פון דער געשיכטע און מעשה־ביכלער. ערשט דער עמאָציאָנעל סובלימירטער נײַ־געבוירט, די יצירה, גיבן נשמה דער רעאַליטעט דורכן ליד, ראָמאַן, נאָוועלע און דראַמע.

✶

ס'וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען אַז בלויז די דיכטערישע פאָעמע אין אַלע מעגלעכע פאָרמען ווערט באַגלייט פון אַ ריטם־מוזיקאַלישן מהות, וועלכער לעבט אין דיכטער, אַן וועלכן ס'איז

נישט דענקבאַר קיין עכטע דיכטונג. דיכטונג מיינט מוזיק אָן קאָנ־ווענציאָנעל געשריבענע נאָטן.

אויך די פּראָזע ווי די דיכטונג ווערט באַגלייט פון אינערלעכער מוזיקאַלישן פּענאָמען אינעם קינסטלער. אָן דער ריטם־מעלאָדישער סימפּאָניע וואָלט וואָרט, זאַץ, דאָס דערציילערישע פאַרבליבן נישט מער ווי כראָניק, אָן אויפגעבלאָזענער סיפּור־המעשהדיקער פלוידער־זאַק, אַ גערעדעריי אויסגעהוילט פון יעדן קאָמפּאָזיציאָנעלן זין און קינסטלערישן תּכלית. געשטאַלטן וועלכע לעבן נאָר ווי סיטואַציע־פונקציעס אין דער האַנדלונג און וועלכע זענען נישט אַן אומ־באַדינגט נויטיקער טייל אין דער קאָמפּאָזיציאָנעלער סימפּאָניע, בילדן נישט מער ווי מאַנעקען־שטאָמפּן.

די פאַרטראַכטע טענדענץ און אידעע פון ווערק איז געבונדן מיט אַ שלל ליַידנשאַפטן, געפילן און שטימונגען, וויברירנדיקע שפּירונגען, זעלישע אָפּרופן ווי: אומרו, פרייד און טרויער, היַיטער־קייט און מידקייט, ליכט־אויפבליצן און שאָטן־דעפּרעסיעס, פון אַ ניגון וועלכער באַוועגט און באַהערשט די פען, העלט ווי אַ ליכט־זיַיל בײַם פאַרווירקלעכן דעם אינערלעכן מוז צו שאַפן. דער דאָ־זיקער אינערלעכער ניגון דערגרייכט טייל מאָל צום „נאָר העכער" פון י. ל. פּרץ, — עס אַנטשטייט יצירה.

דאָס נאָטירטע וואָרט אין דער פּראָזע ווי אין דער דיכטונג זענען די נאָטן צו דער אינערלעכער מוזיק.

די דיכטערישע פּאָעמע, איר מוזיק אַנטשטייט פיל מאָל נאָך איידער דער מחבר געפינט דעם מאָטיוו אָדער אַ נאָמען פאַרן מאָטיוו. אויך פאַרן פּראָזע־שרײַבער איז אין אַ געוויסן זיך די פּוּענטע, דער „תּירוץ" צום פאַרטראַכטן שטאָף. דער עצם חוש פאַר דערציילן און שילדערן איז דער חוש פאַר ריטם, מוזיקאַלישן טאַקט.

אויך איבערלעבונגען, ליַידנשאַפטן, עמאָציעס פאַרמאָגן אויסער זייער פּסיכאָלאָגישן יסוד אויך סטרוקטור.

דראַמאַטישער ספּאָנטאַנער אויסברוך פון געמיט, די עקספּרעסיע,

ווי אויך דער געדעמפטער אָפּהאַלט, ביז לאָזן שפּירן די לאַנגע פּויזע און דאָס שווײַגן וואָס זענען אָנגעלאָדן מיט פּאַטאָס פון אַן אַטמאָספער, וועלכע דרינגט פון דער סיטואַציע ווי למשל בײַ טשעכאָוון אָדער אין אַ. ווײַטערס „שטומער". די דאָזיקע מוזיק קומט צום אויסדרוק אינעם וואָרטקלאַנג, זאַצבוי, אינעם קלענסטן ניואַנס פון אָפּקלייבן דעם אידיאָם, אינעם וואָרטשטראָם, דער פּויזע, אינעם פּאַטאָס פון פאַרשוויגנקייט.

אָן דעם מוזיקאַלישן אָטעם וואָלטן שעקספּירס דראַמאַטישע געשטאַלטן פאַרבליבן נאַטירט אין דער געשיכטלעכער כראָניק. טאָלסטאָיס געשילדערטע פּאַנאָראַמע, דאָסטאָיעווסקיס מענטשן־גאַלעריע, ש. אַשס בילדערישע פּראַכטגעמעלן, זײַנע מוטער־מאָטיוון, דער טשעכאָווישער האַרבסט־געמיט, באַשעוויס־זינגערס שדים־ גע־שיכטעס, וואָלטן נישט געגרייכט צום קינסטלערישן פּאַרנעם אָן דעם דאָזיקן ניגון — וואָרטמוזיק.

ווי דען אַנדערש איז צו באַנעמען, למשל, יוליאַן טוּווימס וואָרט־ווירטואָזיקייט, די סימפּאָניע פון אברהם סוצקעווערס אומקום־מיסטעריע, פרידמאַנס גרייכן צום דעק, צום סוד, צום ניצוץ פון מענטשלעכן אין מענטש, אָדער ישעיהו שפּיגלס ווייען־אימאַזשן און די לעצטע אויסהויך־מאָמענטן פון די קרבנות. מען שפּירט ממש ווי די פּען פון מחבר וואָלט אָן אָפּהאַלט געשפּירט ווי גסיסה, סוף, לאָזן הערן דעם אומקום־ניגון („די קרוין").

אין ה. לייוויקס „גולם" איז פאַראַן אַ מאָמענט בעת דער גולם ווידערשפּעניקט דעם גײַסט פון זײַן באַשעפער — דעם מהר"ל און ער לאָזט אין גאַנג די פאַרטיליקונג. ווי אַ צעפלאַקערטער דאָרן ברעכט אויס דאָס געשריי, דער רוף פון מהר"ל: „איך הייס, שטיי!" — ווי דער כּוח פון בורא אַליין וואָלט אין אים זיך אַנטפּלעקט. אָדער ש. אנסקי אין דער באַאַרבעטונג פון וואַכטאַנגאָוון — דער שפּאַט־פעסטיוואַל, דער רעטשיטאַל פון די אָרעמע לייט — „כאַ, כאַ כאַ — דער דיבוק האָט געטראָפן אין דער טאָכטער פון רײַכן מאַן". וויפל אינערלעכע מוזיק פאַרלאַנגט זיך בײַם שאַפן

די אויבן דערמאָנטע יצירות. וויפל מוזיק פאַרלאַנגט, למשל, אַ יצירה ווי: משה — בעת דעם פּאַטעטישן פינאַל, ווען משה וואַרפט אין צאָרן די לוחות צו דער ערד?

עס איז צו זען ווי טרעפלעך עס פּאָרן זיך די אידעע, די פּוּענטע מיט דער פאָרם־גראַציע אין דער יצירה.

וואָס מיינט שלײַפן, פּאָלירן, סעלעקטירן, שטרײַכן און צוגעבן, ניואַנסירן דעם געשריבענעם אות, אַרויסברענגען דעם חן, וואָס באַקרוינט די קינסטלערישע שאַפונג?

דער ריטם וועלכער וויברירט אינעם מהות פון דער זעלישער דינאַמיק, דער אינערלעכער ווילן און מוז אַרויסצוברענגען דעם ניגון — קען באַצייכנט ווערן ווי דער „מאָטוס אַנימי קאָנטינוּוּס", — דער נישט איבערריַסבאַרער טרײַבבאַנד אין דער נשמה פון קינסטלער.

די רײַפע מחשבה, די קלאָרע אידעע, דער אינערלעכער ריטם צו סטימולירן, סובלימירן דעם שטאָף — פירן צו דער יצירה, — צום מיטאָס פון קונסט.

*

ווונדערלעך אינטערעסאַנט זענען די וועגן און שטעגן פון טאַלאַנט, בײַ וועלכע דער לאַנגער אָטעם־דויער דערלויבט זיי אין דער פולער רחבות אַנטפּלעקן זייערע פּאָטענציעלע באַגערן און חלומות. טאַלאַנט פאַרמאָגט די אייגנשאַפט אַז וואָס מער מען שעפּט פון קוואַל, אַלץ שטראָמיקער ווערט דער פלוס.

ס'איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז מענטשן וועלכע האָבן נישט וואָס צו זאָגן — ריידן פיל. די מענטשן פּריווילעגירטע פון דער נאַטור מיט גרויס טאַלאַנט האָבן וואָס צו זאָגן און שפּאָרן נישט דאָס וואָרט, ברענגען אַרויס דעם ניגון אין אַלע מעגלעכע ניואַנסן און פאַרבנקלאַנג. דער צאַרטער אינסטרומענט לאָזט הערן דעם ציטער־קלאַנג נאָך לאַנג לאַנג נאָכן באַרירן די סטרונעס פון דער האַרפע.

צי זאָל דאָס מיינען קונסט?

רשימה פון די באַטייליקטע מחברים

	זייט
י. ראַפּאַפּאָרט	7
ב. גראַובאַרד	12
י. גאָלדקאָרן	18
ד. ב. מלכין	24
יצחק טורקאָוו	27
ישׂראל גור	33
יעקב אַלסטער	35
מ. גיורא	38
מ. חלמיש	40
כרמלה סבחי	44
פרץ זעלמאַנאָווסקי	48
אברהם ליס	51
א. ב. י.	56
א. וואָלף־יאַסני	58
שמעון קאַנץ	63
פּייוול זיגעלבוים	72
יעקב־צבי שאַרגעל	86

	זייט
שלמה וואָרזאָגער	92
ו. דר.	105
יצחק יאַנאַסאָוויטש	107
נתן גראָס	115
דר. נח גריס	117
חיים זעלצער	121
שמחה פּאָלאַקעוויטש	126
ע. פעלד	132
מרדכי שנער	133
י. ח. בילעצקי	137
עקיבא פישבין	140
פנחס ערליך	144
דר. אליהו שולמאַן	149
מאָטיוון פון דער זשורי פון חנה און לייב רוביגליכט־פרייז	153
אפרים שרייער	157